STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08569

# LITERATUR UN KAMF

Beinish Mikhalevich

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*

*Arie & Ida Crown Memorial*

*The Seymour Grubman Family*

*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*

*Max Palevsky*

*Robert Price*

*Righteous Persons Foundation*

*Leif D. Rosenblatt*

*Sarah and Ben Torchinsky*

*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

כמורנער־פאָנד ביי דער ייד׳ שול־אָרגאַניזאַציע אין פוילן

ביינוש מיכאַלעוויטש

# ליטעראַטור און קאַמף

## זאַמלונג פון אַרטיקלען
## פאַר שול און יוגנט

מיט א ביאָגראַפיע
אָנגעשריבן פון
ח. ש. קאַזדאַן

קאָאָפּעראַטיווער פאַרלאַג „קולטור־ליגע", וואַרשע 1939

Printed in Poland

B. MICHALEWICZ
LITERATUR UN KAMF

Spółdzielnia Wyd. „Kultur Liga”
Warszawa 1939

וינצעריי ה. גלאַנץ, טוראַנאַווסקע 28 ט. 25

Druk. „Grafia”, Warszawa

# ב. מיכאַלעוויטש
(י. אײזביצקי)

## ביאָגראַפיע
פון ח. ש. קאַזדאַן

#ביינוש מיכאַלעוויטש — יוסף איזביצקי

(1928-1876)

אויב אויף דער מצבה פון וולאַדימיר מעדעם האָבן ייִדישע אַרבעטער אים אָנגערופן — „די לעגענדע פון דער ייִדישער אַרבעטער-באַוועגונג", דאַן דאַרף ביינוש מיכאַלעוויטש פאַראייביקט ווערן אונטערן נאָמען — „דאָס רעוואָלוציאָנערע ליד פון דער ייִדישער אַרבעטער-באַוועגונג". דאָס לעבן פון ביינוש מיכאַלעוויטש איז געווען אַ הערלעך רעוואָלוציאָנעריש געזאַנג, וואָס האָט געקלונגען הויך און מוטיק אין משך פון זיינע 34 יאָר באַוווסטזיניקער אַרבעט און קאַמף. פונעם ערשטן טאָג, ווען ער האָט זיך באַקענט מיטן סאָציאַליזם און אַרבעטער-באַוועגונג, האָט ער שוין נישט געוווסט קיין רו. מיט אומדערמידלעכער קראַפט און פלאַמיקן גלויבן האָט ער זיך אַריינגעוואָרפן אין דעם גרויסן קאַמף פאַר דער סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער באַפרייונג פון ייִדישן אַרבעטער-קלאַס, וועלכער האָט געשמאַכט אונטער דער ממשלה פון צאַריזם אין אַמאָליקן רוסלאַנד.

ביינוש מיכאַלעוויטש האָט נישט געוווסט, וואָס ס'איז אַזוינס מידקייט און רוען. קיין שום אַרבעט און קיין שום שליחות פון דער פאַרטיי איז פאַר אים נישט געווען צו שווער. קיין שום פאַרפאָלגונגען פון דער מאַכט האָבן זיין אימפעט נישט אָפּגעשטעלט. געשליידערט פון איין שווערער תפיסה אין דער צווייטער, געוואָגלט אויף די וועגן אין די קאַלטע פאָליאַרמקומות, געפייניקט דורך מערדערלעכע שפּיאָנען און זשאַנדאַרן,— האָט ער דאָך נישט פאַרלוירן דעם גלויבן אין מענטש און אין זיין גערעכטיקן קאַמף פאַר אַ נייער וועלט. און זיצנדיק אין תפיסה, ליגנדיק פאַרשטעקט אין אַ פינצטערן דאָרף טויזנטער

קילאָמעטער ווײַט פֿון אַ מענטשלעכן ישוב, האָט ביינוש מיכאַ־לעוויטש ווײַטער געשפּינט זײַן טרוים און אידעאַל, געבויט פּלע־נער ווי אַזוי אַרויסצורײַסן זיך פֿון דער געפֿענגעניש און קלעם, און געחלומט וועגן דער מינוט, ווען ער וועט זיך קאָנען באַ־ווײַזן פֿאַר די פֿירער פֿון דער באַוועגונג און זאָגן: איך בין ווײַטער צו אײַער באַפֿעל, איך בין ווײַטער גרייט צו נעמען אויף זיך אַרבעט און פֿליכטן.

קראַנק און פֿיזיש צעבראָכן, מיט צעשעדיקטע לונגען, וועלכע זענען אין די נאַסע תּפֿיסות און קאַרצערס אָנגערירט געוואָרן, האָט ער דאָך אויף קיין איין מינוט נישט פֿאַרלוירן זײַן מוט און פֿעסטן ווילן, און מיט אַלע קרעפֿטן זיך געקלאַ־מערט אין לעבן, זיך געצויגן צו דער זון, זיך געריסן אין די רײַען פֿון די קעמפֿער. צו 18 יאָר איז ער סאָציאַליסט געוואָרן, און פֿון יענעם טאָג האָט ער שוין מער נישט גערוט, און זײַן גאַנצן געזונט און לעבן אַוועקגעגעבן דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. אָט איז ער רעדנער אויף אַ גרויסער פֿאַרזאַמלונג אין וואַלד, אָדער אין אַ פּוסטער דירה אין דער פֿינצטער און אין געהיימניש; אָט שרײַבט ער אַ פּלאַמיקע פּראָקלאַמאַציע צו די יידישע אַרבעטער־מאַסן און טראָגט זי אַליין אַוועק אין דער געהיימער דרוקערײַ; אָט דינגט ער אויף זײַן נאָמען אַ ווױ־נונג און אָרדנט אײַן דאָ אַ געהיימע קאָנפֿערענץ פֿון „בונד“; אָט שמוגלט ער די גרענעץ און פֿאָרט אומלעגאַל קיין אויס־לאַנד, כּדי דאָרט זיך צו באַטייליקן אַלס בונדישער דעלעגאַט אין אַ גרויסן צוזאַמענפֿאָר פֿון דער גאַנצער רוסלענדישער סאָ־ציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי; אָט איז ער אַ רעדאַקטאָר פֿון די אומלעגאַלע אָרגאַנען פֿון די יידישע בערשטער און פֿון די יידישע גאַרבער; אָט איז ער ווײַטער פֿאַרפֿאָלגט פֿון שפּיאָנען און פּראָוואָקאַטאָרן, און ער דאַרף יעדעס מאָל בײַטן זײַן נאָמען און לעבן אויף אַ פֿרעמדן פּאַס, ענדערן זײַן וווינאָרט און אַפֿילו זײַן אויסזען; און אָט איז ער ווײַטער אין טורמע, אין געפֿענגעניש, אין די הענט פֿון זײַנע פֿײַנד און פֿאַר־פֿאָלגער...

אַט אַזוי גייט אַדורך דאָס שטורמישע, צום באַדויערן און ווייטאָק, צו קורצע לעבן פון ביינוש מיכאַלעוויטש. אַ לעבן, פון וועלכן ער האָט צען יאָר מקריב געווען – אויף תּפיסות און פאַרשיקונג. אָבער אַ לעבן פול מיט שיינקייט און מסירת־נפש. אַ לעבן – אַ הערלעך האַרמאָניש געזאַנג, דאָס געזאַנג פון קאַמף, דאָס געזאַנג פון רעוואָלוציע, דאָס געזאַנג פון דערוואַכטן יידישן אַרבעטער־קלאַס. אַ לעבן – אַ הייליקע שבֿועה דער יידישער אַרבעטערשאַפט.

*

אינעם ערשטן קאַפּיטל פון דעם בוך ווערט דערציילט, ווי אַזוי דאָס יונגע יינגל יוסף האָט באַאָבאַכטעט די פּיאָנערן פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין בריסק, אין זיין געבורט־און היימשטאָט. „צער־בעלי־חיימניקעס" האָט מען זיי דאָרט שפּאָטיש גערופן. אָבער גראָד דער נאָמען האָט דעם יונגן יוסף גערייצט, געצויגן. אַלץ איז געווען פאַרשלייערט מיט טיפער גע־היימניש, קאָנספּיראַציע. מען האָט זיך געדראַפּעט היטן פאַר פּאָ־ליציי, שפּיאָנען, מוסרים, זשאַנדאַרן. און צופעליק אַנטדעקט דער יונגער יוסף אַ געהיים קעסטעלע ביי זיין עלטערער שוועס־טער – און דאָרט אַן אוצר פון אומלעגאַלער ליטעראַטור.

ביינוש קאָן זיך נישט אָפּרייסן פון די דאָזיקע קליינע ביי־בעלעך, געדרוקט אויף דינעם פּאַפּיר אין געהיימע דרוקעריען. ביכעלעך, וועלכע דערציילן וועגן דער שווערער נויט פון אַר־בעטסמאַן, וועגן די וואָס נוצן אים אויס אומברחמנותדיק; ביי־בעלעך, וועלכע שילדערן, וואָס פאַר אַ סדר עס דאַרף זיין אויף דער וועלט, און וועלכע שטעלן זיך אַנטקעגן דעם הערשנדן רעזשים פון רוסישן צאַריזם – אַ וועלט פון פרייהייט, גלייכ־הייט, ברידערלעכקייט, די וועלט פון סאָציאַליזם. מיט זיין ריי־נעם גערעכטיקייט־געפיל, מיטן אינסטינקט פון ליבע צום מענטש, מיט זיין אומגעדולדיקער יונגטלעכער נשמה — דערפילט ער דעם גרויסן אמת, וואָס איז באַהאַלטן אַט אין די קליינע ביי־בעלעך. און דער יונגער יוסף באַשליסט: איך בין מיט די אַר־

בעטנדיקע און עקספּלואַטירטע! איך בין מיט די אָרעמע און פאַרפאָלגטע! זיי זענען מיינע ברידער און צו זיי געהער פון היינט אָן מיין לעבן!

אָט אַזוי איז ביינוש געוואָרן אַ סאָציאַליסט.

דאָס איז געווען אין 1894 יאָר, ווען ער איז אַלט געווען 18 יאָר. ביינוש מיכאַלעוויטש איז געבוירן געוואָרן אין בריסק אין דעצעמבער 1876 און זיין אמתער נאָמען איז געווען יוסף איזביצקי. ער שטאַמט פון אַן אַרבעטער־שטוב – זיין פאָטער איז געווען אַ שלאָסער־מעכאַניקער און געאַרבעט אויף דער בריסקער־אייזנבאַן. אַלס ייִד, איז ער אָבער אין גיכן באַזייטיקט געוואָרן פון זיין פּאָסטן, און דאָס איז טאַקע געווען איינע פון די ערשטע געשעענישן אין לעבן פונעם יונגן יוסף. און ווייל ער האָט אַרום זיך געזען נויט, און ווייל זיין פאָטער איז אַליין געווען אַ קרבן פון אומגערעכטיקייט לגבי יידן, אַ קרבן פון פּאָליצייישן ווילקיר אין דער צאַרישער מלוכה, — איז זיין האַרץ געווען אָפן פאַר דער פאַרשטענדעניש פון דעם, וואָס הייסט נויט און אומרעכט אין לעבן, וואָס באַדייט אָרעמקייט און פאַרפאָלגונג; האָט זיך אין זיין נשמה דערוועקט דאָס געפיל פון פּראָטעסט און דער שטרעבן צום קאַמף.

דאָס איז געווען, ווי געזאָגט, אין 1894 — אין די יאָרן ערב דער גרינדונג פון „בונד”. אָבער עס איז שוין געווען אַ יידישע אַרבעטער־באַוועגונג, עס זענען געווען אָרגאַניזאַציעס און טוערס. אַרום איז געווען — יידישער געטאָ: אָרעמקייט, דערשלאָגנקייט, קולטורלאָזיקייט, חושכניש. עס האָט געהערשט דער פּאָליציימאַן מיטן קאָזאַק – אין נאָמען פון צאַר; אויף דער יידישער גאַס — האָבן געבאַלעבאַטעוועט די יידישע קאָבלעפל און פני, די שיינע יידן, די רבנים און מגידים. און דאָ אין דער מיט זענען געשטאַנען יידישע אינטעליגענטן און באַוווסטזיניקע אַרבעטער, וועלכע האָבן געט־וימט צו צעשמעטערן די ווענט פון פינצטערן געטאָ, צערייסן די קייטן פון שקלאַפעריי וואָס דער צאַרישער רעזשים האָט אָנגעטון אויף אַלע בירגער פון לאַנד, באַפרייען פון קנעכטשאַפט די יידישע פאָלקסמאַסע אין

בריסק, פונקט ווי אין צענטליקער אַנדערע שטעט און שטעטלעך פון יידישן תחום. האָבן זיך די יידישע אַרבעטער אָנגעהויבן אָרגאַניזירן, זיי האָבן געבויט אײַזערנע „קאַסעס" און פּאַראַיי־נען, אין גיכן האָבן זיי אָנגעהויבן שטרײַקן קעגן די באַלעבאַ־טים, און שפּעטער אָרגאַניזירן פּראָטעסטן קעגן דעם רעזשים פון נאַהײַקע און קנעכטשאַפט, קעגן דער זעלבסטהערשאַפט פון אומבאַגרענעצטן צאַר און זײַנע משרתים. אויף דער יידישער אַרבעטער־גאַס האָט זיך פאַרשטאַרקט דער עקאָנאָמישער קאַמף, און וואָס ווײַטער — אויך דער פּאָליטישער קאַמף, אין פאָרם פון דעמאָנסטראַציעס, קאַמפּס־אַרויסטרעטונגען, אויפשטאַנדן. אין רוסלאַנד איז געוואַקסן די אַלגעמיינע רעוואָלוציאָנערע באַוועג־גונג, עס איז אויך געוואַקסן די יידישע רעוואָלוציאָנערע אַרבעט־טער־באַוועגונג. דער יונגער יוסף איז געוואָרן אַ זעלנער און אָנהענגער פון אָט דער באַוועגונג, און גאָר אין גיכן איז ער געוואָרן איינער פון אירע פירער און אָנפירער. דער יונגער יוסף איזביצקי איז מיט דער צײַט באַקאַנט געוואָרן אַלס חבר מי־כאַיל, ח' ביינוש, און נאָך שפּעטער אַלס ב י י נ ו ש מ י כ אַ ל ע־ וו י ט ש.

ווי געזאָגט, האָט אויפן יונגן יוסף געהאַט אַ גרויסע וויר־קונג די טראַגעדיע, וועלכע זײַן אייגענער פאָטער האָט איבער־געלעבט. ס'טײַטש, זײַן פאָטער איז געווען אַ גוטער קוואַליפי־צירטער אַרבעטער, אַ געהילף־מאַשיניסט, ער איז געווען באַליבט בײַ דער באַן־דירעקציע, — און דאָך... ער איז אין אַ שיינעם פרימאָרגן אַרויסגעשליידערט געוואָרן פון זײַן אַרבעטספּלאַץ, און ער און זײַן גאַנצע פאַמיליע זענען פאַראורטיילט געוואָרן דאויף נויט און הונגער. וועמ איז עס שולדיק געווען אין דעם אומיקן גרויסן אומגליק, וואָס האָט זיך מיט אַ מאָל אויסגעגאָסן אויף זייער היים, אויף זייער פאַמיליע?

דער יונגער יוסף האָט זיך אין גיכן דערוווסט: דאָס איז געקומען די צײַט פון דעם גרויזאַמען קייסער אַלעקסאַנדער III, וועלכער האָט געוואָלט אין יידיש בלוט דערטרינקען די רעוואָ־לוציאָנערע באַוועגונג פון רוסישן פאָלק; ער האָט עס אײַנגע־

שטעלט אַ רעזשים פון אַנטיסעמיטיזם און אומברחמנותדיקע פאַר־פאָלגונגען לגבי די יידישע פאָלקסמאַסן, אויף וועלכע עס האָבן זיך גענומען שיטן נייע גזירות און באַגרענעצונגען, גזירות און רציחות אָן אַ שיעור. מ׳האָט אַרויסגעשיקט הונדערטער יידישע פאַמיליעס פון שטעט און דערפער, מ׳האָט פאַרבאָטן זיך צו באַשעפטיקן מיט די און אַנדערע פרנסות, מ׳האָט באַזייטיקט פון מלוכהשע אַמטן... אַ שוידערלעכע צייט איז אָנגעקומען פאַר די אָרעמע יידישע אַרבעטסמענטשן! און איינער פון די דאָזיקע קרבנות איז געווען אויך מרדכי איזביצקי, דער פאָטער פון אונדזער יוסף און קינפטיקן ביינוש מיכאַלעוויטש.

דער יונגער יוסף האָט זיך געמוזט פאַרטראַכטן — ווו איז דער קוואַל פון שלעכטס אין יידישן לעבן, אין גאַנצן אַרום. זיין בליק האָט זיך אַלץ מער אויסגעברייטערט, זיין פאַרשטאַנד איז געוואָרן אַלץ קלאָרער — און ער קומט צום גלויבן און איבערצייגונג: דער קוואַל פון אַנטיסעמיטיזם איז דער צאַרישער רעזשים, די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג, דער גאַנצער סיסטעם פון אומפרייהייט און אומרעכט, וואָס הערשט אין לאַנד. און לויטן ביישפּיל פון זיינע צוויי שוועסטער, וועלכע האָבן שוין געהערט צום ערשטן סאָציאַליסטישן קרייז אין בריסק, ווערט אויך ער אַ סאָציאַליסט. און ווי נאָר ער איז צוגעשטאַנען צו אָט דעם לאַגער, האָט אים שוין זיין טעמפּעראַמענט און רעוואָלוציאָנערער מוט געטריבן ווייטער צו אַקטיווער אַרבעט, צו רעוואָלוציאָנערע מעשים און אויפטוען. אַן ערנסטער און פֿעיקער פון דער נאַטור, האָט ער אַלץ מער זיך פאַרטיפט אין דער אידייע פון סאָציאַליזם, געאַרבעט איבער זיך און געשטודירט די געהעריקע ליטעראַטור, געלערנט און געפאָרשט, און אַ דאַנק דעם האָט ער זיך גאָר גיך אַרויסגערוקט אין די ערשטע רייען, און זיין איינפלוס אין דער באַוועגונג איז געוואַקסן אַלץ מער.

1897 — דאָס איז דאָס יאָר, ווען עס איז געגרינדעט געוואָרן דער „בונד". און שוין אין דעם יאָר איז ביינוש מיכאַלעוויטש אַן אַקטיווער טוער און פירט אויס פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט. אין יענעם יאָר איז ער שוין זייער פּאָפּולער אין בריסק,

די גאַנצע שטאָט רעדט פון זיין טעטיקייט. דאָ טרעפט ער זיך צום ערשטן מאָל מיטן גרינדער פון „בונד“ — אַרקאַדי קרעמער. אין 1898 איז ביינוש שוין טעטיק אין ביאַליסטאָק, אין דער גרויסער שטאָט פון יידישער פאַבריק־אַרבעט. דער „בונד“ צענטראַליזירט אַלץ מער די באַוועגונג פון די באַזונדערע שטעט און שטעטלעך. ער דרוקט און שטעלט צו אומלעגאַלע ליטעראַטור אין דער יידישער שפּראַך, ער לערנט ווי אַזוי צו אַגיטירן און אָרגאַניזירן די ברייטערע מאַסן אַרבעטער, דער צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד“ פירט אַ גרויסע פּאָליטישע אויפקלערונג צווישן די מאַסן, רעוואָלוציאָניזירט זיי און מאַכט זיי גרייט צו אָפענע פּראָטעסטן און פּאָליטישע קאַמפן מיטן צאַריזם. ביינוש מיכאַלעוויטש איז צווישן די ערשטע און אַקטיווסטע. עס הייבט זיך אָן זיין אומאויפהערלעכע טעטיקייט — אין משך פון יאָרן און יאָרן. ער איז פול אומעטום. אָט איז ער אין ביאַליסטאָק, און באַלד אין וואַרשע, און אין לאָדזש, און אין מינסק, ווילנע, און ווייטער אין וואַרשע, און ווייטער אין ביאַליסטאָק, זשיטאָמיר, באַרדיטשעוו, קיעוו און אַזוי בסדר אָן אויפהער.

גלייכצייטיק הויבן זיך באַלד אָן שיטן אַרעסטן און פאַרפאָלגונגען. ביינוש מיכאַלעוויטש ווערט געשליידערט פון איין טורמע אין דער צווייטער, פון איין געגנט אין דער צווייטער. אָבער צווישן איין אַרעסט און אַרויסשיקונג לויפט ביינוש און רייסט זיך אַרויס אויף דער פריי, און שוין — שטייט ער ווייטער ביי דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט. דערציילן די געגויטע געשיכטע פון אָט די יאָרן פון מיכאַלעוויטשעס לעבן, אָנגעהויבן פון 1897 ביז דער ערשטער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד אין 1905, און ווייטער ביז דער וועלט־מלחמה פון 1914 און דער צווייטער רוסישער רעוואָלוציע פון 1917; – דערציילן אָט די ראַזיקע ביאָגראַפיע פון ביינוש מיכאַלעוויטש – דאָס הייסט דערציילן די געשיכטע פון „בונד“. זיין לעבן איז געווען באמת אַן אָפּבילד און פאַרקערפּערונג פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. זיין גייסט – אַזוי ווי דער גייסט פון דער גאַנצער

באַוועגונג. זײַן אַרבעט — אַ הייליקער פלאַקער, אַ ליכטיקער פײַערזײַל אין דער מדבר פון יידישן געטאָ. זײַן ברוייזנדע נאַטור, זײַן רעוואָלוציאָנערישקײַט און אומדערשראָקנקײַט, זײַן פעסטקײַט און אומגעבראָכנקײַט — דאָס איז געווען דער סימבאָל פון דעם יונגן אַרבעטער־קלאַס, וואָס איז אַנטשטאַנען אין יידישן לעבן און וואָס האָט זיך געריסן צו אַ נײַער וועלט פון פרײַהײַט און גלײַכהײַט.

און אַזוי איז ער פאַרבליבן ביזן סוף פון זײַן לעבן. אויסגעבונדן מיט די יידישע פאָלקסמאַסן, האָט זײַן נשמה געפלאַקערט מיט אַ גרויסער ליבע צום אַרבעטער, איז ער פאַרבליבן דער טריבון און שליח־צבור פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט, האָט ער וועגן איר נישט אויפגעהערט טראַכטן און קעמפן, האָט ער זי אַלץ ווײַטער געפירט צו נײַע שלאַכטן און צו נײַע דערגרייכונגען.

*

1914. וועלטקריג, וועלכער פאַרציט זיך אויף גאַנצע 4 יאָר. עס פליסן טײַכן בלוט. אַ חורבן גיסט זיך אויס אויף די יידישע מאַסן. די צאַרישע מאַכט איז זיך נוקם אין דער יידישער באַפעלקערונג פאַר די מפּלות, וועלכע זי לײַדט אויף די שלאַכטפעלדער מצד דער דײַטשער אַרמיי. יידישע שטעט און שטעטלעך ווערן רויִנירט פון באָמבעס פון אַעראָפּלאַנען, פון שווערער אַרטילעריע. טויזנטער יידישע משפחות ווערן אַרויסגעטריבן פון זייערע ערטער, און מען שלעפּט זיי אַוועק ווײַט אין טיף רוסלאַנד. עס פאַלן טויזנטער אומשולדיקע יידישע קרבנות, אונטער דער באַשולדיקונג פון שפּיאָנאַזש און מלוכה־פאַרראַט. הונגער און טויט צעשפּרייט זיך צווישן דער יידישער אָרעמקײַט. אַרויסגעיאָגט פון זייערע וווינערטער, פאַרלירן עלטערן זייערע קינדער, קינדער פאַרלירן זייערע טאַטעס און מאַמעס. און אויף די פראָנטן שטייען יידישע זעלנער אונטערן ביקס — סיי אין דער רוסישער אַרמיי, סײַ אין דער עסטרײַכישער און דײַטשער, און שיסן און פאַרטיליקן איינע די אַנדערע...

און אַט איז שוין וואַרשע אָקופּירט דורך די דײַטשן. די רוסישע אַרמיי לויפט אויף צוריק. און נאָך אַ ביסל – איז שוין אויך ווילנע אונטערן קנאַפּל פון דײַטשן אָקופּאַנט. און אַזוי לאָדזש און קאַליש, און אַזוי שעדלעץ, לובלין אאַ"וו אאַ"וו. נײַע לעבנס־באַדינגונגען אונטער דער הערשאַפט פון דײַטשן אָקופּאַנט, וועלכער באַהאַנדלט דאָס לאַנד ווי אַ רויבער. נויט און הונגער נעמט אַרום די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג, אַר־בעטלאָזיקייט, אַדום – צענטליקער הונדערטער יתומים, היימ־לאָזע, פאַרוואָרלאָזטע, הויל און נאַקעט, אונטער אַ רעזשים פון קריגסצושטאַנד.

ח' ביינוש רוט נישט אויך בעת דער מלחמה. ער פאָרט אַרום איבער די גרעסערע שטעט און האַלט אונטער די פאַר־בינדונגען מיט די אָרגאַניזאַציעס, ער פאַרברענגט אַ צײַט אין וואַרשע און איז דאָ דער פאַרשטייער פון „בונד" אין דער אַנט־שטאַנענער צווישנפאַרטייִשער „ראַדע". קורץ פאַרן פאַרנעמען ווילנע דורך די דײַטשן, באַזעצט ער זיך דאָרטן לויטן באַשלוס פון צענטראַל־קאָמיטעט, כּדי אָנצופירן מיט דער אַרבעט אונ־טער דער אָקופּאַציע. און דאָ אַנטוויקלט ביינוש ווײַטער אַ גרויסע טעטיקייט. ער וואַרפט זיך אַרײַן אין דער וויכטיקער הילפסאַרבעט פאַר די אָרעמסטע און אומגליקלעכסטע פון דער יידישער באַפעלקערונג. ער אָרגאַניזירט קיכן און טייהאַלעס פאַר די אַרבעטלאָזע. ער ווייסט – מען דאַרף שאַפן ברויט פאַר די הונגעריקע, אַ שול און דערציִונגס־הויז פאַר די קליינע קינדער, מען דאַרף אויך טראָגן קולטור אין די יידישע מאַסן, כּדי זיי זאָלן נישט פאַריאושט ווערן, פאַרחיהשט ווערן. און ביינוש מי־באַלעוויטש איז פול אומעטום, ער נעמט אָנטייל אין אַלע אַר־טיקע הילפס־אינסטיטוציעס, ער העלפט שאַפן דעם „אַרבעטער־קולטור־פאַראיין", ער גיט אַרויס אייניקע זאַמלהעפטן, ער איז טעטיק אין אוניווערסיטעט פאַר אַלעמען און אין די פּראָפעסיאָ־נעלע פאַראיינען. אין ווילנע איז טעטיק אַ בירגער־קאָמיטעט און שפּעטער אַ יידישער צענטראַל־קאָמיטעט, וועלכער פירט אָן מיט דער אַלגעמיינער הילפסאַקציע אין שטאָט, – ביינוש

מיכאַלעוויטש איז דאָרט דער פאַרטרעטער פון די יידישע אַר־בעטער, ער לייענט לעקציעס און רעפעראַטן איבער פּאָליטי־שער עקאָנאָמיע און יידישער ליטעראַטור, ער אינטערעסירט זיך מיט די נייע שולן, וועלכע ווערן געגרינדעט אין ווילנע און ווערן געפירט אין דער יידישער שפּראַך. דער נאָמען יוסף איזביצקי איז אומגעהויער פּאָפּולער, ער איז באַקאַנט און באַליבט ביי די ברייטסטע מאַסן.

אין מערץ, 1917, קומט די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד. איר אָפּקלאַנג דערגרייכט אויך אויף דער זייט גרענעץ, אין די שטעט פון דער אָקופּאַציע און אויך אין ווילנע. דער „בונד", וועל־כער איז די גאַנצע צייט טעטיק אין ווילנע, לאָזט איצט נאָך העכער הערן זיין שטים. ביינוש מיכאַלעוויטש איז אין ווילנע טעטיק אויף אַלע געביטן – אַז אַלע ווייסן: דאָס איז דער פאָרשטייער פון „בונד", די דייטשע אָקופּאַנטן קאָנען שוין מער נישט דולדן די טעטיקייט פון אָט דעם יוסף איזביצקי, זיי באַ־שליסן אים צו אַרעסטירן און אָפּשיקן אין געפאַנגענען־לאַגער.

באַזונדער גרויס ווערט דער צאָרן פון דער דייטשער קריגסמאַכט, ווען אויף איר פאַראָרדענונג וועגן צוואַנגסאַרבעט פאַר דער גאַנצער ווילנער באַפעלקערונג באַוויזט זיך אַ שאַר־פער מוטיקער אויפרוף אויף יידיש, וועלכער ענטפערט דער מאַכט: מיר וועלן נישט גיין! מיר וועלן זיך נישט לאָזן שלעפּן אויף צוואַנגסאַרבעט!

די גאַנצע שטאָט האָט געוווסט, אַז דער מחבר פון אָט דער פלאַמיקער פּראָקלאַמאַציע איז – יוסף איזביצקי. זיין נאָ־מען איז געווען אויף אַלעמענס ליפּן. די דייטשע מאַכט זוכט אים. עס דראָט אים מיליטער־געריכט. אָבער אין מיליטערישן שטאָב זענען געווען דייטשע אַזוי ליטווישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, און ווען דאָרט דרוקט זיך אַ פּאַפּיר וועגן אַרעסטירן יוסף איז־ביצקי, קומט מען צו לויפן אין בונדישן פּאַרטייקלוב וואָרענען, און ח' ביינוש פרווט זיך נעלם ווערן. אויפן וועג פון פּאַרטיי־קלוב טרעפט מען אים אָבער, און מען אַרעסטירט אים. גאַנץ ווילנע איז אויף רעדלעך. ווען ח' ביינוש ווערט פאַרהערט

דורך דער אויספאָרשונגס־מאַכט, איז די גאַס אַרום דעם לאָקאַל בובשטעבלעך שוואַרץ פין מענטשן. ח׳ ביינוש האַלט זיך מוטיק און ענטפערט: דער „בונד״ וועט נישט לאָזן נעמען אויף צוואַנגסאַרבעט... די יידישע געזעלשאַפטלעכע טוער הייבן זיך אָן משתדל זיין וועגן ה׳ מיכאַלעוויטש, ד״ר צ. שאַבאַד זאָגט עדות, אַז דער אַרעסטירטער איז קראַנק. עס גיט זיך איין אַרויסצובאַפן ביינושן פון פייער, און מען באַהאַלט אים אויס אין אַ הויז פון איינעם פון דער אָרטיקער יידישער בורזשואַזיע.

די דייטשן האָבן אָבער באַלד הרטה געקריגן, און זיי האָבן תיכף אָנגעהויבן זוכן דעם ח׳ מיכאַלעוויטש. מען האָט ענערגיש געשפּיאָנעוועט. 3 וואָכן צייט איז ח׳ מיכאַלעוויטש געווען פאַרבאַהאַלטן אין דער בירגערלעכער שטוב. דערוויילפאַראינטערעסירן זיך מיטן אַרעסט פונעם באַרימטן בונדיסטישן טוער און פירער די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע דעפּוטאַטן פון דייטשן פּאַרלאַמענט אין בערלין, זיי אינטערווענירן ביי דער מאַכט און עס ענדיקט זיך מיט דעם, וואָס ח׳ מיכאַלעוויטש באַקומט, צוליב זיין קראַנקהייט, אַ דערלויבעניש זיך צו באַזעצן אין אָטוואָצק בתנאי, ער זאָל דאָרט זיך נישט פאַרנעמען מער מיט פּאָליטיק און זאָל דאָרט פאַרבלייבן ביזן סוף פון דער דייטשער אָקופּאַציע. מען גיט אים 48 שעה אויף צו דערלעדיקן זיינע פּערזענלעכע ענינים, און אין באַגלייטונג פון אַ געהיים־אַגענט ווערט ער אָפּגעפירט קיין אָטוואָצק.

אין גיכן קומט אָבער דער נאָוועמבער פון 1918, וועלכער מאַכט אַ סוף צו דער הערשאַפט פון די דייטשן איבערן פוילישן לאַנד. פוילן שטייט אויף תחית־המתים, פוילן ווערט אַן אומאָפּהענגיקע זעלבסטשטענדיקע רעפּובליק. עס קומט די לובלינער רעגירונג, וועלכע פּראָקלאַמירט די רעכט פון פאָלק.

פאַר ביינוש מיכאַלעוויטשן הייבט זיך אָן אַ נייע תקופה פון לעבן און אַרבעט. איצט האָט ער פאַר זיך אַ פּריי פעלד פון טעטיקייט, — ער קאָן אויפטרעטן פאַר טויזנטקעפּיקע פאַרזאַמלונגען און ברענגען פאַר זיי זיין פלאַמיק וואָרט. ביינוש איז ווידער אין וואַרשע, אָבער שוין אין אַן אַנדער וואַרשע,

אין דער הויפּטשטאָט פון דער יונגער רעפּובליק, ווו עס קאָנ־צענטרירן זיך אַלע אינטערעסן פון דער מלוכה, ווו עס איז דער צענטער פון דער גאַנצער פוילישער און יידישער אַרבע־טער־באַוועגונג. מיט נייעם מוט און אימפּעט וואַרפט זיך אַריין ביינוש אין דער אַרבעט. ער שרייבט טאָגטעגלעך אין דער „פאָלקסצייטונג״, ער רעדט אויף מיטינגען, ער באַטייליקט זיך אין אַלע אָנפירנדיקע אינסטאַנצן פון דער פּאַרטיי.

דער נאָמען ביינוש מיכאַלעוויטש ווערט מיט יעדן טאָג אַלץ פּאָפּולערער ביי צענטליקער טויזנטער אַרבעטער. ביינוש הייבט אויך אָן צו באַזוכן די גרעסערע און אַמאָל אַפילו קלע־נערע שטעט פון דער פּראָווינץ. ער פירט אין וואָרט און שריפט שאַרפע פּאָלעמיקעס און דיסקוסיעס מיט פּאָליטישע קעגנער. ער באַגייסטערט און רופט די יידישע אַרבעטער צו ווייטערדיקע קאַמפן, און ער ווערט אַלץ מער באַליבט ביי די מאַסן, מיט וועלכע ער קומט אין באַרירונג. ער טיילט זיך אויס פון אַנדע־רע טוערס מיט זיין פשוטקייט און פאָלקסטימלעכקייט, ער איז שטענדיק מונטער און לעבנסלוסטיק, ער איז חבריש און צו־טריטלעך פאַר יעדן פּאַרטיי־מיטגליד, – און עס ציט זיך אַ גרויסע זון פון ליבע צו ביינושן — פון די הערצער פון צענ־טליקער און צענטליקער טויזנטער.

די דאָזיקע ליבע האָט זיך באַזונדער בילט אַרויסגעוויזן אין יאָר 1926, ווען ביינוש איז געוואָרן אַלט 50 יאָר. ביינוש האָט איצט אין וואַרשע, אין אומאָפּהענגיקן פוילן, געלעבט אַזוי ווי ער האָט געלעבט שטענדיק אין די אומלעגאַלע יאָרן. ער האָט כמעט ווי נישט געוווסט פון קיין פּערזענלעך לעבן, ער האָט זיך אין גאַנצן געווידמעט און אָפּגעגעבן דער באַוועגונג פון יידישן אַרבעטער־קלאַס. געוווינט האָט ער אין וואַרשע אין אַ קליין צימערל אויפן זעקסטן שטאָק אויף פּאַוויע גאַס נומער 4. די רעדאַקציע „פאָלקסצייטונג״ ווידער האָט זיך געפונען אויף נאָוואָליפּיע 7, אויפן 5טן שטאָק. און אַזוי פלעגט ביינוש, מיט זיינע קראַנקע לונגען, מיט זיין אָפּגעשוואַכט האַרץ, זיך שלעפּן

צוויי מאָל אַ טאָג אַרויף און אַראָפּ און אַדורכמאַכן 11 שטאָק און נאָך אַ מאָל 11 שטאָק...

אָט אַזוי האָט געלעבט דער דאָזיקער אידעאַליסט און באַשיידענער פירער. אָן אַן אייגענער וווינונג, אָן די מינדסטע באַקוועמלעכקייט און מעבל, אויף די הויכע שטאָקן — ביידע אָן אַ „ווינדע" (הייבמאַשין), פּיזיש שוואַך, שטענדיק פאַרהאַ־רעוועט. אַזוי האָט געלעבט דער טריבון און פירער פון יידישן פּראָלעטאַריאַט. שלעפּט זיך ביינוש 1—2 ביי נאַכט אויף די גע־דרייטע, שמאָלינקע און שווערע טרעפּ, טאַפּט דעם וועג אין דער פינצטער, מוז זיך אויפן וועג צו זיין צימער נישט איין מאָל אָפּשטעלן, כדי צו כאַפּן דעם אָטעם, און ענדלעך — איז ער אין גרויסן און געפלאָנטערטן קאָרידאָר, ער דערקלייבט זיך צו זיין צימער... פונעם דאָזיקן צימערל זיינעם אויפן זעקסטן שטאָק, האָט מען געזען נאָר דעכער, גרויע ווענט. דאָס דאָזיקע צימערל האָט אָבער אַזוי ווי געקיניגט איבער די יידישע גאַסן און געס־לעך און פון דאָרטן האָט ביינוש געזען פאַר זיך דעם יידישן געטאָ, אין וועלכן די אַרבעטערשאַפט האָט זיך אַזוי געדריקט און געשטיקט. נאָר אויב די זון און דער בלויער הימל האָבן נישט געטראָפן צו אָפט אין דעם דאָזיקן צימערל אַריין, האָבן אָבער דערפאַר אַהער זיך געצויגן און אַריינגעדרונגען שטראַלן פון גרויסער ליבע און איבערגעגעבנקייט צום אַזוי טייערן און באַליבטן ח' ביינוש מיכאַלעוויטש.

און אָט דערוויסן זיך די יידישע אַרבעטער פון וואַרשע, אַז ביינוש ווערט אין גיכן 50 יאָר. און עס שאַפט זיך אַ גרוי־סע „פאַרשווערונג" קעגן ביינושן. יידישע אַרבעטער בילדן אויס אַ „געהיימען ראַט" און גרייטן צו פאַר זייער ביינושן — אַ סיורפּריז. מען זאַמלט שטילערהייט צווישן זיך געלט, און לויטן מנהג פון יענער צייט אין וואַרשע, קויפט מען אַ דירה פון 2 צימערן טאָקע אין דעם זעלבן הויף אויף פאַוויע 4, מען שטעלט אַריין אַהין שיינע באַקוועמע מעבל, אַ שאַנק מיט ביכער, מען פירט אַריין אַ טעלעפאָן, מען הענגט אויף שיינע לאָמפּן און פּרעכטיקע בילדער, און מען קלאַפּט צו אויף דער טיר אַ

שילדל: יוסף איזביצקי. און עס קומט אַ שיינער טאָג, און
מען „פאָרנאָרט" ביינושן אין דער נייער וווינונג, און מען מעל־
דעט אים: אַט האָסטו אַ מתּנה פונעם יידישן אַרבעטער־קלאַס
פאַר דיינע צענטליקער יאָרן אַרבעט און ליידן, אַ באַלוינונג
פאַר דיינע תּפיסות און וואַגלעניש, אַ באַלוינונג פאַר דיינע
פלאַמיקע רעדעס, וועלכע האָבן אַזוי באַגייסטערט די מאַסן, אַ
באַלוינונג פאַר דיין אונטערהאַלטן דעם פלאַם פון רעוואָלוציע
און אויפשטאַנד אין די הערצער פון יידישע פּראָלעטאַריער.

אַלע האָבן זיך באַטייליקט אין דער מתּנה, בראש זענען
געגאַנגען די דרוקער־אַרבעטער, נאָך זיי אַלע אַנדערע. אויך
פּערזענלעכע פריינד און דער צענטראַל־קאָמיטעט האָבן דאָ צו־
געלייגט אַ האַנט. עס איז געווען אַ פרייד און באַפרידיקונג פאַר
אַלעמען. ביינוש איז ווי אַ קינד געווען גליקלעך און שטאָלץ.
דאָס איז געווען דער צייכן פון דער גרויסער ליבשאַפט צו אים
פון דער גאַנצער אַרבעטערשאַפט, פון דער באַוועגונג, פון דער
פּאַרטיי.

אָבער נישט נאָר אייגענע האָבן ליב געהאַט און געאַכ־
טעט ביינוש מיכאַלעוויטשן. אויך קעגנער האָבן זיך צו אים באַ־
צויגן מיט אַכטונג און דרך־ארץ – זיי האָבן געוווּסט: דאָס איז
אַ מאַן פון קרישטאָלענער ריינקייט, דאָס איז דער סימבאָל און
פאָרטרעטער פון דער אַרבעטער־מאַסע. זיי האָבן געשעצט זיין
אינטעליגענץ, זיין פאַרשטענדעניש פאַר אַלע פראַגן פון יידישן
לעבן, זיין באַהאַוונטקייט אין דער יידישער קולטור און ליטע־
ראַטור, זיין אויפריכטיקייט און אָרנטלעכקייט, זיין איינפאַכקייט
און אוממיטלבאַרקייט. ביינוש איז אַ לענגערע צייט געווען מיט־
גליד אין דער פאַרוואַלטונג פון דער וואַרשעווער קהילה, און
אויך דאָ האָט ער זיך אַנטפּלעקט מיט אַלע זיינע שיינע אייגנ־
שאַפטן, מיט טיפער מענטשלעכקייט און אויפמערקזאַמקייט צום
ליידנדן, צום אָרעמען און דערשלאָגענעם. צענטליקער מענטשן
האָט ער טובֿות געטון, געראַטעוועט פון געפאַרן און שווערער
לאַגע. דאָ, אין דער קהילה, האָט ביינוש געשטורעמט די פעס־
טונג פון דער יידישער רעאַקציע, האָט מוטיק באַקעמפט דאָס

גבירגערטום און דעם קלער (רבנים און כּלי־קודש), דאָ האָט ער עקעמפּט פאַר די אינסטיטוציעס פון דער נייער יידישער קול־טור. דאָ האָט ער פיל ק ע נ נ ע ר געהאַט, אָבער נישט קיין פיינט. דאָ האָט אים זיין איידעלער כאַראַקטער געשאַפן נייע פריינד און פאַרערער.

בלויז 10 יאָר איז ביינוש מיכאַלעוויטשן באַשערט געווען צו אַרבעטן ביי די נייע באַדינגונגען אין אומאָפּהענגיקן פּוילן. בלויז 2 יאָר איז אים באַשערט געווען צו לעבן אין דער נייער דירה, וואָס דער יידישער פּראָלעטאַריאַט האָט פאַר אים איינ־געריכטעט. אָבער פאַר אָט די צען יאָר האָט זיך ביינושס טאַ־לענט פונאַנדערגעוויקלט אין זיין גאַנצער פּראַכט. ער אַרבעט אָן אויפהער, אָן אָפּרו. ער דרוקט אָפּ עטלעכע ביכער: „סאָ־ציאַלאָגישע עטיודן און פּאָליטישע סקיצן", 3 בענדער „זכרונות פון אַ יידישן סאָציאַליסט"; ער דרוקט גרעסערע אַרבעטן אינעם „אַרבעטער־לוח", אין דעם זשורנאַל „אונדזער צייט", אין „רויטן פנקס", „צוקונפט" א"אַ און אין דער „פאָלקסצייטונג" גופא שרייבט ער אונטער זיין אייגענעם נאָמען און אונטער פּסעוודאָ־נימען (אָן אַלטער באַקאַנטער, דער זעלבער) אויף פאַרשידנ־אַרטיקע טעמעס: ער רופט זיך אָפּ אויף פראַגן פון טאָגטעגלע־כער פּאָליטיק, ער שרייבט וועגן יידישן לעבן, וועגן יידישער ליטעראַטור און קולטור־פּראָבלעמען, ער שרייבט אַלגעמיינע אָפּהאַנדלונגען איבער פראַגן פון סאָציאַליזם, ער שרייבט וועגן יידישן טעאַטער, יידישער שול און נאָך און נאָך. זיין פּרוכט־באַרקייט איז זייער גרויס. זיין רירעוודיקייט, אימפּולסיווקייט – נאָך גרעסער. אויך אין געדרוקטן וואָרט פלאַקערט זיין רעוואָ־לוציאָנערער אָטעם.

אין 1921 ווערט געגרינדעט די צענטראַלע יידישע שול־אָרגאַניזאַציע. ביינוש איז די פירנדיקע פיגור אויפן ערשטן שול־צוזאַמענפאָר. ער עפנט און שליסט דעם צוזאַמענפאָר, און זיינע פייערדיקע ווערטער ווערן אַריינגעשריבן אין דער געשיכטע פון יידישוועלטלעכן שולוועזן. ביינוש ווערט אויסגעקליבן פאַרן ערשטן פאַרזיצער פון דער ניי־געגרינדעטער צ י ש אָ, און ער

פאַרבליבּט איר פּאַרזיצער און אָנפירער ביזן לעצטן טאָג פון זײַן לעבן. אַזוי אַרום איז ביינוש מיכאַלעוויטש אינטים געבונדן נישט נאָר מיט דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, נאָר אויך מיט דער יידישער ליטעראַטור און מיט אונדזערע שרײַבער, מיט דער יידיש־וועלטלעכער שול און איר גרויסער באַוועגונג אין לאַנד. ער איז געווען דער לעבעדיקער אויסדרוק און סימ־באָל פון דעם, אַז די נײַע יידישע וועלטלעכע קולטור איז גע־בונדן און קאָן וואַקסן נאָר אויפן באָדן פון יידי׳ אַרבעטער־קלאַס, אַז אינעם יידישן לעבן איז פאַראַן נאָר איין כּוח און איין קלאַס, וועלכער האָט אַן אויפריכטיקע באַציונג און באַ־דערפעניש אין דער נײַער קולטור, אַז נאָר ער איז גרייט צו קעמפן פאַר די רעכט פון דער יידישער שפּראַך — דאָס איז דער יידישער אַרבעטער־קלאַס. און דער שענסטער טריבון און קעמפער פאַר אָט דעם אַלעם איז געווען — ב י י נ ו ש מ י כ אַ ־ ל ע װ י ט ש.

אין 1927 האָט זיך בײַ ביינושן אַנטדעקט אַ שווערע קראַנקהײַט, און וואָס ווײַטער איז די דאָקטוירים אַלץ קלאָרער געוואָרן, אַז דאָס איז די געפערלעכע, אומהיילעוודיקע קראַנק־הײַט, וואָס טראָגט דעם נאָמען „ראַק״ (קרעבס). ביינוש איז אַלץ מער אײַנגעדאַרט געוואָרן, אַ נעלקײַט האָט באַרעקט זײַן פּנים — און צום סוף האָט ער זיך געמוזט אַרײַנלייגן אין בעט. לאַנג האָט זיך געצויגן די דאָזיקע קראַנקהײַט, און שווערע יסורים האָט ער געליטן. טויזנטער האָבן זיך אינטערעסירט מיט זײַן צו־שטאַנד, און זענען געווען גליקלעך צו הערן וועגן אים אַ וואָרט. צענטליקער זענען געשטאַנען בײַם טויער פון פּאַוויע 4 — אפשר וועלן זיי זיך דערוויסן אַ שטיקל גוטן גרוס וועגן קראַנקן בײַ־נוש מיכאַלעוויטש.

באַזונדער באַליבּט איז ביינוש געווען בײַ דער יוגנט, פאַר וועלכער ער פלעגט זייער אָפּט אויפטרעטן מיט רעדעס און רע־פעראַטן. ביינוש האָט געוווּסט, וועלכע געפילן די יוגנט האָט צו אים, און ער האָט יעדעס מאָל פון קראַנקן בעט געשיקט גרוסן צו איר. און ווען ער האָט זיך דערוווּסט, אַז די יוגנט

האָט אין וואַרשע אַ גרויסן לאַנד־צוזאַמענפֿלי, אײַלט ער פֿון טויטן בעט איר צו שיקן אַ באַגריסונג און זײַן לעצטע צוואה, וועלכע לייענט זיך אַזוי:

„יונגע חברים און פֿרײַנד!

מיט געשפּאַנטער אויפֿמערקזאַמקייט און אָנגע־שטרענגטן אינטערעס שפּיר איך נאָך פֿון מײַן געצוווּנגע־נער איינזאַמקייט אײַער אימפּאָזאַנטן צוזאַמענפֿלי אין אונדזער הויפּטשטאָט. איך בין טיף באַגײַסטערט פֿון דעם גרויסן דערפֿאָלג פֿון אײַער אונטערנעמונג.

ווײַל דאָס זענען דאָך הײַנט זיך צוזאַמענגעפֿלויגן אונדזערע שוועבנדיקע חלומות פֿון 31 יאָר צוריק. דאָס מאַרשירט הײַנט אַזוי שטאָלץ אונדזער אייגענע צוקונפֿט, דאָס גייט אונדז אַנטקעגן אַזוי ריטמיש אונדזער מאָרגנ־שטערן.

הויבט זשע זיך העכער, איר שטורעם־אָנזאָגער פֿון דער צוקונפֿט! פֿליט שטאַרקער, שטאָלצער, ביז איר וועט דערגרייכן דאָס לאַנד פֿון אַ גלײַכער און פֿרײַער מענטש־הײַט, ביז איר וועט קומען צו דער מלוכה פֿון סאָציאַ־ליזם".

אַזוי האָט גערעדט דער געטרײַער און אויסגעפּרוווטער פֿי־רער, וועלכער האָט געפֿילט, אַז עס דערנענטערט זיך דער טאָג פֿון זײַן פֿאַרלאָזן די מחנה פֿון קעמפֿער, דער טאָג פֿון זײַן לעצטן אָטעם... אַזוי האָט געשריבן ביינוש מיכאַלעוויטש צו דער יוגנט אין חודש אָקטאָבער 1928.

און צו דער יידיש־וועלטלעכער שול, צו די חברים פֿון דער צענטראַלער יידישער שול־אָרגאַניזאַציע האָט ער פֿון דעם זעלבן טויטנבעט אין יענע טעג געשריבן אַזוי:

„געבוירן אין נויט, דערצויגן אין פּײַן, אַרומגע־רינגלט מיט טרײַשאַפֿט און ליבע, האָט אונדזער שול, דאָס שענסטע און בעסטע, וואָס מיר האָבן לעצטנס געשאַפֿן אין פּוילן, אויסגעהאַלטן די שווערסטע רדיפֿות, וואָס מען

האָט געמאַכט אויף איר, און זי וועט אויף ווייטער גע־
וויס נישט אומקומען".

... „אַ פרייע, וועלטלעכע מאָדערנע שול אין דער
לעבעדיקער שפּראַך פון די יידישע מאַסן – דאָס איז די
קולטור־באַדערפעניש פון די דערוואַכטע מאַסן, דאָס איז
אונדזער ציל, דאָס איז אונדזער אידעאַל"...

„וועלן די יידישע מאַסן בלייבן טריי זייער שול־
קאַמף, וועלן די עלטערן אַרויסווייזן זייער איבערגעגעבנ־
קייט און צוגעבונדנקייט צו אונדזער שול, וועלן מיר ווײַ־
טער מיט דער זעלבער מסירת־נפש, ווי ביז אַהער, שטיין
אויף דער וואַך און טאָן אונדזער אַרבעט, וועט דער יידישער
לערער שטיין ווייטער ווי ביז אַהער ביי זיין גרויסן און
שווערן און הייליקן פּאָסטן, – וועט אונדזער שול אַרויס־
גיין מיט נצחון.

„ענגער אַרום אינדזער שול, פעסטער און טרייער
טון אונדזער אַרבעט, און אונדזער שול וועט געקרוינט
ווערן מיט נצחון.

„זאָל לעבן אונדזער שול!"

אַזוי האָט געשריבן ח' ביינוש מיכאַלעוויטש אין אַ בריוו
צו דער שול־אָרגאַניזאַציע געציילטע טעג פאַר זיין טויט. דאָס
איז, קאָן מען זאָגן, זיין צוואה געווען. אין די דאָזיקע צוויי בריוו
האָט זיך אין זיין גאַנצער שיינקייט אָפּגעשפּיגלט דער גרויסער
גייסט פון אונדזער טייערן חבר, וועלכער האָט אַפילו אין די
ביטערסטע טעג פון זיין קראַנקהייט אין זינען געהאַט נישט זיך,
נישט זיין אויסגעמאַטערטן גוף און זיינע יסורים, נישט זיין פּריי־
וואַט לעבן און פּערזענלעכע אינטערעסן, נאָר די גרויסע באַוועג־
גונג – און פריער פאַר אַלץ די יוגנט, די קינדער, אַט דעם
נייעם דור, וואָס וואַקסט־אונטער און דאַרף פאַרווירקלעכן די
„שוועבנדיקע חלומות" פונעם אַרבעטסמענטש.

*

דעם 30טן אָקטאָבער 1928 איז ח' ביינוש מיכאַלעוויטש

דורכן גרויזאַמען טויט אַוועקגעריסן געוואָרן פון אונדז אויף אייביק. דער יידישער אַרבעטער־קלאַס האָט איינגעהילט אין טרויער זיינע רויטע פענער און באַגלייט אויפן אָרט פון אייביקער רו דעם קערפּער פון זיין לערער און פירער. צענטליקער טויזנטער האָבן זיך אין דעם טרויערצוג באַטייליקט, הונדערטער דעלעגאַציעס זענען צו דער לוויה געקומען פון גאַנצן לאַנד.

דער ברענענדיקער פאַקל פון סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע און רעוואָלוציאָנערן ענטוזיאַזם האָט זיך אויסגעלאָשן. דער יידישער אַרבעטער־קלאַס האָט פאַרלוירן איינע פון זיינע שענסטע פּערזענלעכקייטן, זיין געטרייסטן דינער און פירער, זיין פאַקלצינדער און וועקער. די מעכטיקע שטים פון מונטערער און וועקער איז שטיל געוואָרן. די קלאַנגען פון גרויסן רעוואָלוציאָנערן ליד זענען פאַרשטומט געוואָרן.

אויך די יידישע ליטעראַטור האָט געטרויערט — זי האָט אָנגעווווירן איינעם פון אירע פעיקסטע פּובליציסטן און פּאָפּולאַריזאַטאָרס, איינעם, וואָס האָט מיט זיין פעדער געקאָנט אַזוי פיל אומדרו שאַפן אין די מוחות און הערצער פונעם יידישן לייענער. עס איז אַוועק איינער, וואָס האָט געהאַט די אינטימסטע באַציונג צום יידישן לעבן, צו דער יידישער שפּראַך און קולטור. עס איז אַרויסגעפאַלן די פען פון די הענט פון דעם, וואָס האָט געהאַט די גרויסע פאַרשטענדעניש און פעיקייט צו פאַרבינדן ליטעראַטור מיט לעבן און קאַמף, צו שטויסן די ליטעראַטור צו די הויכקייטן פון די גרעסטע אידעאַלן און גלייכצייטיק זי מאַכן אַזוי נאָענט און ליב פאַר די ברייטסטע מאַסן.

עס האָט אויך געטרויערט די יידיש־וועלטלעכע שול. זי האָט געדענקט יענעם טאָג, ווען פאַר די דעלעגאַטן פונעם צווייטן שול־צוזאַמענפאָר (1925) האָבן אַלע קינדער פון די וואַרשעווער צישאָ־שולן דורכגעפירט דורך דער בינע פון גרויסן קאַמינסקי־טעאַטער: אין מאָמענט פון גרעסטן עקסטאַז פון גאַנצן זאַל האָט ח׳ ביינוש מיכאַלעוויטש, דער פאָרזיצער פון צוזאַמענפאָר און פון דער צענטר. ייד. שול־אָרגאַניזאַציע, זיך אָנגעשלאָסן צום סאַמע סוף פון קינדערצוג און ווי אַ קינד, מיט זיי־

נע לײַבטנרע בלויע אויגן און אין אוממיטלבאַרער פרײדיקער גליקשאַפט, אויך געמאַרשירט און געהויבן הויך דעם טראַנספּאַרענט „זאָל לעבן די ייִדיש־וועלטלעכע שול!“. דאָס איז געווען פאַר אַלעמען דער סימבאָל פון דער אייניקײַט צווישן דער אַרבעטער־באַוועגונג און שול, קינד און דערוואַקסענע האָבן זיך צונויפגעגאָסן אין איין גרויסער טאַט, די צענטליקער יאָרן קאַמף פאַר אַ שול אין דער מוטערשפּראַך און פאַר אַ פרײַע וועלטלעכע דערציִונג – האָבן אויסגעשטרעקט די הענט צום קינד, צום טרעגער פון דער צוקונפט. דאָס איז געווען ביינוש מיכאַלעוויטש. איצט איז די ייִדיש־וועלטלעכע שול פאַריתומט געוואָרן...

די ייִדיש־וועלטלעכע שול, די ציש״אָ, האָט פאַרלוירן איר פלאַמיקסטן קעמפער און אָרגאַניזאַטאָר, איר אַמבאַסאַדאָר אין דער מחנה פון ייִדישן פּראָלעטאַריאַט, – דעם, וואָס האָט ווײַטער געשפּינט דעם גאָלדענעם פאָדעם פון י. ל. פּרץ און וול. מעדעם.

הײַנט צו טאָג האָט די ציש״אָ: שולן און קינדערהיימען אויפן נאָמען ב. מיכאַלעוויטש — אין וואַרשע, לאָדזש, ביאַליסטאָק א״אַ. עס איז אונדזער דענקמאָל פאַר ב. מיכאַלעוויטש. אָבער דעם אמתן דענקמאָל האָט ער זיך אויפגעבויט אין די הערצער פון די ייִדישע אַרבעטער־מאַסן, אין די הערצער פון דער יוגנט און קינדער, אין אונדזערע אַלעמענס הערצער און נשמות.

אייביק וועט בײַ אונדז לעבן דער אָנדענק פון ב. מיכאַלעוויטש!

ביינוש מיכאַלעוויטש פאַר דער מלחמה

ביינוש מיכאַלעוויטש און ב. וולאַדעק בײַם קבר פֿון וולאַדימיר מעדעם
אין ניו־יאָרק אין יאָר 1924.

פון בוך:

# „זכרונות פון א יידישן סאציאליסט"

# צער־בעלי־חיים

אין יעדער שטאָט האָט מען די פּיאָנערן פון דער יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג געקרוינט מיט אַן אַנדער נאָמען. אין ווילנע, דהיינו, האָט מען די מענער גערופן „די פילאָזאָפן“, און די פרויען האָט מען נאָכגעשריגן „די צעבויגענע היט“. אין ביאַליסטאָק האָט מען זיי גערופן „די קאָמונע מיט דער שיסל“ און ביי אונדז, — אין דער איצט חרובער און דאָך אַזו באַרימט־געוואָרענער שטאָט — בריסק, האָט מען אונדז אַלע מזכּה געווען מיטן נאָמען „צער־בעלי־חיים“.

פון וואַנען ס׳שטאַמט דער דאָזיקער נאָמען, קאָן איך אויף זיכער נישט זאָגן. מעגלעך, אַז אַזוי האָבן די אָרטיקע באַלעבאַטישע פּאָליטיקער אויפגעפּאַסט די פונקציעס פון יענעם קרײַזל, וואָס האָט געלעבט אָפּגעזונדערט פון שטאָטישן לעבן, פאַרבאַהאַלטן, און אַזוי משונהדיק אָריגינעל. ס׳איז פאַראַן אויך אַ סברה, דאָס אין דעם נאָמען זאָל זיך אויסדריקן אַ שטעכעדיקע איראָניע. אַ צער־בעלי־חיים, זאָל דאָס הייסן, נעבעך אויף זיי, די שנאָרערס, די קבצנים מיט די ברייטע קאַפּעלושן און שוואַרצע פּעלערינעס.

שפּעטער שוין מיט יאָרן האָט די אָרטיקע זשאַנדאַרמעריע אויסגעטײַטשט דעם דאָזיקן נאָמען אין איר באַשולדיקונגס־אַקט גאַנץ אָריגינעל: צער־בעלי־חיים — מענטשן, וואָס אָנערקענען נישט קיין צאַר און לייקענען אויך אין גאָט. אַזוי האָבן די יידישע באַלעבאַטים־מוסרים פאַרטײַטשט די זשאַנדאַרן דעם אמתן פּירוש המלות פון דעם לשון־קודשדיקן נאָמען.

ווי ס׳זאָל נישט זײַן, דער דאָזיקער צונאָמען האָט זיך צו־

געקלעפּט צו גאַנצע עטלעכע דורות ייִדישע סאָציאַליסטן פון אונדזער שטאָט. פאַרגעסן געוואָרן איז ער ערשט מיט יאָרן שפּע־טער, ווען די סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט אָנגענומען אַ מאַסן־כאַראַקטער, ווען אין איר זענען אַרײַנגעצויגן געוואָרן פּשוטע בעלי־מלאכות, שנײַדער און שוסטער, גאַנצע צענטליקער און הונדערטער. דאָס האָט, אַפּנים, שוין אויסגעזען צו פיל פאַר אַ חברה צער־בעלי־חיים און דער נאַרישער נאָמען איז אַראָפּ פון די באַלעבאַטישע צינגער.

מיר אָבער האָבן געהאַט גענוג אויסצושטיין פון דעם צו־נעמעניש. דאָס יונגוואַרג פלעגט אונדז תּמיד נאָכלויפן אין די גאַסן מיט אַ געשריי און קאָנצערט: „צער־בעלי־חיים!". באַלע־באַטישע יונגעלײַט און דערוואַקסענע פרײַלנס פלעגן בײַם באַ־געגענען זיך מיט אונדז מיט אַ כּיוון אונדז שטעכן מיט די ווער־טער „ס'איז אַ צער"; מער אָנשטענדיקע, אינטעליגענטע מענטשן פלעגן זיך שושקען און טײַטלען מיט די פינגער אויף אונדז און די מוטערס און קרובים פון די, וועלכע זענען פאַררעכנט געוואָרן צו די „צער־בעלי־חיים", פלעגן פאַרגיסן ביטערע טרערן אויפן אומגליק, וואָס זיי האָט געטראָפן און האָבן ממש באַווײנט זייערע קינדער לעבעדיקערהייט.

גענוי, ווען דער דאָזיקער קרײַז איז געבילדעט געוואָרן בײַ אונדז, קאָן איך נישט זאָגן. אַ סברה, אַז זײַן גענעאַלאָגיע ציט זיך נאָך פון די 80קער יאָרן — פון אַ גרופּע ייִדישע נאַ־ראָדאָוואָלצעס. יעדנפאַלס געדענק איך אים שוין פון אָנפאַנג 90ער יאָרן, אַלס אַ גרופּע יונגעלײַט און פרײַלנס, מערסטנטיילס לערערס, סטודענטן און גימנאַזיסטקעס. צווישן זיי זענען אויך געווען עטלעכע בעלי־מלאכות, אָבער נישט ווי די איבעריקע פּשוטע אַרבעטער. אַלע אַזעלכע אויסטערלישע: אַנדערש געקליידט, מיט אַן אַנדער הילוך און האַלטונג. די „שטאָט" האָט זיי געהאַלטן פאַר „פאַרשטעלטע" אַרבעטער.

דאָס לעבן פון דעם דאָזיקן קרייז איז אויך געווען עפּעס אַזוי משונהדיק, נישט געוויינלעך. אין אַ באַזונדער פאַרשפּאַרט צי־מערל פלעגן זיי זיך צונויפקומען, די בחורים מיט די מיידלעך,

און... מען פלעגט נישט טאַנצן, נישט שטיפן, נישט פאַרברענגען ווי יונגעלײַט פאַרווײַלן זיך געוויינלעך מיט יונגע מיידלעך, נאָר מען פלעגט זיך רק סודן, אָדער פאַרלעזן שטענדיק ביכער, רעדן רו־סיש און גיין אָפּגעזונדערט שפּאַצירן אויף פּאַרוואָרפענע, באַזונ־דערע שטעגלעך. אָט די דאָזיקע געהיימענישן, אָט דאָס פאַרבאַ־האַלטן זיך פון די „צער־בעלי־חיימניקעס" האָט, אַפּנים, געשאַפן דעם גרעסטן אומצוטרוי און פחד צו זיי. אינסטינקטיוו האָט דער יידישער באַלעבאַטישער עולם געפילט, אַז דאָרט ווערט עפּעס גערעדט און באַהאַנדלט אַזעלכע ענינים, פון וועלכע פּראַקטישע מענטשן אַנטלויפן, ווי פון אַן אומגליק; מען האָט אויך גערעדט, אַז די חברה לעבן אַלע צווישן זיך „אין קאָמונע", אַז דאָרט „אין חדרל" ווערט אָפּגעטון מעשים־תּעתּועים, אַז קיין אָנשטענ־דיק קינד טאָר אין זייערע ד' אמות נישט שטיין און מוז אויס־מײַדן מיט זיי אַפילו זיך צו באַגעגענען.

קיין אַרעסטן און בכלל רעפּרעסיעס מצד דער מאַכט אויף דעם קרײַז זענען בײַ אונדז אין שטאָט צו יענער צײַט נישט פאָרגעקומען. דער גאַנצער געשריי און שטרײַט איז נישט אַרויס פון דער יידישער גאַס און איז פּשוט צו דער גוישער וועלט נישט דערגאַנגען. איין מאָל נאָר האָט אונדזער שטאָט אויפגע־קאָכט, ווי אין אַ קעסל.

ס'איז עפּעס דורכגעפאַלן אַ בריוו פון וואַרשע, און צו דער גרויסער איבערראַשונג פון אַלע בריסקער אײַנוווינער, האָבן זשאַנדאַרן אַרעסטירט אַן אָנגעזעענעם שטאָט־גבאיס אַ טאָכטער און זי פאַרשפּאַרט אין דער שטאָטישער געפענגעניש. אַ גאַנצן טאָג האָט דעמאָלט בײַ אונדז אין שטאָט געררוישט, ווי אין אַ צע־שראָקענעם בינשטאָק. דער נאָמען פון דער „חצופה" איז נישט אַראָפּ פון די מײַלער און טויזנטער מענטשן, יונג און אַלט, האָבן זיך געלאָזן צו דער גאַס, וווּ דאָס „ווײַסע מויערל" האָט זיך געפונען, צו קוקן אויף דעם בייזן וווּנדער.

דעם דאָזיקן אַרעסט האָט מען — אויך גיכער דורך אינ־טויציע, ווי דורך אַ פּאָזיטיווער באַגרינדונג, — צונויפגעבונדן מיט די „צער־בעלי־חיים" און זיי האָבן דעריבער דעם עולם נאָך מער

געשראָקן און ער האָט זיי צוליב דעם נאָך שטאַרקער געדודפּט...
„אַזעלכע לײַט״ — פלעגט מען צווישן זיך רעדן שטיל — „קומען שוין קיין לעבעדיקע נישט צוריק. מען לאָזט זיי אַראָפּ אין וואַרשע אין ווײַסל אויף אַ שטריק, אָדער זיי ווערן פאַרפאַלן, אַז מען ווייסט נישט, ווו זייער געביין קומט אַהין״.
די אַלע אָנגעהערטע מעשיות פלעגן רייצן מײַן יונגע פאַנ־טאַזיע, ס׳פלעגט עפּעס ווי צו להכעיס ציִען צו די מאָדנע מענטשן, וואָס אַלע האָבן זיי אַזוי פײַנט און ווע מען ס׳וואַרט אַזאַ בייזער סוף.
אָבער אַ שטאַרקע ווירקונג האָט אויף מיר געהאַט אַ גע־היימניספול קעסטעלע, וואָס האָט זיך אין אַ שיינעם אָוונט באַוויזן בײַ אונדז אין שטוב. איך האָב געוווסט, אַז דאָרט געפֿי־נען זיך ביכער, אָבער גאָר אַן אַנדער סאָרט ביכער, וועלכע מען טאָר נישט האַלטן אָפן און מען קאָן זיי אין קײַן ביבליאָטעק נישט באַקומען. שוין זייער אויסערלעכער אויסזען האָט צו זיך געצויגן: עפּעס אַזעלכע דינענקע, אָן אײַנבונד, אַלע מיט אַ לייַ־דיקן ווײַסן שער־בלאַט פאַרנייט. צוקומען צו זיי האָב איך אָבער נישט געקאָנט; דער שליסל איז שטענדיק געווען באַהאַלטן בײַ מײַן שוועסטער און נישט אַכטנדיק אויף אַלע מײַנע בקשות, האָט זי מיר דערווײַל נישט געוואָלט אָנטרויען קיין ביכער פון יענעם קעסטל.
געטון האָט דאָס אָבער פאַר איר דער צופאַל. איך פלעג שוין תמיד נישט אַראָפּנעמען מײַנע אויגן פון יענעם אָרט, ווו די נײַע „סתרי־תורה״ איז געלעגן פאַרבאַהאַלטן און פלעג שטענדיק השגחה געבן אויף דעם קעסטל. עס האָט מיך פשוט גערייצט פאַר־פירעריש, ווי אַ פאַרבאַהאַלטענער מעפּיסטאָפעל. אייינמאָל אין אַ שיינעם פרימאָרגן, איך גיי צו צו דעם קעסטל — עס שטייט אָפן! מײַן שוועסטער האָט עס, משמעות, פאַרגעסן צו פאַרשליסן. מיט ציטערדיקע הענט האָב איך זיך צוגעכאַפּט צו אים און גענומען מיט האַרץ־קלאַפּעניש פונאַנדערוואַרפן די ביכער, וואָס זענען דאָרט געלעגן אַזוי פיל, גאַנצע צענטליקע, רוסישע, יידישע, גראָ־בע ביכער און קליינע ספרימלעך. פאַר מיר האָט זיך ווי אויפגע־

עפנט אַ נײַע פֿאַרבאָרגענע וועלט, פּונקט ווי איך וואָלט אַרײַנגע־דרינגען אין די סודות פֿון דער נײַער קבלה, ווי איך וואָלט פֿאַר־שטאַנען דעם באַהאַלטענעם זין פֿון די גריכיש־רוימישע סיביל־ביכער.

האַלב אײַנגעבויגן בין איך געלעגן אויסגעצויגן איבערן קעסטל און נישט געלייענט, נאָר ממש געשלונגען די ווערטער, געבלעטערט די פֿאַרשידענע זײַטלעך, אַוועקגעוואָרפֿן אײנס און זיך גענומען צו אַ צווייט ביכל. בײַ אַזאַ אַרבעט האָט מיך גע־כאַפּט מײַן שוועסטער, קומענדיק מיט אַ פּאָר שעה שפּעטער אַ היים, און דער סוד איז שוין געבליבן אונדזערער אַ בשותּפֿותדיקער. איך האָב זיך דורך דעם געקויפֿט דאָס רעכט צו ווערן, צו גלײַך מיט די איבעריקע קרײַז־מיטגלידער, אַ שטענדיקער אַבאָנענט פֿון דער געהיימנישפֿולער ביבליאָטעק.

איך געדענק נאָך ווי הײַנט: דעם שטאַרקסטן אײַנדרוק, וואָס האָט געהאַט כמעט אַ דעצידירנדיקע ווירקונג אויף מײַן גאַנצן ווײַטערדיקן לעבן, האָט געמאַכט אויף מיר דווקא אַ קליינע בראָ־שור פֿון עטלעכע בלעטלעך – די רעדע פֿון אַ באַשולדיקטער אין באַרימטן „פּראָצעס פֿון 193" (1877) סאָפֿיאַ באַרדינאַ. איר פֿאַרטיידיקונגס־רעדע, וואָס זי האָט געהאַלטן פֿאַר די רוסישע ביוראָקראַטן – ריכטער, האָט אַזוי איבערצײַגנדיק געווירקט מיט איר אײַזערנער לאָגיק, האָט אַזוי צוגעצויגן מיט איר פֿלאַ־מענדיקן ענטוזיאַזם, האָט אַזוי אויפֿגערעגט די באַליידיקטע גע־פֿילן, דאָס איך האָב גלײַך נאָך דעם זיך געשפּירט אין גאַנצן „באַ־זיגט" און האָב טיף מיטן קאָפּ אַראָפּגעטויכט אין דער מחנה פֿון „די געדריקטע און באַליידיקטע".

אַזוי בין איך אַרײַנגעטרעטן, צו דעם 18טן יאָר פֿון מײַן לעבן, אין די „צער־בעלי־חיים".

# מײַן פֿאַרבאַהעלטעניש

דער ערשטער צוזאַמענפֿאָר פֿון „בונד" האָט באַשלאָסן צו דערקלערן די „אַרבעטער-שטימע" פֿאַר דעם צענטראַלן אָרגאַן פֿון דער פּאַרטיי. דער דאָזיקער אָרגאַן אָבער פֿלעגט דערשײַנען נישט-פּעריאָדיש און איז געווען אויסגערעכנט אַמייסטן פֿאַר דעם באַוווּסטזיניקערן טייל פֿון די אַרבעטער, אויף די אָרגאַניזירטע מאַסן. ער האָט דערפֿאַר נישט געקאָנט באַפֿרידיקן די באַדערפֿעניש אין אַ פּאָפּולערן אָרגאַן, וועלכער זאָל זײַן פֿאַרשטענדלעך אויך פֿאַר די ברייטע מאַסן, וואָס מען האָט נאָך געוואָלט איצט אַרײַנציִען אין שטראָם פֿון דער באַוועגונג.

אַגב האָבן די אָרטיקע קאָמיטעטן געוואָלט האָבן זייער אייגן בלאַט, ווו ס'זאָל זיך קלאָר, אין אַלע פּרטים אָפּשפּיגלען די אָרטיקע באַוועגונג, ווו ס'זאָל באַלויכטן ווערן די אָרטיקע, אַלעמען אין שטאָט גוט באַקאַנטע דערשײַנונגען און ווו ס'זאָל פֿאַרנאָטירט ווערן די גאַנצע אָרטיקע כראָניק. ווילנע, מינסק, וואַרשע און לאָדזש האָבן איינע נאָך די אַנדערע אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן נישט-פּעריאָדישע אָרטיקע אָרגאַנען און פֿריִער ווי אַלע האָט דאָס געטון ביאַליסטאָק.

דאָס איז געווען אין ווינטער 1898, גלײַך נאָך דעם צווייטן צוזאַמענפֿאָר פֿון „בונד". ביאַליסטאָק איז דעמאָלט געווען דער צענטער פֿון דער ייִדישער אַרבעטער-פֿאַבריק-באַוועגונג. דער „ביאַליסטאָקער אַרבעטער-קאָמיטעט", וואָס האָט נאָך עקזיסטירט איידער דער „בונד" האָט זיך געבילדעט, איז אין זײַן מערהייט צוגעשטאַנען צו דער נײַ-געבילדעטער פּאַרטיי. ער האָט שוין דעמאָלט צוגעגעבן צו זײַן נאָמען אויך די ווערטער „סאָציאַל-

דעמאָקראַטישער", די פאַרהעלטעניש־מעסיק גרויסע יידישע װעבער־מאַסן האָבן זיך שוין באַקענט מיט סאָציאַליסטישער אַגיטאַציע, די עלטערע, אינטעליגענטערע װעבער זענען אַרײַנגעטרעטן אין „בונד" און אונדזער אָרגאַניזאַציע איז זיך שטאַרק פונאַנדער־געוואַקסן.

מען האָט שוין נישט געקאָנט אָנפירן און קומען מיט דער גאַנצער באַוועגונג אין באַרירונג פּערזענלעך, מינדלעך — דורך אומלעגאַלע פאַרזאַמלונגען אין שטאָטוואַלד. דער קאָמיטעט האָט דעריבער באַשלאָסן אַרויסצולאָזן נישט־פּעריאָדיש אַן אייגענע צײַטונג — דעם „ביאַליסטאָקער אַרבעטער".

קיין גרויסע שוועריקײַטן בײַם אויספירן דעם באַשלוס האָבן מיר זיך נישט פאָרגעשטעלט. שטאָף פאַר דעם נומער האָבן מיר געהאַט איבער גענוג. ס'איז געווען אַ קאָכעדיקע צײַט פון שטרײַקן, מאַסן־באַוועגונג, געזעלשאַפטלעכע קאָנפליקטן און אַרעסטן, דאָס אַלץ איז געווען נאָך נײַ, פריש איבערגעלעבט און אינטערעסאַנט. ס'האָט זיך געוואָלט אַלץ פיקסירן אויפן פּאַפּיר, אויסצודריקן די איבערלעבונגען, קאַמפגעפילן און נצחונות פאַר דער וועלט. מיט דרוק־מאַטעריאַל זענען מיר געווען באַזאָרגט.

אויך מיטן דרוקן האָבן מיר זיך נישט פאָרגעשטעלט קײַן גרויסע מניעות. צו יענער צײַט זענען מיר שוין געהאַט צו זיך געקומען פון דעם קלאַפּ, וואָס מיר האָבן באַקומען מיטן אַרעסט פון אונדזער צענטראַלער דרוקערײַ אין באָברויסק. דער נײַ־אויסגעוויילטער צ. ק. האָט אָװעקגעשטעלט אַ גוטע דרוקערײַ אין װאַרשע, ווו ס'האָט זיך געדרוקט די „אַרבעטער־שטימע", פאַרשידענע אויפֿרופן און דאָרטן האָבן מיר געהאַט בדעה אויך צו דרוקן דעם ערשטן נומער „ביאַליסטאָקער אַרבעטער".

אָבער אַ מענטש טראַכט און די פּאָליציי לאַכט.

איך בין שוין דעמאָלט געווען אומלעגאַל. אין ביאַליסטאָק האָב איך דערפאַר געמוזט וווינען נישט אײַנגעמאָלדן און קאָנספּיראַטיוו, מײַן דירה איז טאַקע געווען לויט דעמאָלטדיקע פאַרשטעלונגען אַ העכסט „קאָנספּיראַטיווע". אין אַ פאַרוואָרפן קריסטלעך געסל, ווײַט פון יידישן אַרבעטער־צענטער אין אַ באַזונדער

„סאַלקע״ אויפן צווייטן שטאָק, מיט אַ באַזונדער אַרײַנגאַנג. האָבן צוויי שנײַדערקעס געדונגען די וווינונג, ווו זיי האָבן פאַרלייגט אַן עכטן שנײַדער־וואַרשטאַט מיט ניי־מאַשינען, פלעגן אָננעמען באַשטעלונגען אויספאַרטיקן אַרבעט און די גאַנצע זאַך האָט געהאַט אַ כּשרן אויסזען.

אויף יעדן פאַל, טאָמער וועלן מיר נישט קאָנען דרוקן אונדזער צײַטונג אין וואַרשע, האָבן מיר געקליבן, טאַקע בײַ מיר אין וווינונג, ייִדישע שריפט און האָבן באַשלאָסן אַוועקצושטעלן אַן אייגענע זעצערײַ. יעדער „נאָענטער״ זעצער פלעגט דאַרפן אַלע אָוונט ברענגען מיט זיך אין דער קעשענע אַביסל שריפט. ביז וואַנען ס׳האָט זיך אָנגעקליבן אויף אַ גאַנצן עמוד.

דער 1טער נומער איז שוין געווען אין גאַנצן פאַרטיק. דער לייט־אַרטיקל, נאָטיצן, כראָניק, אפילו די בעלעטריסטיק זענען אַלע געשריבן אויף אָרטיקע טעמעס, אויף זיי אַלע איז געלעגן דער פרישער קאָליר פון פּראָווינציאָנעלן לעבן. אַ גאַנץ פּעקל ביי־געלעך פּאָסטפּאַפּיר פאַרשריבן מיט מײַן האַנטשריפט (איך בין דאָס געווען דער מחבר פון גאַנצן נומער), איז שוין געלעגן פאַרטיק צום דרוק אין מײַן טישקעסטל, און דער נומער וואָלט טאַקע אין גיכן דערשינען, ווען נישט... אַ מיאוסער דורכפאַל.

צו יענער צײַט איז אַ מענטשן אין דער אַרבעט אויסגעקומען צו טון ממש אַלץ. וועגן אַ דיפערענציאַציע, וועגן אויסטיילן מענטשן פאַר באַזונדערע פונקציעס האָט מען נאָך אפילו חלומען נישט געקאָנט. אויך איך האָב געמוזט אויספילן אַלע „קאָנספּיראַטיווע״ מלאכות און דערצו נאָך באַטייליקן זיך אין דער גאַנצער מאַסן־ און אָרגאַניזאַציע־אַרבעט. אין אָוונט פלעג איך פון מײַן „קאָנספּיראַטיווער״ וווינונג זיך אַוועקלאָזן אין די אַרבעטער־געסלעך אויף אַ וועבער־פאַרזאַמלונג, איך פלעג באַזוכן די „אוטזשרעזשדעניע״ (אַזוי האָט מען דעמאָלט אין ביאַליסטאָק גערופן דעם ברייטערן פּאָליטישן קאָלעקטיוו) און פלעג נישט פאַרבײַלאָזן אויך די „צענטראַל־סכאָדקע״ (דאָס, וואָס מען רופט איצט צענטראַל־בי״ראָ פון פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען). בײַ אַזאַ ברייטער אַר־

בעט איז געווען לײַכט דורכצופֿאַלן און איך האָב זיך טאַקע אויף אַ שלעכטן אופן „פֿאַרשאָטן״.

אין ביאַליסטאָק איז דעמאָלט געווען באַקאַנט אַ געוויסער פּאָליציי־באַאַמטער, וואָס האָט זיך באַזונדערס אויסגעטיילט מיט זײַן אויסשפּירן „פּאָליטישע פֿאַרברעכער״. דאָס איז געווען אַ פֿלינקער שפּיאָן מיט אַ גוט אויג און גרויסער געניטשאַפֿט אין דער דאָזיקער מלאכה. ער האָט געקענט אַלע „פֿאַרדעכטיקע״ אַרבעטער לויטן געזיכט, פֿלעגט זיך דרייען אין די אַרבעטער־גאַסן און אַלע, פֿלעגן פֿאַר אים ציטערן, ווי פֿאַר אַ געניטן שפּירהינט. דער דאָזיקער מאַרטינטשיק (דוכט זיך, אַזוי האָט ער געהייסן) האָט מיך, צו מײַן אומגליק, מיט אַ פּאָר וואָכן פֿריִער נאָך באַגעגנט אַרויסגיין צוזאַמען מיט אַ וועבער פֿון אַן אַרבעטער־שטוב און האָט מיך בעת מעשה אָפּגעמאָסטן פֿון קאָפּ ביז די פֿיס. מײַן באַגלייטער האָט גלײַך אויפֿמערקזאַם געמאַכט, „דאָס איך בין דורכגעפֿאַלן״ – ער האָט דאָס דערקענט אין מאַרטינטשיקס אויגן. מיר איז דעמאָלט אויסגעקומען לאַנג צו שפּאַצירן איבער די צעדרייטע ביאַליסטאָקער געסלעך און האָב אַלץ געפֿילט נאָך זיך די שווערע טריט פֿון פּאָליציסט.

אַ צווייט מאָל (אין אַ פּאָר טעג אַרום) האָב איך אים באַגעגנט כמעט בײַ מײַן טויער. אַ בייזער פֿײַער האָט אויפֿגעגלאַנצט אין זײַנע אויגעלעך, ווי בײַ אַ יעגער, ווען ער דערזעט פֿאַר זיך די געיאָגטע חיה. דעמאָלט האָב איך געטוישט מײַן וווינונג אין אַ קריסטלעך געסל מיטן שנײַדער־וואַרשטאַט, און איך פֿלעג אויסמײַדן באַווײַזן זיך אין מיטן טאָג אין גאַס.

נאָך דעם האָבן מיר אַלע זיך פֿולקאָם באַרויִקט. קיין שפּור פֿון נאָכקוקן, פֿון וועלכן עס איז חשד. דאָס געסל איז שמאָלקליין. ווען אימיצער זאָל דאָ וועלן שפּיאָנירן, וואָלט מען אים באַלד באַמערקט, ס׳וואָלט זיך ממש געוואָרפֿן אין די אויגן. אין די אָוונטן, ווען איך פֿלעג אַהיימקומען, פֿלעג איך אין גאַס קיין לעבעדיקן נפֿש נישט באַמערקן, אויסער עפּעס אַ פּרוי, וואָס פֿלעגט זיך אַרומדרייען שעהנווײַז אין געסל, און וועלכע מיר אַלע פֿלעגן אָננעמען פֿאַר אַ געוויינלעכע גאַסנפּרוי. שפּעטער אָבער האָט זיך

אַרויסגעוויזן, אַז איר מלאכה איז געווען פיל נידעריקער, ווי מיר האָבן זי חושד געווען, די זשאַנדאַרן האָבן די ערשטע ביַי זיך איַינגעפירט „פּרויען־עמאַנציפּאַציע״ און די דאָזיקע נאַכטדאַמע האָט דאָס באַדאַרפט אויסשפּירן וו איך ווין, און דאָס איז איר טאַקע סוף־כל־סוף געלונגען.

איינמאָל אין אַ שבת־פאַרנאַכט, ווען אין שטוב איז געווען בלויז איינע פון די ווירטינס, האָט מען שטיל אָנגעקלאַפּט אין טיר. געוויינלעך איז געשטאַנען ביי אונדז גרייט אַ פלעשל בענזין און שוועבעלעך צו פאַרברענען אַלע פּאַפּירן אין פאַל פון אַ דורכ־פאַל. דאָס מאָל אָבער איז מען געקומען נישט אין דער איַינגע־שטעלטער שעה פאַר אַזעלכע וויזיטן. אגב, אויף דער פראַגע, ווער ס׳קלאַפּט האָט מען געענטפערט גאַנץ באַזאַכט אויף יידיש „עפנט אויף!״. דער ווירטין האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דאָס איז מיַין שטים. האָט זי אָן שהיות געעפנט. דער באַקאַנטער מאַרטינטשיק, די שפּאַצירנדע דאַמע אין באַגלייטונג פון אַ גאַנצע חברה זשאַנדאַרן און פּאָליציי־לײַט האָבן זיך גליַיך אַריַינגעריסן אין דער וווינונג.

לכתחילה זענען זיי געבליבן אַנטוישט. דער גאַנצער אויס־זען פון דער דירה, די מאַשינען, פאַרפּוצטע באַלעבאַטישקיַיט האָבן ביַי זיי אָפּגענומען דעם חשד פון טריפקיַיט. בפרט נאָך, אַז אויסער דער ווירטין האָבן זיי קיינעם נישט געטראָפן און יע־נע האָט זיי פאַרזיכערט, אַז זי פאַרנעמט די גאַנצע וווינונג. מען האָט אָנגעהויבן בודק חמץ זיַין. קיין שום פאַרדעכטיקס, אויסער אַ פּעקל פאַרשריבענע פּאָסטפּאַפּיר. וועלכע די געסט האָבן אָנגע־נומען פאַר געשריבענע בריוו, האָט מען נישט געפונען, (דער שריפט איז געווען ביי אונדז פאַרשטעקט אונטער דער פאָדלאָגע). ביכער אַלע כשרע, אָנשטענדיקע. די חברה איז אַראָפּ אויף די טרעפּ צו באַראַטן זיך, וואָס זיי האָבן איצט צו טון.

די דירה האָט געהאַט צוויי גענג, — אַ צווייטע טיר האָט געפירט אין אַ באַזונדער אויסגאַנג. שטיל האָט די ווירטין די טיר פאַרשלאָסן, זי איז אַראָפּ פון די צווייטע טרעפּ, נאָך זיך אויך די צווייטע טיר פאַרשלאָסן און זי האָט זיך האַסטיק געלאָזט אין גאַס אונדז אויפזוכן און מתרה זיַין וועגן דעם דורכפאַל.

דערווײַל האָבן די געסט אויף די טרעפּ באַשלאָסן צו בלײַבן וואַרטן אין דער דירה אויף שפּעטער, אָדער מיט זיך מיטנעמען די ווירטין. זיי קערן זיך אום און טרעפן פאַר זיך גאָר נישט העפלעך אַ פאַשלאָסענע טיר. לאַנג האָבן די אַרומיקע שכנים געהערט קלאַפּן זייער האַסטיק אין טיר, ביז זיי האָבן זי אינגאַנצן אויפגעבראָכן. שפּעטער האָט מען געשיקט נאָך אַ ייִדישן איבערזעצער, וועלכער האָט זיי באַקענט מיט דעם אינהאַלט פון פאַרשריבענעם פּאַפּיר. זיי האָבן שוין נאָך דעם גאָר אַנדערש געזוכט, זיי האָבן נישט אויסגעמיטן אַלע שכנים ייִדן און קריסטן, זיי האָבן אויפגעריסן די פּאַדלאָגע, ווו מען האָט געפונען די שריפט.

לויט ווי דער באַלעבאָס פון הויז האָט נאָך דעם דערציילט באַקענטע, האָט דער אָנקומענדער זשאַנדאַרן־פּולקאָווניק זייער געשטורעמט און געדונערט אויף זײַנע שלימזלדיקע משרתים. יענע, אַפּנים, האָבן מורא געהאַט צו דערציילן, אַז זיי האָבן נישט באַוואָרנט דעם צווייטן אַרויסגאַנג און אויפן אָרט אויסגעטראַכט אַ תּירוץ, אַז: „דאָס פרײלן האָט זיך מן־הסתּם אַראָפּגעלאָזט פון באַלקאָן אויף אַ שטריק”. אַזוי איז אין שטאָט טאַקע שפּעטער אַוועק אַזאַ לעגענדע, צוגעפּעפּערט נאָך און פאַרפּוצט מיט פאַרשידענע פּרטים, פּיקאַנטע שטעלן און פאַנטאַסטיש־סענסאַציאָנעלע אײַנפאַלן. דערווײַל האָט מען דאָס געסל און די אַרומיקע גאַסן אויסגעשטעלט מיט איבערקליידטע זשאַנדאַרן, אין דער דירה גופא האָט געברענט דער לאָמפּ אַזוי ווי אַלע אָוונט און מען האָט אומגעדולדיק געוואַרט אויף אונדזער קומען.

די ווירטין האָט אָבער שוין באַוויזן צו מעלדן וועגן דער מעשה אייניקע חברים. יענע האָב אויך גלײַך אָרגאַניזירט אין די ווײַטערדיקע אַרומיקע גאַסן שטאַרקע פּאַטרולן, וועלכע האָבן אונדז געדאַרפט אָפּהאַלטן אויפן וועג און פאַרהיטן פון דורכפאַלן. אַזוי איז טאַקע געשען: זייגער 11 בײַ נאַכט, ווען איך האָב זיך אומגעקערט פון אַ זיצונג, רויִק און אָן שום זאָרג, צו זיך אַ היים, זענען מיר צוויי חברים געלאָפן אַנטקייגן נאָך מיט אַ דרײַ גאַסן פאַר מײַן דירה און מיר די בשורה אָנגעזאָגט. ס׳איז שוין אויך

צוגעגרייט געווען פֿאַר מיר אַ וווינונג, ווו דערווײַל איבערצוּוואַרטן די אומרויִקע צײַט.

אָבער פֿאַרבלײַבן דאָרט לאַנג איז אוממעגלעך געווען. מען האָט געשטעלט די גאַנצע פּאָליציי אויף די פֿיס, מען האָט געמאַכט אונטערזוכונגען בײַ אַלע פֿאַרדעכטיקטע אין שטאָט. דער וואָקזאַל איז געווען באַלאַגערט מיט שפּיאָנען, וועלכע האָבן נאָכגעקוקט יעדן דורכגייער. מען האָט אפֿילו פֿון פֿריִער אַראָפּגענומען אייניקע דורכפֿאָרנדיקע, וועלכע זענען געווען ענלעך צו מיר (מײַן פֿאָטאָגראַפֿיע האָט שוין די פּאָליציי געהאַט) און אָפּגעפֿירט אין זשאַנדאַרן־פֿאַרוואַלטונג. אין וווינונג האָבן נאָך אייניקע טעג פּאַטרולירט זשאַנדאַרן און פֿלעגן פֿאַרהאַלטן די אומשולדיקע דאַמען, וואָס זענען געקומען צו דער ווירטין פֿון דער דירה. נאָך אַ גרונטלעכער לעגיטימירונג פֿלעגן זיי באַפֿרײַט ווערן. אייגער אַ הייסער חבר, וועלכער האָט געהאַנדלט אויף אייגענער ריזיקע און איז אין פֿיר טעג אַרום געקומען אויף דער דירה געוויר ווערן, וואָס דאָרט טוט זיך, האָט באַצאָלט פֿאַר זײַן נײַגער מיט אַנדערהאַלבן יאָר געפֿענגעניש און עטלעכע יאָר פּאָליציי־אויפֿזיכט.

די לאַגע איז אַלץ געוואָרן ערנסטער. די פּאָליציי האָט באַשלאָסן צו גיין אין די ייִדישע קוואַרטאַלן פֿון הויז צו הויז און נאָכקוקן אַלע דירות. פֿאַרבלײַבן לענגער אין מײַן פֿאַרבאַהעלטעניש האָב איך שוין נישט געקאָנט. אַוועקפֿאָרן איז אויך אוממעגלעך געווען. מען האָט געמוזט אויפֿזוכן עפּעס אַ רײַכע אָנשטענדיקע דירה, וואָס זאָל שטיין אויסער יעדן חשד. און נאָך לאַנג זוכן זענען מיר געפֿאַלן אויף אַזאַ פּלאַן.

אונדזערס אַ מיטגלידערין, אַ לערערין, האָט געהאַט אין ביאַליסטאָק רײַכע קרובים, אייגנטימער פֿון אַ ביר־ברויערײַ. זיי זאָלן מיך אַרײַנלאָזן צו זיך אויף צו פֿאַרבאַהאַלטן זיך, איז געווען אויסגעשלאָסן; איז דעריבער געבליבן איין אויסוועג: אונדזער חברטע דאַרף מעלדן אירע קרובים, אַז צו איר קומט צופֿאָרן אַ חתן, וועלכער וועט פֿאַרווײַלן דאָ אַ קורצע צײַט. אַזוי ווי זי האָט נישט קיין אָנשטענדיקע וווינונג, וויל זי אירע

קרובים זאָלן אָפּטרעטן פאַר אים אַ צימער. יענע האָבן זיך אָנגע־כאַפּט פאַר דער דאָזיקער זאַך מיט גרויס שמחה.

אָבער שפּילן די ראָלע פון אַ געזונטן חתן איז פאַר מיר אין גאַנצן געווען אוממעגלעך. איך האָב דאָך נישט געקאָנט אָפּ־שטאַטן „וויזיטן" און פאַרווײַלן ווי עס פּאַסט פאַר אַ חתן, וועל־כער איז בע ומען צו גאַסט, דעריבער בין איך שוין גלײַך אַהין אָנגעקומען אַ חולה־מסוכן. איך האָב געהוסט, געקרעכצט, האָב סימולירט אַ שטאַרק פאַרקילטן מענטש און זיך באַלד אין בעט אַרײַנגעלייגט. ס'איז אָנגעקומען זייער שווער מײַנע געמיינטע צו־קונפטיקע קרובים — אָפּצוהאַלטן פון אײַנלאַדן אַ דאָקטאָר. איך האָב זיי פאַרזיכערט, אַז איך ווייס אַליין, ווי אַזוי זיך צו קורירן. אַזוי בין איך אָפּגעלעגן אַ וואָך צײַט, שפּאַצירנדיק אויך אַביסל איבערן צימער. אין אָוונט פלעגן קומען צו מיר מײַן „כּלהס" באַקאַנטע און מיר פלעגן אַזוי געמיטלעך פאַרברענגען ביז שפּעט בײַ נאַכט.

אין דער געצוווּנגענער קראַנקהײַט האָב איך דערווײַל צונויפ־געשטעלט צוריק, לויט דעם זכרון, דעם גאַנצן אינהאַלט פון אַרעסטירטן נומער. אונדזער אַמביציע האָט געפאָדערט, אַז ס'זאָל ווערן אָפּגע־דרוקט דווקא דער מאַטעריאַל, וועלכער איז געלעגן בײַ די זשאַנ־דאַרן. דער ערשטער נומער איז פאַרטיק געוואָרן צום דרוק, און צוליב פאַרשידענע טעכנישע שוועריקייטן, האָט ער זיך אָפּ־געדרוקט צוזאַמען מיטן 13טן נומער „אַרבעטער־שטימע" אין אויסלאַנד. וואָס פאַר אַ רושם דאָס האָט געמאַכט אין שטאָט, אויף די אַרבעטער און אויף די זשאַנדאַרן איז לײַכט זיך משער צו זײַן.

בײַ מײַן „כּלהס" קרובים בין איך זיך פאַרזעסן אַביסל צו לאַנג, אין גאַס בין איך נאָך אַלץ נישט געווען בכּוח אַרויס־צוגיין, ביז אויפן וואָקזאַל איז געוואָרן אַ ביסל גרינגער, דער „שפּיאָנאַזש" איז געוואָרן שוואַכער און מען האָט באַשלאָסן מיך אַ־בערטראַנספּאָרטירן צו אַ יידישן גוט־באַזיצער אין ביאַלאָוויע־זשער וואַלד.

די מעשה מיטן װאַלד איז פֿאַר אונדז געקומען גאָר אומגעריכט. פּונקט צו יענער צײַט האָט זיך אַ ייִדישער סטודענט געװענדט צו מײַנער אַ באַקאַנטע, זי זאָל אים רעקאָמענדירן אַ לערער, װעלכער זאָל מסכּים זײַן אָפּצופֿאָרן אױפֿן װינטער אין אַ מאַיאָנטעק, װאָס איז געלעגן אין ביאַלאָװיעזשער װאַלד נאָענט צו פּרוזשאַנע. זי האָט עס אונדז דערציילט און בײַ אונדז איז פֿאַרבליבן, איך זאָל דערװײַל אָפּפֿאָרן אַהין אױף אַ צײַט, ביז מען װעט זיך אַרומקוקן און באַשליסן װאָס װײַטער צו טון.

די פֿאַמיליע ס., בײַ װעלכע איך האָב זיך באַזעצט אַלס לערער, איז געװען די אײנציקע ייִדישע פּריצישע פֿאַמיליע אין גאַנץ גראָדנער גובערניע. פֿון ניקאָלײַ דעם ערשטנס צײַטן איז די ס. פֿאַרבליבן אַ באַזונדער פּריװילעגיע צו פֿאַרמאָגן ערד אױפֿן אײגענעם נאָמען. זײ האָבן טאַקע געלעבט װי עכטע פּריצים: ברײט, רײַך און געפֿירט אַ גרױסע װירטשאַפֿט. אין שכנות מיט דעם דאָזיקן ייִדישן גוטבאַזיץ האָט זיך געפֿונען דער קײזערלעכער ביאַלאָװיעזשער פּאַלאַץ, װוּהין ניקאָלײַ דער צװײטער פֿלעגט אַראָפּקומען פֿון צײַט צו צײַט אױף יאַגד.

מיט די פּויערן פֿון דער אַרומיקער געגנט האָבן די דאָזיקע ייִדישע גוטבאַזיצער נישט געלעבט אין פֿרײַנדלעכער שכנות. זײ פֿלעגן זיך שטענדיק מיטאַנאַנדער לאָדן און פּראָצעסירן צוליב אַ שטיקל ערד, צוליב װאַלד און סערװיטוטן. די באַציִונגען זענען תּמיד צװישן די בײדע צדדים געװען זײער אָנגעצױגענע. אגב זענען די צװײ ייִנגע ברידער ס. געװען דורכגעדרונגען מיט אַ בלינדער פּויערן-פֿײַנטשאַפֿט און האָבן פֿאַרמאָגט אַ היפּש ביסל פּריצישע אַמביציע (אײנער פֿון זײ איז טאַקע שפּעטער דערמאָרדעט געװאָרן דורך די פּויערן אין װאַלד).

דערפֿאַר אָבער האָט מען דאָרט געלעבט אױסגעצײכנט מיט דער הויף-פּאָליצײ און דער דאָרטיקער פּריסטאַװ איז געװען אַן אײגענער מענטש בײַ די ס. אין הויז. בײַ אַזאַ גוט-ברידערשאַפֿט האָט זיך נישט געפֿאָדערט קײן פֿאָרמאַליטעטן און איך האָב דאָרט געװוינט אין גאַנצן נישט פֿאַרמאָלדן. די שטוב פֿון אַזאַ כּשרער פֿאַמיליע האָט שוין אויך מיך געכּשרט אין די אויגן פֿון די אָר-

רענונג-היטער; איך האָב שוין דערצו נישט באַדאַרפט האָבן קיין שום פּאַפּירן. פּאַר אונדז פלעגט אויך זײַן פּרײַ דער אַרײַנטריט אין קייזערלעכן פּאַלאַץ; פאַרשטייט זיך, בלויז נאָר בעת דער קייזער האָט דאָרט געשײַנט מיט זײַן אָפּוועזנקייט. בכלל האָב איך זיך דאָרט געפילט זייער זיכער, איך האָב שיעור נישט פאַר-געסן אָן אַלע זשאַנדאַרן און שפּיאָנען אין דער וועלט.

בכדי נישט צו שטערן די קינדער אין די למודים, האָט מען אונדז איזאָלירט פון די איבעריקע הויפלײַט. מען האָט אונדז באַזעצט אין אַ באַזונדער פּאָלוואַרק עטלעכע וויאָרסט ווײַט פון דעם הויפּט-מאַיאָנטעק. דעם „טײַוולס אינדזל", אַזוי האָבן מיר אַ נאָמען געגעבן אונדזער נײַעם מקום-מנוחה. און ווירקלעך האָבן מיר זיך דאָרט געפילט, ווי אויף אַ פאַרוואָרפענעם אינדזל, אָפּגעריסן פון דער לעבעדיקער וועלט. עטלעכע מאָל אַ וואָך נאָר פלעגט מען אונדז צושטעלן פּראָוויזיע פון הויף.

אויסער מיר און מײַנע שילער האָט זיך דאָרט אויפן אָרט געפונען נאָך אַ ייִנגע פרײלן, זייערע אַ שוועסטער, וועלכע האָט פאַרוואַלטעט מיטן פּראָוויאַנט און בכלל מיטן רעזשים, אַ העברעי-שער לערער און אַ קעכין. דאָס איז געווען די גאַנצע אײַנוווי-נערשאַפט פון אונדזער „אינדזל". פון צײַט צו צײַט נאָר פלעגן אונדז באַזוכן די צוויי עלטערע ברידער און שבת צונאַכט, אָדער בכלל אין אַ יומא דפגרא, די גאַנצע פאַמיליע מיט די פאַרוואַל-טער און איבעריקע אָנגעשטעלטע — „אויף אַ קערטל".

וועגן דעם, וואָס מיט מיר איז לעצטנס געשען אין ביאַליס-טאָק האָט מען דאָרט אין הויף לחלוטין קיין אָנונג נישט געהאַט. נאָר אַז איך בין געכאַפּט אין דער מעשה און האַלט זיך בײַ נישט קיין כשרער געזינונג האָבן זיך די ייִנגע ס. גאַנץ אָפן אָנגע-שטויסן. נישט זעלטן פלעגן ביים טיש פאָרקומען געשפּרעכן אויף געזעלשאַפטלעך-פּאָליטישע טעמעס און מיר פלעגט זיין שווער אָפּצוהאַלטן זיך פון אַרויסזאָגן מיינע בליקן. גאַנץ אָפט פלעגן אויסברעכן צווישן מיר און דעם איבעריקן ייִנגוואַרג העפטיקע דיסקוסיעס. פאַרשטייט זיך, אַז יעדער פון אונדז פלעגט פאַר-בלײַבן ביים זײַניקן.

איין נפש האָב איך יאָ געוווּנען אויף מיין זייט. דאָס איז געווען די יונגע ווירטין, אונדזער שפּייזערין. זי איז דערצויגן געוואָרן אין אַ קעניגסבערגער „מעדכן־שול“ אויפן ייִדיש־דייטשן שטייגער, צירלעך־מאַנירלעך און איז געווען זייער ווייט פון אמתן לעבן. זי פלעגט מיט די קינדער און ייִנגוואַרג רעדן נאָר העברעיִש און מיט די עלטערן — דייטש. קיין ייִדיש וואָרט פלעגט זי פון מויל נישט וועלן אַרויסברענגען. זי האָט אָבער פאַרמאָגט אַ פילנדיק האַרץ און אַ ווייכע נשמה. אין אירע אויערן פלעגט געפונען אַן אָפּקלאַנג אַלץ, וואָס איז ריין און ערלעך און במילא איז זי געוואָרן עמפּינדלעך אויך פאַר אונדזער זאַך. שעהן לאַנג פלעגן מיר אָפּזיצן אין די לאַנגע ווינטער־נעכט און שמועסן וועגן סאָציאַליזם און לעבן פון די סאָציאַליסטן. דאָס איז דורך זייטיקע מענטשן דערגאַנגען צו די עלטערן און שוין צוליב דעם אַליין האָבן זיי אָנגעהויבן קוקן קרום אויף מיר. זיי האָבן זיך געשראָקן פאַר מיין „שעדלעכע ווירקונג“ אויף זייער טאָכטער, וואָס איז שוין געשטאַנען אין שדוכים.

אָבער אין גאַנצן אַרויסגעגעבן מיטן קאָפּ האָט מיר איינער פון די וואַלד־אָנגעשטעלטע. ער איז געקומען צו פאָרן נישט לאַנג פון קאַמעניעץ, ווו ס'האָט זיך צייטווייליק אויפגעהאַלטן איינע פון די ווירטינס, וועמענס דירה ס'איז דורכגעפאַלן אין ביאַליסטאָק. זי איז געווען זיינע אַ קוזינע און האָט דורך אים מיר צוגעשיקט אַ בריוו. ער האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און בשתיקה די גאַנצע מעשה פאַרטרויט זיינעם אַ באַקאַנטן. יענער האָט דעם סוד דערציילט אַ צווייטן, ביז ס'איז דערגאַנגען צו די באַלעבאַטים גופא און דאָס האָט אויף זיי אָנגעוואָרפן אַ גרויסע אימה.

פון מיין ניער „שילערין“ האָב איך זיך דערוווּסט, אַז די עלטערן שרעקן זיך זייער צו האַלטן אַזאַ „געפערלעכן מענטשן“ ביי זיך אין הויף. בפרט, אַז ער געפינט זיך אין אַזאַ נאָענטער שכנות מיטן קייזערס פאַלאַץ. דערצו זענען נאָך די ווירטסלייט — ייִדן און יעדע קאָמפּראָמיטאַציע קאָן זיין פאַר זיי פאַטאַל. איך האָב שוין אַליין זיך אַרומגעזען, אַז דאָ איז פאַר מיר קיין אָרט

נישט און האָב בײַ זיך באַשלאָסן בײַ דער ערשטער מעגלעכקײַט פֿון דאַנען אָפּצופֿאָרן.

די שטימונג אויף אונדזער „אינדזל“ איז געוואָרן אַ גערייצטע, אַ דענערווירטע. ס׳פֿלעגט שוין דאָרט בלייבן אַלע נאַכט נעכטיקן אימעצער פֿון די עלטערע, אין גרעסטן טייל די אַלטע מוטער אַליין. יעדעס מאָל, ווען אין דער שטילער, פֿינצטערער נאַכט פֿלעגן זיך די הינט שטאַרק, צוליב וועלכער עס איז סיבה, צעבילן, פֿלעגט אין שטוב ווערן אַ מהומה. די דערוואַקסענע פֿלעגן אויפֿציטערן, פֿלעגן אַרויסלויפֿן קוקן אויפֿן וועג, פֿלעגן זיין אין שטענדיקן פּחד. דער שלום־בית צווישן דער טאָכטער און דער פֿאַמיליע איז צוליב דעם אויך שטאַרק צעשטערט געוואָרן. מיר איז דאָס אַלץ געווען זייער נישט צום האַרצן און איך האָב בלויז געוואַרט אויף ידיעות פֿון ביאַליסטאָק, וווהין אָפּצופֿאָרן.

איין מאָל שפּעט ביי נאַכט, ווען אין דרויסן האָט געווייט אַ שטאַרקע שניי־זאַוויערוכע און אַלע אַרום זענען שוין לאַנג געשלאָפֿן, איז צו אונדזער הויז האַסטיק צוגעפֿאָרן אַ שליטן מיטן סטודענט ס. ער האָט זיך גלייך פֿאַרשלאָסן מיט דער שוועסטער אין צימער און דאָרט געהאַט מיט איר אַ קורצן געשפּרעך. אין אַ ווײַלע אַרום האָט מען געשיקט מיך רופֿן. איך אַליין האָב זיך שטאַרק דערשראָקן, ווען איך האָב אים דערזען. ער איז געווען בלייך ווי לײַוונט, די הענט האָבן ביי אים געציטערט און ער האָט קוים באַוויזן מיר אויפֿצוקלערן אין וואָס ס׳גייט. פֿון זײַנע אָפּגעריסענע ווערטער בין איך דערגאַנגען, אַז פּאָליציי זוכט מיך דאָ אַרום, און אַ ליאַדע מאָמענט קאָן זי אַהער אָנקומען.

אַז ער האָט זיך שוין אַביסל באַרויִקט, בין איך פֿון אים געוויר געוואָרן, אַז דער פּריסטאַוו האָט זיי מתרה געווען, אַז מען זוכט אַזאַ און אַזאַ מענטשן. איך בין אויך פֿון אים דערגאַנגען די סיבה פֿון מיין דורכפֿאַל.

איינע פֿון די ביאַליסטאָקער ווירטינס, ווי איך האָב שוין דערמאָנט, האָט זיך צײַטווײַליק אויפֿגעהאַלטן אין קאַמעניעץ, אין איר געבורטשטאָט. בינו־לבינו איז אַהין אָנגעקומען אַ באַפֿעל נישט אַרויסצוגעבן דער געזוכטער פּערזאָן קײַן פּאַספּאָרט און זי

פֿאַרהאַלטן אין פֿאַל, ווען מען וועט זי דאָרט טרעפֿן. פֿון דעם האָבן זיך דערוווּסט אירע קרובֿים און איר האָט זיך אײַנגעגעבן אַנטלויפֿן ממש פֿון דער זשאַנדאַמעריעס הענט. דערפֿאַר אָבער איז דאָרט דורכגעפֿאַלן אַ בריוו, פֿון וועלכן די זשאַנדאַמעריע האָט זיך דערוווּסט, אַז איך געפֿין זיך ערגעץ אין ביאַלאָוויעזש. מען קאָן זיך פֿאָרשטעלן, ווי אויפֿגערודערט ס'איז געוואָרן די פּאַלאַץ־פּאָליציי, ווען זי האָט זיך דערוווּסט, אַז אין שכנות מיט ניקאָלײַס פּאַלאַץ ליגט ערגעץ פֿאַרבאַהאַלטן אַ „געפֿערלעכער סאָציאַליסט". מען האָט אָנגעהויבן פֿונאַנדערשיקן געהיימע צירקולאַרן, ס'איז פֿאַרפֿירט געוואָרן וועגן דעם ענין אַ לעבהאַפֿטע קאָרעספּאָנדענץ און דער געטרײַער פּריסטאַוו האָט גלײַך מודיע געווען מײַנע ווירטסלײַט.

ס'איז אונדז נישט געבליבן קיין צײַט צו קלערן. מען מוז באַלד אָפּפֿאָרן. בכדי צו פֿאַרווישן יעדן שפּור, האָט דער יונגער ס. שוין פֿאָרויס געדונגען אַ פּאָר פֿערד אין אַ זײַטיקן דאָרף, האָט מיך פֿאַרגעשטעלט פֿאַרן פֿורמאַן אַלס וואַלד־סוחר, וואָס מוז זיך אײַלן צו דער באַן און אַזוי, אײַנגעוויקלט און אײַנגעהילט אין אַ לאַנגן פּעלץ, בין איך געקומען בשלום אויף דער באַנסטאַציע ביעלסק.

אַרײַנפֿאָרן גלײַך קיין ביאַליסטאָק האָב איך נאָך מורא געהאַט. איך בין דערפֿאַר אין ביעלסק פֿאַרפֿאָרן אין אַ ייִדישער אכסניה, ווו מען פֿלעגט געוויינלעך נישט אײַנמעלדן די געקומענע געסט. איך האָב צו זיך אַהין אַרויסגערופֿן אימעצן פֿון ביאַליסטאָק און בײַ אונדז איז פֿאַרבליבן, איך זאָל אָפּפֿאָרן קיין וואַרשע, ווו די שטאָט איז גרויס און מען קאָן זיך, ווו דאָס איז, אײַנאָרדענען אָן אַ פּאַספּאָרט אויך.

דאָס מאָל בין איך שוין אין וואַרשע פֿאַרבליבן אַ לענגערע צייט.

ביינוש מיכאַלעוויטש אין דער יוגנט.

# הינטערן שלאָס

שוין עטלעכע וואָכן, אַז איך בין „פּאַרקאָנספּירירט". איך האָב זיך געמוזט איבערטראָגן פון ייִדישן קוואַרטאַל אין צענטער און זיצן פאַרשפּאַרט גאַנצע טעג אין אַ לעצט צימער בײַ אונדזערע אַ „סימפּאַטיקערין". זשאַנדאַרן זענען געווען אין מיין ווױנונג, האָבן מיך געזוכט אין אַלע הײַזער, ווו איך פלעג זיין אַן אָפטער אײַנגייער, און דער „קאָמיטעט" האָט דעריבער באַשלאָסן, מיך איזאָלירן אויף אַ צייט, ביז וואַנען איך וועל אויסגעהיילט ווערן פון דער „פאַרקילונג".

געקומען איז עס מיר פון אַ „תּנאים".

ס'איז דעמאָלט ביי אונדז געווען אַ הייסע צייט. פאַר דעם לעצטן זומער האָבן מיר אַביסל אַ שטיף געטון. די מאַסן־שטרײַקן, וועלכע האָבן זיך דעמאָלט סטיכיש צעגאָסן איבערן שטאָט, זענען דורך אונדז גלענצנד אויסגענוצט געוואָרן. אַלע שבת פלעגן זיך לאָזן פון שטאָט אויף דער „סאָסקאַ קעמפּאַ" אין אָרומיקע וועלדער צענטליקער, הונדערטער אַרבעטער־פּאָרלעך, מען פלעגט דאָרט אָרײַנכאַפּן אויך אַ שטיק „פּאָליטיק". די געגנט פלעגט הילכן פון ייִדישע אַרבעטער־לידער, מיר האָבן זיך אײַנגעזאַפּט אין דער מאַסע, און אירע בעסערע און יונגערע האָבן זיך געריסן אין אונדזער אָרגאַניזאַציע. זי האָט זיך אַלץ פאַרגרעסערט, יעדע וואָך פלעגן צו אונדז קומען גאַנצע גרופּעס. מיר האָבן דעריבער באַשלאָסן צונויפצורופן אויף שבת־חנוכּה די ערשטע צוזאַמענקונפט פון אַלע חברים, דערבײַ דאָס מאַכן יום־טובדיק: מיט רעדעס, געזאַנג און טענץ.

אײַנגעאָרדנט האָבן מיר דאָס גאָר אויף אַ פּשוטן אופן: מיר האָבן געדונגען אַ ליידיקע דירה אויף נאָוואָליפּקי, דעםווירט האָבן מיר געמאָלדן, אַז דאָרט וועט זײַן תּנאָים, חתן־כּלה זענען שוין געווען באַשטימט, אַ כּתובה — פֿאַרטיק. מיר האָבן אויך צוגעגרייט אַ סעודה כּיד־המלך. ברויט, וווּרשט און ביר. ס׳האָט זיך פֿאַרזאַמלט אַ היפּשער עולם: אַ דרײַ פֿיר הונדערט מאַן, און ס׳איז געווען „ליהודים״.

אָבער אין רעכטן ברען האָט זיך דערהערט אַ פֿעסטע רוסישע שטים; טיר און טויער זענען גלײַך געשלאָסן געוואָרן, אונדז איז באַפֿאַלן אַ גאַנצע מחנה פּאָליציאַנטן און זשאַנדאַרן און אונדז אַלעמען איבערגעפֿירט, גרופּנווײַז, אין אין נאָענטסטן צירקל. פֿאַרשטייט זיך, אַז אַלע האָבן געטענהט אין איין קול, אַז זיי זענען געקומען אויף אַ תּנאָים, ווער פֿון חתנס צד, ווער פֿון דער כּלהס זײַט. מען האָט אַלעמען אָפּגעהאַלטן אַ טאָג צײַט, אָפּגעפֿירט אויף די דירות, דאָרטן גוט בודק געווען און באַפֿרײַט. מיך איינעם האָט מען פֿאַרהאַלטן.

איך בין שוין דעמאָלט געווען „אומלעגאַל״. איך האָב געוווינט אויף אַ פֿאַלשע „כּתובה״, און מײַנע חברים האָבן זיך געשראָקן, אַז אויב די זאַך וועט אַוועק צו די זשאַנדאַרן און זיי וועלן אָנהייבן צו מאַכן אַ גרויסע חקירה־ודרישה, וועל איך נאָך דורכפֿאַלן מיט די אַלטע מעשיות. זיי האָבן דעריבער געפּאַקט ערגעץ אַ ייִד אַ „מאַכער״, וועלכער האָט זיך אונטערגענומען דורכצופֿירן דאָס געשעפֿט מיט זיינעם אַ באַקאַנטן קאָמיסאַר.

נאָך צוויי מעת־לעת זיצן אין צירקל אין אַ קעלער, רופֿט מען מיך גאָר אומגעריכט, שפּעט בײַנאַכט, אין קאַנצעלאַריע אויף אַ „ווידזעניע״. דאָרטן האָב איך געטראָפֿן זיצן אַ שיינעם אומבאַקאַנטן ייִדן, מיט אַ לאַנגער באָרד, וועלכער האָט זיך צו מיר אַ לאָז געטון, ווי אַן אַלטער באַקאַנטער, און מיך הערצלעך באַגריסט. איך האָב פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַן אָבגערעדטע מעשה, איך האָב זיך דעריבער אויך שטאַרק

דערפרייט מיטן „פעטער”, וועלכער האָט מיך גאַנץ היימישלעך אויסגעשייגעצט (אויף רוסיש, פאַרשטייט זיך) דערפאַר, וואָס איך חבר זיך נישט מיט מײַן שטייגער, האָט מיר געהייסן דאַנקען דעם ה׳ פריסטאַוו פאַר זײַן גוט האַרץ, און האָט מיך מיטגענומען מיט זיך.

אויפן גאַס האָבן מיך שוין אָבגעוואַרט נאָענטע און גוטע פרײַנד, מען האָט מיך באַלד אַוועקגעזעצט אויף אַ דראָזשקע און אַוועקגעפירט אויף אַ נײַער דירה. מיר האָבן זיך אָנגעשטויסן, אַז דאָס וועט נאָך אַזוי גלאַט נישט אָפּגיין, אַז מען וועט זיך נאָך כאַפּן און קומען צו מיר אַ צווייט מאָל. כך־הווה, אַזוי איז עס טאַקע געשען: אויף צומאָרגנס בײַ נאַכט איז מען געווען אויף מײַן אַלטער דירה, מען האָט איבערגעאַקערט בײַ אַלע מײַנע באַקאַנטע, מען האָט אַרעסטירט די פּיקטיווע חתן־כּלה, און בײַ אַלעמען שטאַרק זיך אויף מיר נאָכגעפרעגט. פון „פּאַוויאַק” האָט מען אַרויסגעשיקט „צעטלעך”, דאָס איך זאָל זײַן פאָרזיכטיק, אַז אימיצער „גיט אַרויס” און ס׳איז דעריבער באַשלאָסן געוואָרן האַלטן מיך אין קאַראַנטין אַ פּאָר וואָכן און נאָך דעם איבערטראַנספּאָרטירן ערגעץ אַנדערש.

מײַן קאַראַנטין האָט שוין געהאַלטן בײַם אויסגיין. די שפּור־אָפּטיילונגען, וועלכע פלעגן מיר טעגלעך ראַפּאָרטירן וועגן „דער לאַגע”, האָבן פאַרזיכערט, אַז אַלע „פּאָסטנס” זענען שוין פרײַ פון די „שפּיגעס”, אַז מען קוקט שוין מער „אונדזערע” נישט נאָך, און אַז איך קאָן זיך שוין באַווײַזן אין גאַס. ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז אויפן צווייטן טאָג פאַר איך אָפּ. נאָר הײַנט איז ערב נײַיאָר, חברה וויל זיך געזעגענען, און אין איינוועגס צוזאַמען באַגעגענען נײַיאָר. אפילו די שטרענגסטע „קאָנספּיראַטאָרן” האָבן גאָר נישט געהאַט קעגן אַזאַ פּלאַן. אַלע זענען געווען זיכער, אַז איך בין שוין פולקאָם „ריין”. אַ וווינונג האָט מען אויך אויסגעקליבן אַ כשרע, אָן שום חשד, און ס׳איז אָפּגערעדט געוואָרן, דאָס איך זאָל צופאָרן פון מײַן דירה גלײַך אַהין.

אָבער איך האָב נישט געקאָנט פועלן ביי זיך, אַוועק־

צופאָרן און נישט געזעגענען זיך מיט די חבֿרים פון אונדזער „טעכניק". די גרויסע און פאַרצווייַגטע אַרבעט פון יענעם יאָר האָט געצווונגען דעם וואַרשעווער קאָמיטעט אַרויסצוגעבן אַן אייגענעם אָרגאַן — דעם „וואַרשעווער אַרבעטער". דערצו איז נויטיק געווען אַן אייגן „דרוקל", אָדער, ווי מיר פלעגן דאָס רופן „טעכניק", געמאַכט האָבן מיר עס גאַנץ פּרימיטיוו: אונ־דזערע אַ חבֿרטע האָט אַרייַנגענומען צו זיך אין אַ צימער, וועלכן זי האָט פאַרנומען אַלס סובלאָקאַטאָרן ביי יידישע קרע־מער אויף דער קאַרמעליצקע גאַס, „אַ רעמל מיט אַ וואַליק". מען האָט געקריגן אַביסל שריפט; אין די אָוונטן פלעגט מען אויספאַרטיקן דעם זאַץ, און בייַ טאָג, ווען די באַלעבאַטים פלעגן זייַן אין קראָם, פלעגט מען דאָס אָפּציען מיטן וואַליק. כּדי ס'זאָל זיך נישט הערן דאָס קלאַפּן, פלעגן מיר טומלען און זינגען, און אייגנע פון אונדז, די פאַרשטאָרבענע מערע גאָלדמאַן, פלעגט דעם צימער פאַרהילכן מיט איר געלעכטער. אַרויסטראָגן דאָס געדרוקטע פלעגן מיר אויף זיך פּעקלעכווייַז, אָדער אונד־זערע דאַמען פלעגן דאָס אַרייַנלייגן אין אַ קוישל און צו־שטעלן צום באַשטימטן אָרט. איך פלעג זייַן פאַרבונדן מיט דער דאָזיקער „טעכניק" און דאָרטן פאַרברענגען גאַנצע טעג. מיט די איבעריקע טוער פון שטאָט האָבן זיך די טעכניק־אַרבע־טער נישט געטאָרט טרעפן; דאָס איז געווען קעגן די כּללים פון קאָנספּיראַציע.

איצט, פאַר מיין אָפּפאָרן, האָט מיך מייַן האַרץ אַהין געצויגן. מיר האָט זיך שטאַרק געוואָלט מיט זיי זיך זעגענען, אָבער קומען גלייַך אַהין האָב איך נישט געוואַגט, און מיר האָבן אָפּגערעדט אַ טרעפפּונקט — ביי אונדזערע אַ געמיינזאַמע באַקענטע, אין יענער געגנט. פאַרויס איז געגאַנגען מייַנער אַ פרייַנד, האָט זיך אַרומגעקוקט, און האָט מיר געגעבן סימנים, צי דער וועג איז „ריין". קומענדיק אויף ראָג נאָוואָליפּקע און קאַרמעליצקע, האָב איך מיטאַמאָל דערהערט שנעלע טריט הינ־טער זיך. איך האָב נאָך נישט באַוויזן זיך אומקוקן, ווי אַ שווערע האַנט האָט מיך שטייף געפּאַקט ביים קאָלנער און

גלײַך אָפּגעשטעלט. איך קער זיך אום. איך האָב באַלד דער־קענט דעם חפץ: דאָס איז דער זעלבער, װעלכן איך פלעג פריער, מיט אַ פּאָר װאָכן פאַר יענעם אָװנט, באַגעגענען אויף מײַן גאַס. „קאַפּוט!" — איז מיר, װי אַ בליץ, דורכגעלאָפן שנעל אַ געדאַנק. דאָס איז אַ „שפּיצעל", װעלכער האָט ספּע־ציעל מיך געטשאַטעװעט, אָדער האָט מיך דערקענט. ער, אַ רויטער און געזונטער בעל־גוף, האַלט מיך פעסט, און איז אַליין אויך בלאַס און צעשראָקן. אַרום אונדז קלײַבט זיך צונויף אַן עולם.

— װאָס פאַרלאַנגט איר? — פרעג איך פון כלומרשט־װעגן.

— ער האָט נעכטן מיט מיר געשכורט און האָט אַ מענטשן דערשטאָכן — אַפּעלירט ער צום עולם, װעלכער האָט אָנגעהויבן איבערצוגיין אויף מײַן זײַט.

— דער קערל איז שכור — שרײַ איך — „ער פלוידערט. איך קען אים נישט!

איך קוק זיך אַרום, מײַן פרײַנד איז פאַרשװוּנדן, אַפּנים ער איז געלאָפן נאָך הילף, מיך אָפּצושלאָגן. איך באַמי זיך צו פאַרציען די זאַך. דער עולם װערט אַלץ גרעסער. ס׳קומט צו אַ פּאָליציאַנט. איך בייזער זיך שטאַרק אויף אים, װאָס ער דערלאָזט אַזעלכע סקאַנדאַלן, און פאָדער ער זאָל מיך באַ־פרײַען פונם אָנפאַלער. דער אָרדנונגס־היטער קװענקלט זיך און פסקנט: מיר זאָלן ביידע גיין אין צירקל, איך בין אויף דעם נישט מסכים. דער טומל װערט גרעסער. דאַן כאַפּט מײַן בעל־גוף אַרויס אַ װײַס קאַרטל, װײַזט דעם פּאָליציאַנט, יענער װערט זייער נאָכגיביק און האַלט מיך שוין ביים אַרבל. ער פײַפט. ס׳קומען צולויפן „סטרוזשעס", און איך זיץ שוין אויף אַ דראָזשקע, אַרומגערינ..ט פון אַ גאַנצער חברה היטער.

אויף דער דראָזשקע װערט מײַן שפּיצל װייך װי פּוטער, בעט בײַ מיר אַנטשולדיקונג, װאָס ער האָט אויף מיר אויסגע־טראַכט אַזאַ מעשה: „מען טאָר דעם פּובליקום נישט שטעכן אין די אויגן". דאָס איז, אַפּנים, אויסגעחזרט פון דער שפּיאָנען־

אינסטרוקציע. ער פּאַרענטפערט זיך, אַז אייגנטלעך וואָלט ער מיך היינט אויך נישט אַרעסטירט: אַ סימן, ער קען מיך שוין זייער לאַנג און האָט מיך צורו געלאָזן, נאָר די העכערע „נאַטשאַלסטוואָ" האָט באַפוילן, מוז ער פאָלגן.

„אָכראַנקעס" האָבן נאָך דעמאָלט אין פּוילן נישט עקזיסטירט. ס'האָט געהאַט אַן אַנדער נאָמען, די באַזונדערע קאַנצעלאַריע פאַר פּאָליטישע ענינים ביים גענעראַל־גובערנאַטאָר, און אַהין טאַקע האָט ער מיך פאַרפירט.

דער „נאַטשאַלניק" פון דער קאַנצעלאַריע, אַ גרייזגראָער פּאָלקאָווניק מיט קעציש׳ע אויגן און לײַמשאַרע געזיכט, האָט מיך אַזוי אויפגענומען, גלײַך ווי ער וואָלט שוין לאַנג געבענקט נאָך מיר, און האָט זיך דעריבער שטאַרק דערפרייט מיט מײַן קומען. ער האָט מיט מיר פאַרפירט אַ געשפּרעך פון פײַער און פון וואַסער, האָט געגעבן אָנצוהערעניש, אַז ער ווייסט פון אַלץ (צום באַדויערן, איז דאָס געווען טיילווײַז אמת, ווײַל דעמאָלט שוין, ווי ס'האָט זיך דערנאָך אַרויסגעוויזן, האָט אין אונדזערע רײַען אַרײַנגעריסן זיך די שרעקלעכע פּלאָג — די פּראָוואָקאַציע).

אָפּהאַלטנדיק מיך אַ פּאָר שעה ביי זיך אין קאַבינעט, האָט ער ענדלעך פאַראָרדנט מיך אָפּצופירן אין 10.טן פּאַווילאָן, „דאָרטן", האָט ער מיר צוגעוואָרפן ביים געזעגנען זיך, „וועט איר האָבן גענוג צײַט זיך צו באַטראַכטן און זיך באַזינען": דעם אמת מוז מען זאָגן: ער האָט געהאַלטן וואָרט.

אין דעם דאָזיקן מתים־שטיבל האָב איך גענוג צײַט פאַרבראַכט.

צו וואָס אַ מענטש ווערט נישט צוגעוווינט. שפּעטער־צו, נאָך לאַנגע וואָכן און חדשים, האָב איך זיך אויך צו מײַן איינזאַמקײַט צוגעוווינט. איך האָב זיך אין מײַן קליין קעמערל אײַנגעאָרדנט גאַנץ באַקוועם און געפּילט זיך זייער געמיטלעך. דעם ערשטן אָוונט אָבער, ערב נײַיאָר, האָט מיך פײַנלעך געצויגן אַהין, צו מײַנע פרײַנד און חברים, וועלכע וואַרטן אוודאי

אויף מיר. וואָס טוען זיי איצט? צי הייסן זיי שוין פון מײַן אַרעסט?

פאַרטיפט אין אַזעלכע רעיונות, בין איך אַרומגעלאָפן איבער מײַן שטײַגל און געחלומט אויף דער וואָר. פּלוצלינג דערהער איך אַ שאַרך בײַ דער וואַנט, אַ קראַץ, און אַ שטילן, קוים-קוים באַגרײַפלעכן קלאַפּ. איך שטויס זיך גלײַך אָן, וואָס דאָס איז. דאָס וויל זיך מיט מיר מײַן שכן דורכקלאַפּן. דעם אַלף-בית האָב איך נאָך געקענט פון פריִער. אָבער אין פּויליש בין איך נישט געאיבט. ער קלאַפּט צו מיר זייער שנעל. איך פאַרשטיי נישט און קלאַפּ אומגעדולדיק אין וואַנט. יענער, אַפּנים, כאַפּט זיך, אַז ער האָט דאָ צו טון מיט אַ פריץ, און קלאַפּט לאַנגזאַם אויס: 3—3, 5—3, 5—3, 3—3 און אַזוי ווײַטער. איך שטרענג אָן מײַן אויער, איך צייל, און מערק אָן, און אַלץ ווערט מיר פאַרשטענדלעך:

— „אַ נײַ יאָר! אַ נײַ גליק!“

איצט הער איך שוין, ממש פיזיש הער איך די ווערטער. דורך די גראָבע ווענט, דורך שטיינער און ציגל רײַסן זיי זיך דורך די געפילן פון געפאַנגענעם מענטשן אין שטײַג, זיי דערגרייכן מײַן אויער, און מײַן איינזאַמקײַט פאַרשווינדט ווי אַ חלום.

ליכטיק ווערט מיר אויפן האַרצן, פריילעך אין אַלע ווינקעלעך פון מײַן נשמה; אויך דאָ קאָנען מיר, אומבאַקאַנטע און דאָך נאָענטע, צוזאַמען באַגעגענען דאָס נײַע יאָר.

האַסטיק וואַרף איך זיך שוין דער ערשטער צו דער צווייטער וואַנט, און קלאַפּ צו מײַן צווייטן שכן:

— „פּראָזיט! צום נײַיאָר“!

און ס'איז בײַ אונדז אַוועק אַ האַרציק-שטומער געשפּרעך ביז שפּעט אין דער נאַכט.

# דער 10טער פּאַווילאָן

איך האָב זיך גאַנץ באַקוועם איינגעאָרדנט אין מיין נייער דירה. די איינזאַמקייט און שטילקייט אַרום ווירקט אויף מיר גאַנץ באַרויִקנדיק. משמעות, איך בין פאַרן אַרעסט געווען זייער איבער־געמאַטערט, מיינע נערוון זענען שוין געווען צופיל אָנגעצויגן פון גרויס אָנגעשטרענגטקייט. איצט רוען זיי זיך אויס פאַר דער גאַנ־צער צייט און איך וועל דאָ אַביסל קומען צו זיך. איך האָב פעסט ביי זיך באַשלאָסן זיך נישט אָפּלאָזן. נישט אַוועקלייגן זיך אין בעט אָדער שפּיטאָל, נאָר האַלטן זיך אויף די פיס און אַליין איינ־שטעלן פאַר זיך אַ שטרענגען „רעזשים".

די דאָרטיקע אויפזעער האָבן בכלל פון קיין רעזשים נישט געהאַלטן. איר האָט געקאָנט שלאָפן ביז וואַנען איר האָט געוואָלט, לייגן זיך ווען איר איז געפעלן און אפילו אַ גאַנצע צייט וואַל־גערן זיך אויפן בעט. איין מאָל אין טאָג פלעגט אייך אַ זשאַנ־דאַר איינלאַדן אויף צען מינוט אויף אַ שפּאַציר, דאָס פלעגט פאָרקומען אויף אַ קליין הייפל, איבער אַן אויסגעטרעטענער סטעזשקע, צווישן צוויי זעלנער אַלס באַריערע, באַגלייט פון זשאַנ־דאַר ביי דער זייט. דערביי איז אויך געווען פאַרווערט אויפצו־הייבן דעם קאָפּ אין דער הייך, אָדער זיך אומקוקן אין די זייטן. פונעם שפּאַציר האָט מען זיך געקאָנט אָפּזאָגן.

אין אָוונט פלעגט אַ זשאַנדאַר ווידער קומען מיט אַ פּאַ־פּירל און פאַרשרייבן, וואָס יעדער ווינשט און וואָס ער וויל איינ־קויפן. דערביי פלעגט כמעט נישט זיין קיין שום באַגרענעצונג אין אויסשרייבן. מען האָט געקאָנט, אויב מען האָט נאָר געהאַט אין קאַנצעלאַריע געלט, אַלץ איינקויפן זיך טעגלעך, וואָס מען האָט נאָר פאַרלאַנגט, אויסער ספּירט.

דאָס עסן בכלל איז דאָרט געווען אויסגעצייכנט. דרײַ זעמעלעך מיט טיי און צוקער אין דער פרי, ווײַס ברויט און אַ געשמאַקער נאַרהאַפטער מיטאָג פון צוויי שפּײַזן (פאַר אינטעליגענטן צוויי פליישן און פאַר אַרבעטער — איין פלייש) בײַ טאָג; אָוונטברויט — אַ פּײַנקוכן, אָדער קאָטלעט און מילך; אויסער דעם האָט מען אויפן אייגענעם חשבון געקאָנט באַשטעלן אין דער קיך אַנדערע מאכלים.

אַ ביבליאָטעק איז דאָרט אויך געווען זייער אַ רייכע אויף עטלעכע שפּראַכן און צוויי מאָל אַ וואָך פלעגט קומען צו אונדז דער ביבליאָטעקאַר (אַ זשאַנדאַר) מיט אַ קאַטאַלאָג און מען פלעגט קאָנען אויסקלויבן ביכער צום לעזן. דער אויסוואַל איז געווען זייער אַ ברייטער און אין דער דאָרטיקער ביבליאָטעק פלעגט מען גאַנץ אָפט באַקומען ביכער, וואָס אויף דער פרײַ האָבן זיי זיך גערעכנט פאַר קאָנפיסקירטע, אָדער זענען גלאַט געווען אַ יקר־המציאות. דאָס דערקלערט זיך מיט דעם, וואָס די ביבליאָטעק האָט זיך אויסגעבויט און באַזונדערס באַרײַכערט געוואָרן דורך די ביכער פון די אַרעסטירטע גופא, וואָס פלעגן זיי שוין דאָרט איבערלאָזן, נאָך דעם ווי זיי פלעגן פאַרלאָזן זייער האָטעל, ווו זיי האָבן פאַרבראַכט לאַנגע חדשים אָדער יאָרן.

שווערלעך איז נאָר געווען דאָס אייביקע שווײַגן, דאָס אויספעלן פון אַ מענטשן, מיט וועמען מען זאָל קאָנען אַמאָל אַרויסרעדן אַ לעבעדיק וואָרט. די גאַנצע צײַט וואַרפן זיך אין די אויגן נאָר די גרויע מלבושים פון די מיליטער־לײַט. די גרויע פאַרב פינטלט אין די אויגן. זי איז מיר שטאַרק איבערדריסיק געוואָרן, עס ווילט זיך אַזוי זעען אַ מענטשן געקליידט ציוויל, זאָל זײַן אַ ווילד־פרעמדן אפילו. איך האָב באַשלאָסן אײַנצולאַדן צו זיך אַ דאָקטאָר — פאָרט אַ ציווילע פערזאָן. אָבער ווי גרויס איז געווען מײַן אַנטוישונג, ווען אויף מאָרגן האָט זיך ווידער צו מיר אין צימער אַרײַנגעלאָזט איינער געקליידט אין גרויע מיליטער־בגדים און האָט זיך פאָרגעשטעלט אַלס היגער דאָקטאָר. צוליב זײַן זשאַנדאַר־אוניפאָרם אַליין האָב איך פאַרלוירן צו אים מײַן צוטרוי און איך האָב ווייניק וואָס מיט אים גערעדט. ער האָט מיר,

ווי דער שטייגער איז פֿון אַזעלכע דאָקטוירים, גלײַך פֿאַרשריבן בראָם, אויף צו באַרויִקן מײַנע נערוון און האָט זיך גיך אָפּגעטראָגן, באַקומענדיק צו פֿאַרשטיין, אַז ער איז דאָ נישט קיין אָנגעלייגטער גאַסט.

אַרײַנטרעטן אין אַ געשפּרעך מיט די זשאַנדאַרן־וועכטער איז פּשוט געווען אַן אוממעגלעכע זאַך. זיי איז געווען שטרענג פֿאַרבאָטן צו רעדן מיט די אַרעסטירטע. פֿון צײַט צו צײַט, מעטאָדיש, פֿלעגן זיי צוגיין צום טירשײַבל, וואָס איז פֿון דער צווייטער זײַט אין קאָרידאָר געווען שטענדיק פֿאַרדעקט, פֿלעגן אויפֿהייבן דעם אַראָפּגעלאָזטן לאָדן און אַרײַנקוקן, וואָס ס׳טוט זיך אין צימער. דאָס פֿלעגט זייער דענערווירן. איר זיצט אַזוי פֿאַרטיפֿט אין אַ בוך אַליין אין צימער, איר פֿאַרגעסט בעת־מעשה אויף וועלכע וועלט איר געפֿינט זיך, אַרום אײַך איז נישטאָ קיין לעבעדיקער נפֿש, קיינער שטערט אײַך נישט אין אײַער אַרבעט, ס׳איז אַזוי גוט, אַזוי רויִק; מיט אַמאָל איר הייבט אויף דעם קאָפּ און דערזעט, ווי אויף אײַך זענען אָנגעשטעלט אַ פּאָר אויגן, און איר פֿאַלט שוין אַראָפּ פֿון אײַערע הימלען, וואָס איר האָט פֿאַר זיך געשאַפֿן, אויף דער אומעטיקער תּפֿיסה־ווירקלעכקײַט; באַזונדערס פֿלעגט רייצן דאָס שטילע צוגנבֿענען זיך אויף די שפּיץ פֿינגער צו אײַער טיר, פּונקט ווי מען פֿלעגט אײַך וועלן כאַפּן ביי אַ געהיימען פֿאַרברעכן.

גאַנץ אָפּט פֿלעגט אויף דעם דאָזיקן באָדן אויסברעכן שאַרפֿע סכסוכים צווישן די אַרעסטירטע און די וועכטער. נישט ווײַט פֿון מײַן צימער איז געזעסן אַ פֿרוי, אַלע נאַכט בײַ איר שלאָפֿן גיין פֿלעגן זיך אויפֿהייבן שטאַרקע קולות. זי פֿלעגט פֿאַרהענגען דאָס פֿענצטערל פֿון אינעווייניק בײַם אויסטון זיך. דער זשאַנדאַר פֿלעגט דאָס פֿאַרבאָטן, פֿלעגט זי אים נישט פֿאָלגן. פֿלעגט ער קלינגען און אַראָפּברענגען די עלטסטע פֿון קאַנצעלאַריע. יענע פֿלעגן דער פֿרוי דראָען מיט קאַרצער. אויב זי וועט זיך אַזוי אויפֿפֿירן. און דאָס פֿלעגט זיך איבערחזרן אַלע נאַכט, ביז מען האָט זי איבערגעפֿירט אין אַן אַנדער קאָרידאָר.

די זשאַנדאַרן פֿלעגן זיך בײַטן אַלע צוויי שעה און פֿון

דעם פלעג איך וויסן די צײַט, ווי אויפן זייגער. איך פלעג נישט איין מאָל פּרובירן אַרײַנגיין אין אַ געשפּרעך מיט די וועכטער, אָבער מיר פלעגט זיך דאָס קיין מאָל נישט אײַנגעבן. איך געדענק: איין מאָל איז געשטאַנען בײַ מיין טיר אַ יינגער זעלנער מיט אַ סימפּאַטיש געזיכט. געוויינלעך פלעגן איך מיך נוהג זײַן אָנצוװאַרעמען דאָס געקאָכטע וואַסער, וואָס מיר פלעגט פאַרבלײַבן פון אָוונט־טיי, אויפן נאַכטלעמפּל אַ זייגער 12—1 ביי נאַכט. דער יונגער זשאַנדאַר האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס איך טו און האָט אָנגעהויבן שרײַען. איך בין צוגעגאַנגען צו דער טיר, דערקלערט אים, אין וואָס עס גייט. ביסלעכווײַז האָב איך אַזוי פאַרפירט מיט אים אַ געשפּרעך. ס׳איז געווען אַ קאַלטע, פראָסטיקע נאַכט, דער זעלנער האָט געקלאַפּט אַ פוס אין אַ פוס און איז אין גאַנצן געווען פאַרגליווערט פון קעלט. איך האָב אים דעריבער פאַרגעלייגט צו נעמען בײַ מיר אַ ביסל הייסע טיי פון מײַן קאַן. אין דער ערשטער סעקונדע האָט ער אויף דעם מסכּים געווען (דער נסיון איז געווען צו גרויס), ער האָט שוין אפילו געעפנט דאָס פענצטערל און אויסגעשטרעקט די האַנט. פּלוצלונג אָבער האָט ער זיך אַ כאַפּ געטון, וואָס פאַר אַ פאַרברעכן ער באַגייט דאָ, האָט האַסטיק אַראָפּגעלאָזט דאָס שײַבל, האָט עס צוגעקלאַפּט מיטן ברייסל און אָנגעהויבן צו מאַרשירן מיט ברייטע טריט איבער דעם קאַלטן אַספאַלט פון קאָרידאָר. אַזוי שטאַרק איז געווען אין דעם זשאַנדאַרן־באַטאַליאָן די דיסציפּלין!

אויסער די זשאַנדאַרן פלעגן ביים אײַנגאַנג אין די קאָרידאָרן און אין הויף שטיין אויף דער וואַך אייגפאַכע זעלנער. זיי פלעגן זיך גאָר שרעקן פאַר די זשאַנדאַרן אימת־מות און פלעגן מורא האָבן אפילו צו קוקן אין אונדזער זײַט. איין מאָל האָט דער זשאַנדאַר געעפנט די טיר פון מיין חדר און מיך גערופן אויפן שפּאַציר, איך גיי דורך דעם ערשטן קאָרידאָר, מײַן באַגלייטער עפנט פאַר מיר די צווייטע טיר, אַ שטיק ליכט רײַסט זיך אַרײַן פון הרויסן אין האַלב פינצטערן בנין, פאַר מיר שטייט אַ סאָלדאַט מיט אַ ביקס ; איך קוק זיך צו : ס׳איז מײַנער אַ באַקאַנטער פון בריסק, אַן אַרבעטער פון פאַראיין. ער האָט מיך אויך דערקענט,

איז געוואָרן דערפֿון אַזוי איבערראַשט, אַז ער האָט זיך אַ וואָרף געטון צו דער וואַנט און די ביקס איז שיר נישט אַרויסגעפֿאַלן פֿון זײַנע הענט. איך האָב צו אים געשמייכלט, ער האָט אָבער מורא געהאַט צו קוקן אין מײַן שטח און האָט שטאַרק געציטערט.

ביי דער גאַנצער איזאָלאַציע און שטרענגער דיסציפּלין פֿלעגן מיר דאָך געפֿינען מיטלען, ווי אַזוי צו קאָמוניקירן צווישן זיך. פֿון איבערקלאַפּן אין וואַנט האָב איך שוין דערציילט. נישט אַלע אָבער האָבן זיך געקאָנט אויסלערנען קלאַפּן און נישט אַלץ האָט מען געטרויט די וואַנט. ביי אונדז פֿלעגט די וואַנט ווירקלעך האָבן אויערן און אָפּט פֿלעגט מען אויף אַן אויספֿאָרשונג אויספֿרעגן וועגן זאַכן, וואָס די זשאַנדאַרן פֿלעגן איבערגעבן פֿון קלאַפּן. אגב, פֿלעגן די זשאַנדאַרן אונדז שטערן אין דער אַרבעט דערמיט, וואָס זיי פֿלעגן אָנהייבן קלאַפּן מיט אײַזנס אין קאָרידאָר און צעמישן דאָס קלאַפּן. האָבן מיר געהאַט נאָך אַ מיטל. אין דער פֿרי פֿלעגט מען אונדז אַרויסלאָזן אייינציקווײַז אין וואַשצימער און אייניקע מאָל אַ טאָג אויף באַדערפֿענישן. נאָך יעדן באַזוך פֿלעגט אַפֿילו אַ זשאַנדאַר דאָרט שטרענג איבערטאַפּן און אַלץ איבערקוקן. דאָך האָט זיך אונדז איינגעגעבן אײַנצושטעלן זיכערע באַהעלטענישן, ווו דעם זשאַנדאַר פֿלעגט נישט אײַנפֿאַלן גאָר צו קוקן און דאָרטן איבערלאָזן צעטעלעך איינע פֿאַר די צווייטע, געשריבן מיט אַ שוועבעלע אָדער מיט אַ ציטרין, נאָך דעם אָנגעוואַרעמט אויף אַ לאָמפּ.

וועגן אַן אַלגעמיינעם ענין, וואָס פֿלעגט האָבן אַן אינטערעס פֿאַר דער גאַנצער פֿאַרשפּאַרטער באַפֿעלקערונג פֿון פּאַוויאָן, פֿלעגט מען אינפֿאָרמירן דורך די ביכער. נישט שרייבן, פֿאַרשטייט זיך, ווייל דאָס וואָלטן דאָך די אויפֿזעער גלייך באַמערקט און די ביכער פֿאַרהאַלטן. צוליב דער זעלבער סיבה, משמעות, פֿלעגט מען אונדז אָפּט געבן ביכער, ווו ס׳פֿלעגט פֿעלן פֿיל בלעטער. אין קאַנצעלאַריע פֿלעגט מען דערמיט נישט מאַכן קײַן גרויסע מחזוקות און די פֿאַרשריבענע בלעטער פּשוט אויסרײַסן. האָט מען דערפֿאַר צוגעקלערט אַן אַנדער מיטל. מען פֿלעגט מיט אַ שפּילקעלע אָנצייכענען זייער פֿאָרזיכטיק און דין אַ רײַ בוכ-

שטאַבן, צעוואָרפן אויף פאַרשידענע זײַטלעך. דאָס פלעגט מען קאָנען באַמערקן נאָר בײַ אַן אויפמערקזאַם לייענען. פון די אָנגעצייכנטע בוכשטאַבן לויט דעם סדר פלעגט מען צונויפשטעלן ווערטער, פון זיי בילדן גאַנצע זאַצן. אויף אַזאַ אופן פלעגט מען פּובליקירן פאַר אַלע ביבליאָטעק־אַבאָנענטן וועגן עמעצן, וואָס גיט אַרויס זיינע חברים, וועגן נײַע אַרעסטן, אָדער גלאַט אַלגעמיינע נײַעס.

אַזוי האָב איך איין מאָל אין אַ בוך פונאַנדערגעשיפרירט, אַז מען זאָל זײַן פאָרזיכטיק מיטן געהילף־פּאַרוואַלטער פון ציטאַדעל, ווײַל ער איז אַ שפּיאָן. איך האָב נאָך דערווײַל נישט געהאַט די זכיה אים צו קענען. אין אַ קורצער צײַט אַרום, מען ריגלט אָפּ די טיר, מען שליסט זי אויף, די זשאַנדאַרן בלײַבן שטיין אויפן קאָרידאָר, (געוויינלעך פלעגט דער וועכטער מוזן אַלעמען באַגלייטן), און מיט מיר אין צימער איז פאַרבליבן אַ נידעריק פאַרשווינדל מיט פלינקע אייגעלעך און לאַנג־פּוילישע גרויע וואָנצעס, געקליידט אין אָפיצירן־אוניפאָרם, באַהאָנגען מיט אָרדנס. ער האָט זיך מיר פאָרגעשטעלט אַלס געהילף־פּאַרוואַלטער און האָט אָנגעהויבן לאַקריץ־זיס מיט מיר צו פאַרפירן אַ שמועס: פאַר וואָס איך זיץ, אין וואָס מען באַשולדיקט מיך, פאַר וואָס זיי (די זשאַנדאַרן, הייסט דאָס) מאַטערן אומזיסט גוטע מענטשן און נאָך אַזעלכע מעשיות. איך אָבער האָב די גאַנצע צײַט פון זײַן געשפּרעך צוגעשמייכלט און געטריבן שפּאַס. מיר האָט זיך ממש געריסן פון צונג: וואָס מאַכסטו זיך, אַלטער, פאַר אַ נאַר? דײַן אַרבעט איז אַרויסגעוואָרפן. בײַ מיר אויפן טיש איז נאָך געלעגן דאָס בוך, אין וועלכן דער דאָזיקער נפש איז דעמאַסקירט געוואָרן.

# ראַדאָם

די טורמע דער „פּאַוויאַק" אין וואַרשע איז געוואָרן „צע-לאָזט". דער „רעזשים" האָט געפּלאַצט, דאָס האָט די זשאַנדאַ-מעריע געזען באַשײַנפּערלעך. וועגן דעם האָט זי צוויסן געגעבן, ווי מען באַדאַרף און די העכערע טורמע-אַדמיניסטראַציע איז אַראָפּגעפלויגן פון די בענקלעך. צו אונדז איז אָנגעקומען אַ נײַער „נאַטשאַלניק", אַ דײַטש מיט אַ געל-רויט געזיכט און בייזע אויגן. צום אַלעם ערשטן האָט ער אָפּגעשאַפט די דינערשאַפט בײַ אונדז אין די צימערן. ער האָט אונדז געוויזן אַן אינסטרוקציע פון אי-נערן-מיניסטער נאָך פון 1882טן יאָר, דאָס די פּאָליטישע אַרעס-טאַנטן מוזן אַליין רוימען און וואַשן זייערע חדרים. מיר האָבן געמאַכט פון דעם ענין אַ קאָנפליקט.

ס'זענען באַלד אָנגעשריבן געוואָרן הייסע פּראָקלאַמאַציעס „צו אַלע חברים פון פּאַוויאַק" (אויף יידיש און אויף פּויליש) נישט דערלאָזן דורכצופירן די נײַע גזרה און קיינער זאָל אַליין נישט רוימען. אויף דעם האָט דער „נאַטשאַלניק" געענטפערט מיט רעפּרעסיעס. פּאַרוואָרט אויסשרײַבן פון שטאָט, האָט נישט צוגעלאָזט קיין „וואַלוווקעס", און אַנדערע באַגרענעצונגען. מיר האָבן דערקלערט אַ הונגער-שטרײַק. מיר האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו נעמען אויף אַ פּאָר טעג דאָס עסן. ער אָבער איז פון דעם נישט נתפּעל געוואָרן און האָט די „אויפהעצער" באַ-שטראָפט מיט 8 טעג קאַרצער. צווישן די לעצטע בין איך אויך געווען. אַזוי ווי אונטן, — אַ פינצטערער קעלער, אין וועלכן מען פלעגט פאַרשפּאַרן, — איז שוין געווען איבערפולט, האָט מען מיך באַשטראָפט מיט אַ כמו-קאַרצער. איך בין פאַרבליבן

אין זעלבן צימער, אָבער אָן אַ בעטל, אָן אַ קישן, קאָלדערע און נאָר אויף ברויט מיט וואַסער. אַזוי האָט געדויערט אַ וואָך צײַט.

סוף וואָך, איך בין אַזוי געזעסן אָנגעשפּאַרט מיטן קאָפּ אויפן טישל און געדרעמלט, (בײַ נאַכט אויף דער האַרטער און קאַלטער פּאָדלאָגע האָט זיך נישט איבעריק גוט געשלאָפן), עפנט זיך מײַן טיר און ס'לאָזט זיך אַרײַן צו מיר אַ גאַנצע כּנופיא אָפיצירן — פון זשאַנדאַרמסקער פאַרוואַלטונג, פון טורמע-אינספּעקציע, און פון אַנדערע אַדמיניסטראַטיווע אַמטן. מײַן באַקאַנטער זשאַנדאַר הייבט מיר אָן צו זאָגן מוסר: „מען קאָן דאָך נישט צעברעכן מיטן קאָפּ די וואַנט", „איך מוז זיך אונטערוואַרפן די העכערע פאַראָרדענונגען" אאַ״וו. דערוווּסט זיך אָבער, דאָס די אַלע רייד זענען אומזיסט און איך בלײַב בײַ מײַן עקשנות, האָבן זיי באַפוילן מיך אָפּפירן אין קאַנצע־לאַריע. אַהין האָט מען אויך געבראַכט מײַנע זאַכן. מען האָט מיך ווײַטער געמאָסטן, באַשריבן און איבערגעגעבן דעם סאָל־דאַטן-קאָנוווי, וועלכער האָט געפירט אַן עטאַפּ קיין ראַדאָם. „דאָרטן וועט מען אײַך שוין אויסלערנען דרך-ארץ", האָט מיר בײַם געזעגענען צוגעוואָרפן דער בייזער „נאַטשאַלניק".

צום ערשטן מאָל בין איך אַרײַנגעפאַלן אין אַזאַ געמיש־טער קאָמפּאַניע. עס גייען מיט מיר צוזאַמען קיין ראַדאָם עט־לעכע קרימינעלע אַרעסטאַנטן, געשמידט הענט און פיס,—וועלכע זענען פאַראורטיילט אויף יאָרן לאַנג שווערער אַרבעט; עס גייען אויך אַ צענטליק מענטשן, ייִדן און קריסטן, וואָס מען האָט אָן אַ פּאַספּאָרט פאַרהאַלטן; מען פירט אויך אַן אַלטע, דורכגעמאַכטע אַרעסטאַנטקע, וועלכע האָט יאָרן לאַנג אין די טורמעס פאַרבראַכט און מיט איר צוזאַמען אַ יונג מיידל, כּמעט נאָך אַ קינד מיט צעשראָקענע אויגן און האַלב אָפענע ליפּן, וועלכע ווייסט נישט פאַר וואָס און וווהין מען פירט זי. עס גייט אויך אַ ייִדישע גרופּע עמיגראַנטן, וואָס מען האָט בײַ דער גרענעץ געכאַפּט מיט ווײַבער און קינדער, וועלכע פּילדערן און שרײַען אומבאַהאָלפן, צעשראָקן ווי אַ סטאַדע שעפּסן; ס'באַ־

געגעגען זיך דאָ מענטשן פון פאַרשידענע שטאַנדן, אַלערליי פּראָפעסיעס, געוועזענע אַריסטאָקראַטן, געפאַלענע פרויען, קראַנקע לײַט און אפילו משוגעים אויך. דאָס אַלץ ווערט געטריבן ווי איין מחנה; הענט צוגעשמידט איינע צו די צווייטע, אַלע מיט גלײַכע טריט און איינער ערוב אַלע — פאַר יעדער אָפּווײַכונג פון באַפעל, פאַר יעדן איבעריקן קער — אַ בייזער, ציַנישער געשריי, באַגלייט אָפט מיטן באַגנעט.

הגם דער עטאַפּ איז געווען זייער באַליידיקנדיק און פּײַנלעך, דאָך האָב איך זיך דערפרייט מיט דער פרישער לופט, מיט דער פרײַער נאַטור, מיט דעם וואָס איך האָב זיך אַרויסגעריסן פון דעם האַלב־פוילן גרוב. ס׳איז שוין געווען סוף זומער, אָבער ס׳זענען נאָך געשטאַנען שיינע, זוניקע טעג. מען האָט אונדז געפירט דורך דער אָטוואָצקער ליניע. אויף יעדע סטאַציע — אַ געפּאַקטער נײַגעריקער עולם. אַלע אַזעלכע לײַכטע, אַזעלכע פלאַטערדיקע: די פרויען אין ווײַסן געקליידט, די מענער אין זומער־אָנצוגן. מען לאַכט, מען איז צופרידן, מען באַגעגנט געקומענע געסט. אומבאַמערקט גייען זיי דורך אונדזער וואַגאָן, קוקן זיך אײַן אין די קליינע פענצטערלעך מיט קראַטעס געשמידט און שפּרינגען צעשראָקן אָפּ.

איך טאַפּ מײַן ווינטערדיק היטל, מײַן פאַרוואַקסענע באָרד, וואָס איך האָב אַזוי לאַנג נישט ראַזירט און קלער, אַז דאָס מוז זיי מײַן אויסזען אַזוי שרעקן.

פון וואַרשע קיין ראַדאָם איז אין גאַנצן אַ שטרעקע פון 8–6 שעה רײַזע. מיר זענען אָבער אַהין געגאַנגען גאַנצע 5 טעג. די מענער צופוס אונטערן קלאַנג פון די האַנט־בראַנסלעטן און קייטן. די פרויען און קינדער אויף פורן. אין איוואַנגראָדער פעסטונג (דעמבלין) האָבן מיר גערוט צוויי מעת־לעת. מען האָט אונדז אַזוי אַרײַנגעוואָרפן צענטליקער מענטשן אין איין קליינעם, ענגן פּאָרט, ווי הערינג אין פעסער,* און פאַרקלאַפּט די טירן. וועגן ליגן זיך שלאָפן האָט קיין רייד נישט געקאָנט זײַן. איך זעץ זיך אויף דער ערד, אַרום מיר אַ געמישטע גרופּע: די פאַראורטיילטע ראַדאָמער אַרעסטאַנטן, עטלעכע קאַ־

טאָרזשאַנעס, אַ פּאָר פּראָפעסיאָנעלע גנבים, אַ צוויי דריי נייגע־ריקע ייִדישע עמיגראַנטן. איך דערציייל זיי, וואָס ס׳ווילן „די פּאָליטישע", ווי אַזוי די וועלט דאַרף אויסזען, ווי אַזוי זי איז אין אמתן. זיי אַלע זיצן מיט אָפענע מיילער. הערן זיך גיריק צו צו יעדן וואָרט, די אויגן בליצן ביי זיי פון דעם נייעם אמת, וואָס זיי דערזעען פאַר זיך און יעדער פון זיי פאַרטראַכט זיך וועגן זיין אייגן לעבן, זיין ביטערן מזל. אַזוי זענען מיר אָפּגעזעסן ביזן גרויען טאָג אַריין.

* *
*

אַ מידער, אַ פאַרמאַטערטער, אַ צעבראָכענער בין איך אָנגעקומען אין מיין נייעם מקום־מנוחה. מיט בייזן נייגער האָט מען מיך דאָרט באַגעגנט. מיינע פּאַפּירן, וועלכע דער „קאָנוואָי" האָט איבערגעגעבן אין קאַנצעלאַריע, האָבן שוין פאָרויס מיר געשאַפן אַ רעפּוטאַציע פון אַן „אויפהעצער" און מיינע נייע באַלעבאַטים האָבן שוין פון דער ערשטער מינוט אָן זיך באַצויגן צו מיר ווי שטרענגע פּעדאַגאָגן צו אַ געפערלעך צעלאָזענעם תּלמיד. מיר איז דעמאָלט אַלץ געווען גאַנץ עגאַל: אַבי זיך שוין אָוועקלייגן, אויסציִען די ביינער, אָפּרוען זיך פון אַזאַ שווערער נסיעה.

מען פירט מיך אַריין אין אַ גרויסן, ליכטיקן בנין, געשלענגלט און געדרייט מיט אַ סך טרעפּ. אויף איינעם פון די אויבערשטע עטאַזשן זענען מיר שטיין געבליבן. מען עפנט פאַר מיר אַ שווערע, מאַסיווע טיר. אַ גרויסער, ברייטער צימער מיט הויכע פענצטער, דורכגעפלאָכטן מיט אייזערנע קראַטעס און לאַנגע, גרויסע ברעטער־נאַרעס ביי דער וואַנט. אין אין אַזאַ צימער וואָלטן זיך געקאָנט אויפהאַלטן אַ פּאָר צענטליק פערזאָן. קאַלט און אומבאַקוועם. קיין שום מעבלירונג. די נאַרעס האָבן געדינט אי פאַר אַ טיש צום עסן, אי פאַר אַ באַנק צום זיצן, אי פאַר אַ געלעגער.

ס׳איז שוין געווען טונקל. דער וועכטער האָט מיר אַריינ־

געגעבן אַ שטרויזאַק און רעדט מיט מיר קיין וואָרט נישט. מען קוקט זיך נאָך דערוויַיל צו מיר צו. מען ווייסט נאָך, אַפּנים, נישט, פון וועלכער זיַיט מיך צו נעמען. איך פרעג אויך קיין שאַלות נישט. איך האָב זיך גליַיך אַ וואָרף געטון שלאָפן. די פיר שלאָפלאָזע נעכט האָבן זייערס גענומען און איך בין שטאַרק איַינגעשלאָפן. אויף מאָרגן פרי האָבן זיך פון אַלע שטאָקן און קאָרידאָרן אַ לאָז געטון וועכטער צו מיַין צימער, אַזוי ווי חסידים צו אַ געקומענעם גוטן ייִדן. עפּעס קוקן זיי אַלע אויף מיר אַזוי נײַגעריק בייז, אַזוי משונהדיק טשעקאַווע, שעפּטשען צווישן זיך און שאָקלען מיט די קעפּ. איינער, דער עלטסטער, מיט אַ הייזעריק שטעכעדיקער שטים, גייט אַריַין און פרעגט מיך מיט אַ ירגזון, וואָס פאַר אַ סקאַנדאַלן איך האָב דאָס געמאַכט שוין די ערשטע נאַכט: איך קוק אים אויך אָן נשתומם פון זיַין פראַגע און הייב מיט די פּלייצעס, אַז איך ווייס נישט פון וואָס צו זאָגן. — „דאָ איז איַיך נישט וואַרשע", צעבייזערט זיך שוין דער עלטסטער, „אונדזער נאַטשאַלניק האָט פיַינט אַזעלכע מעשיות. ער וועט איַיך גיך איַינגעמען".

וואָס איז דאָ? צי איך בין פון זינען אַראָפּ, אָדער איך בין אַריַינגעפאַלן צווישן משוגעים? קוים מיט צרות האָב איך זיך דערשלאָגן ביַי מיַין שליסער, ער זאָל מיר דערציילן, וואָס איז דאָ די פאַבריקע נאַכט פאַרלאָפן. וויַיזט זיך אַרויס, אַז ווען מען איז געקומען נעכטן 12 ביַי נאַכט אויף „פּאַווערקע", (דאָ מאַכט מען „פּאַוויערקע" אויך אין מיטן נאַכט, וויַיל, דערקלערט ער מיר, נישט לאַנג האָט מען אויפגעדעקט שוין אַ צוגעגרייטע מעשה צו אַנטלויפן, די קראַטעס זענען געווען אונטערגעזעגט, מען האָט געפונען אַ סך ברעכנגעציַיג. גייט דער „נאַטשאַלניק" אַליין איבער אַלע חדרים. אַלע מוזן זיך אַוועקזעצן אויף די נאַרעס און מען מאַכט אַ שטרענגע רעוויזיע אין צימער) איז דער נאַכטשליסער אַריַין אויך צו מיר אין צימער און מיך גענומען וועקן—אויפשטיין צו „פּאַוויערקע", האָב איך געקאָפּעט מיט די פיס אַזוי, אַז דער „נאַטשאַלניק" מיטן אי-

בעריקן עולם האָבן זיך שטאַרק דערשראָקן. מען וועט מיך באַלד, האָט ער צוגעגעבן, אַרויסרופֿן אויף אַן אויספֿאָרשונג וועגן דעם ענין.

די דאָזיקע מעשה האָט פֿאַר מיר אַליין אויסגעזען זייער משונהדיק. איך פֿלעג שטענדיק שלאָפֿן אַזוי רויִק, באַזאַכט. אַזעלכס געשעט מיט מיר דאָס ערשטע מאָל. משמעות, דער וועג האָט מיך אַזוי אויסגעמאַטערט, אַז איך האָב פֿון שלאָף געשריִען און די דאָזיקע אידיאָטן נעמען דאָס אָן פֿאַר אַ „בונט" פֿון מײַן זײַט. די זאַך וועט זיך, מן-הסתם, באַלד אויפֿקלערן און ס'וועט נישט האָבן קיין ערנסטע פֿאָלגן.

שפּעטערצו, ס'קומט אַרײַן „דער עלטסטער" און זײַט דורך פֿײַערלעך דורך די ציין: „זײַט אַזוי גוט, — אין קאַנ-טאָר!" דאָרט איז שוין געזעסן דער גאַנצער סנהדרין: דער נאַטשאַלניק, — נאָך גאָר אַ ייִנגער מענטש אין גאַנצן געגאָלט, מיט אַ געזיכט פֿון אַ רויבפֿויגל, אַ לאַנגן, פֿאַרקרומטן שנאָבל און מיט רויטע, אָנגעלאָדענע אויגן; אַ 'געהילפֿספּראָקוראָר, — אַ ייִנג בחור מיט רויטע, פֿולע בעקלעך, קליינע גוטמוטיקע אויגעלעך שוואַרץ-געדרייטע וואָנצעלעך און פּראַנטאָוואַטע גע-קליידט; אַן עלטערער מענטש מיט גראָע, לאַנג-פֿאַרשפּיצטע וואָנצעס, נישט געגאָלט געזיכט, אַ רויטע נאָז און אין גאַנצן אָפּגעלאָזן — דאָס איז געווען דער אָרטיקער דאָקטאָר; אחוץ דעם — אַ באַאַמטער פֿון גובערנאַטאָרס קאַנצעלאַריע, אַ געהילף-נאַטשאַלניק און אַ צוויי שרײַבער.

ס'הויבט זיך אָן אַ חקירה ודרישה. געעפֿנט האָט דער יונגער פּראָקוראָרל, אַלס דער עלטסטער לויטן ראַנג. ער האָט זיך אָבער גלײַך אָפּגעהאַקט און האָט איבערגעגעבן דאָס וואָרט דעם „נאַטשאַלניק".

— פֿאַר וואָס האָט איר געשטערט די שטילקייט און רו?

— ווען?

— נעכטן בײַ נאַכט!

— איך ווייס פֿון גאָר נישט!

— ס'טײַטש, איך האָב דאָך אַליין געהערט אײַך שרײַען

און דער שליסער האָט געזאָגט, אַז איר האָט אים מיט די פיס געשלאָגן.

— דאָס איז געווען פון שלאָף.

— וואָס ?

מײַן דערקלערונג רופט אַרויס אַן איבעראַשונג בײַם עולם. דער פּראָנטאָוואָטער פּראָקוראָרל שמייכלט פאַרלעגן; דער אַלטער דאָקטאָר לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ. דער „נאַטשאַלניק" אָבער פאַלט פון דעם נישט אַראָפּ. אדרבא, ער הויבט נאָך העכער זײַן שטים.

— אויב איר זײַט משוגע, וועלן מיר אײַך בינדן. אָנטון אַ משוגעים-העמד !

— איר האָט די מאַכט. איר קאָנט אַלץ טון.

דער גוטמוטיקער שומר פון געזעץ, דער געהילפספּראָקוראָר ווערט אומרויִק. ער האָט מורא, איך זאָל נישט פאַרגעסן און זאָגן עפּעס אַן אומגעזעצלעך וואָרט. ער רײַסט מיר איבער.

— יעדנפאַלס, דאַרפט איר געדענקען, אַז איר זײַט אַן אַרעסטאַנט און אונטערוואַרפן זיך דער אינסטרוקציע.

— אפילו אין שלאָף ?

דאָס יונגע פּראַנטל ווערט אין פאַרלעגנהייט רויט.

— יאָ, ער איז אַ צו רעדעוודיקער, ווענדט ער זיך צו די איבריקע, אָוועקקערנדיק זיך פון מיר מיטן רוקן. דער „נאַטשאַלניק" באַפעלט, מיך אַרײַנפירן אין אַ פּאָדערצימער.

וואָס זיי האָבן זיך דאָרט באַראַטן, ווייס איך נישט. אין אַ קורצער ווײַלע אַרום קומט ווידער צו מיר דער עלטסטער מיט דער הייזעריק-גראָבער שטים און רופט מיך:

— זײַט אַזוי גוט.

מען פירט מיך שוין נישט מיטן זעלבן וועג, מיט וועלכן איך בין פריִער אין קאָנטאָר געגאַנגען. אַ נײַ אָרט, הייסט דאָס. איך לאָז זיך אַראָפּ אין אַ געוועלבונג, וווּ ס'געפינען זיך אַ סך אײַזערנע טירן, פאַרהאַקט און פאַרשלאָסן. נומער 3—זאָגט קורץ דער עלטסטער צום שליסער. מען עפנט אויף פאַר מיר די טיר. אַ קליינע געמויערטע לאָך מיט נאַסע, פײַכטע ווענט,

מיט אַ קליין פענצטערל פון אויבן. פּאַרט אַ פּריווילעגירטער! נעם איך זיך איבער. זיי האָבן מיר געגעבן אַ ליכטיקן קאַר־צער, נישט ווי פּשוטע בשר ודמס. אָבער איך האָב זיך גיך איבערצייגט, אַז מײַן דאָזיקע פּריווילעגיע איז זייער אַ צווייפל־האַפטע. מײַן חדר איז, משמעות, ספּעציעל געשאַפן געוואָרן אויף אויסצוהאָדעווען שווינדזיכטבאַצילן און בײַ אַ געזונטן מענטש מאַכן פוילן די לונגען. אַ געדעמפּטער, פוילער אוויר איז דאָרט געשטאַנען די גאַנצע צײַט. ס׳איז געווען שווער צו אָטעמען. פון די ווענט, פון דער פּאָדלאָגע, פון סופיט האָט געצויגן אַ נאַסע קעלט. די אויגן האָבן געפינטלט פון דער משונהדיקער שײַן, וואָס איז געפאַלן פון דעם לאָך אין דער הויך.

איך קלאַפּ אין טיר און פאָדער מײַנע זאַכן.

— דאָ איז אַ קאַרצער. קיין שום זאַכן איז נישט דער־לויבט צו האָבן.

— אויף ווי לאַנג דאַרף איך דאָ זיצן?

— דאָס ווענדט זיך אָן „נאַטשאַלניק״, ווײַל בײַ אונדז איז דאָס פאַרעכנט פאַר אַ געוויינלעכן צימער.

אָט דאָס הייסט יוצא זײַן לכל הדעות! — טראַכט איך — קיין קאַרצער האָט מען מיר נישט געקאָנט געבן, ווײַל איך האָב געשריגן פון שלאָף, פאַרבײַלאָזן דאָס אומבאַשטראָפט, וואָלט געשאַדט דעם „פּרעסטיזש״, האָט מען מיר געגעבן אַ „געוויינלעכן צימער״, וואָס שטײַגט איבער אַ פינצטערן קאַרצער. איין מעלה איז דאָ געווען: מען האָט מיר געלאָזן לגמרי צו רו. קיין „פּאָווערקע״, קיין שום וויזיטן. אָפּגעגעבן מיר מײַן חלק עסן, (דאָס איז, אגב־אורחא, נישט געווען בעסער ווי אין „פּאַוויאַק״) האָט שוין קיינער צו מיר נישט אַרײַנגעקוקט די גאַנ־צע צײַט. אַזוי איז אַריבער אַ וואָך, 10 טעג. די שרעקלעכע לופט און האַלב־פינצטערניש האָבן זייערס געטון און איך האָב זיך אָוועקגעלייגט, האָב שוין נישט געקאָנט שטיין אויף די פיס. דער שליסער האָט דאָס באַמערקט און וועגן דעם, מן הסתם, געמאָלדן אין קאַנצעלאַריע.

אויף מאָרגן פרי, ס׳קומט אַרײַן צו מיר דער דאָקטאָר,

ער פאַרפירט מיט מיר אַ לאַנגן געשפּרעך. ער אַליין איז אַ פּאָליאַק און אַ ראַדיקאַל דערצו. אַמאָל אויך געמישט זיך אין פּאָליטיק, איצט מוז ער צוקוקן ווי די „מאָסקאָלעס" מאַטערן אומשולדיקע מענטשן. וואָס זאָל איך טון — פּרנסה. איך בין נאָך אַ יונגערמאַן, איך דאַרף שאַנעווען מײַן געזונט. ער ראַט מיר מאַכן שלום מיטן „נאַטשאַלניק" און זיך אונטערגעבן.

— אָבער איך האָב זיך דאָך מיט אים נישט געקריגט?

טרײַב איך שפּאַס, יאָ, ער ווייסט. אַ מענטש פון וועג, פאַר־מאַטערט, שרײַט ער פון שלאָף. זיי האָבן אָבער איבערגעשראָקן שוין לכתחילה מײַנע פּאַפּירן, אין וועלכע ס'שטייט, אַז איך האָב „געבונטעוועט" אין „פּאַוויאַק". אגב, האָט זיי מײַן טאָן נישט געפעלן. אָבער מען קאָן גאָר נישט מאַכן. ער וואָלט מיך גע־נומען צו זיך אין שפּיטאָל, איז דאָרט געפּאַקט מיט קרימינעלע און איך מוז זײַן איזאָלירט. אָפּגעזיפצט, אויסגערעדט זיך דאָס האַרץ — איז ער אַוועק פון מיר. אין אַ שעה אַרום האָט מען מיך אָפּגעפירט צוריק אין מײַן ערשטן חדר.

איצט האָט ער מיר אויסגעזען ווי אַן אמתער פּאַלאַץ. אַזוי לופטיק, אַזוי פריש און אַזוי פיל ליכט. איך עפן ברייט דאָס פענצטער און איך טרעט שוין כמעט פון אים נישט אָפּ. מיטן „נאַטשאַלניק" האָט זיך בײַ אונדז אײַנגעשטעלט „אַ באַ־וואָפנטע נײַטראַליטעט". מיר האָבן געלעבט בשלום, אָבער שטענדיק גרייט צו מלחמה. מען האָט געמוזט אויפשטיין בײַ נאַכט צו „פּאָווערקע", פלעג איך זיך ביז יענער צײַט נישט לייגן און אַרומשפּאַצירן איבערן צימער אין דער פינצטער (קיין ליכט האָט מען דאָרט נישט דערלויבט). די ערשטע נעכט פלעג איך גאַנץ אָפט זיך צעקלאַפּן אין דער פינצטער דעם קאָפּ אָן אויוון, אָנשטויסן זיך אויף אַ וואַנט, אַרויפגיין אויף דער טיר. שפּע־טער־צו אָבער האָט זיך שוין מײַן ריאה אַזוי פאַרשאַרפט, אַז איך פלעג אַלץ זען אין פינצטערן צימער און איך פלעג איבער אים דרייסט שפּאַצירן.

פאַרוואָס שלאָפט איר נישט אַזוי שפּעט? — האָט מיר איינמאָל געפרעגט מיט אַ פאַרדרוס דער „נאַטשאַלניק".

— עס ווילט זיך נישט שלאָפן — ער דאָס אראָפּגעשלונגען און גאָר נישט געזאָגט.

ביכלל, דוכט זיך, האָט ער אויף מיר אַ מאָך געטון מיט דער האַנט און זײַן גאַנצע אויפֿזעער־קוגץ אָנגעווענדט אויף די קרימי־נעלע. אין זיי פֿלעגט ער זיך נוקם ונוטר זײַן. ער פֿלעגט נישט וויסן קיין רחמנות, ער פֿלעגט נישט קאָנען רוען, ביז ער פֿלעגט נישט איבערברעכן דעם שטאַרקסטן כאַראַקטער. צו אים, אין ראַדאָם, פֿלעגט מען טאַקע איבערשיקן אַלע די, וועלכע מען פֿלעגט נישט קאָנען אײַנבײַסן אין אַנדערע טורמעס. ער פֿלעגט זיך שוין מיט די שטאַרקסטע כאַראַקטערס אַן עצה געבן די דיסציפּלין איז געווען בײַ אים אַן אײַזערנע, אַן אומגעבראָ־כענע. פֿאַר יעדע אָפּנויגונג, פֿאַר יעדע קלײניקײַט — שטרענגן קאַרצער. די מער „געפֿערלעכע״ אַרעסטאַנטן פֿלעגט ער גלײַך איזאָלירן און אַזוי אָפּנעמען בײַ זיי די מעגלעכקײַט צו ווירקן אויף אַנדערע, זיי צו דעמאָראַליזירן. אַלע נעכט, אַן אויסנאַם, פֿלעגט ער זיך אַליין אַרײַנגנבענען אויף די שפּיץ פֿינגער צו די טירן, פֿלעגט זיך אײַנהערן, צי מען שלאָפֿט דאָרט רויִק. ווי איז געווען דעם קאַמער, וועלכן ער פֿלעגט כאַפּן רעדן, אָדער רויכערן (דאָס איז געווען שטרענג פֿאַרבאָטן), ער פֿלעגט אַזוי לאַנג אָנווענדן צו אַלע רעפּרעסיעס, ביז מען האָט געמוזט אַרויסגעבן דעם שולדיקן, וועלכער האָט איצט באַקומען זײַן פּסק־דין. נישט מילדער איז ער געווען צו די וועכטער. זיי פֿלעגן ציטערן פֿאַר זײַן פּאַרע, וואָס ער פֿלעגט אַרויסלאָזן פֿון מויל.

אין זכרון בײַ מיר איז פֿאַרבליבן אַזאַ סצענע: מען האָט געבראַכט פֿון וואַרשע אַ „קאַטאָרזשניק״, אַ געזונט, פֿעסט יידל, מיט אַ גרויסער געלער באָרד און ענערגישן פּנים. איך האָב אים באַגעגנט אין קאָרידאָר, — ער האָט ממש געאָטעמט מיט ענערגיע. מען האָט גלײַך געזעען, אַז מען האָט צו טון מיט אַ מענטש פֿון פֿעסטן ווילן און שטאַרקן מוט. „איך וועל זיך אים נישט אונטערגעבן״, האָט ער מיר צוגעוואָרפֿן בײַ דער באַגעגעניש: „ער וועט פֿון מיר קראַפּירן, די מיתה משונה

אײַננעמען״. פֿאַרשטייט זיך, אַז דאָס דאָזיקע ייִדל פֿלעגט נישט ארויס פֿון קאַרצער. דאָרטן פֿלעגט ער זיך באַנוצן מיט פֿולער רעדעפֿרײַהײַט, פֿלעגט ער שרײַען, זידלען, באַפֿאַלן דעם „נאַ-טשאַלניק״ מיט די גרעבסטע זלזולים, אָבער דער „נאַטשאַלניק״ איז געבליבן פֿון דרויסן און ער אין אַ פֿינצטערן קעלער.

צו יענער צײַט האָט מען בײַ אונדז דערוואַרט אַ גרויסן רע-וויזאָר פֿון וואַרשע — דעם עלטסטן פּראָקוראָר פֿון „כודעבנער פּאַלאַטע״. די אַרעסטאַנטן האָבן זיך שטיל צונויפֿגערעדט, דאָס זיי זאָלן זיך פֿאַר אים באַקלאָגן, אַז מען שלאָגט זיי דאָ, מען גיט זיי נישט קיין עסן און אַנדערע חטאים. דער ראש-המדברים האָט געדאַרפֿט זײַן דער געלער קאַטאָרזשניק מיט נאָך איינ-קע דרײַסטערע אַרעסטאַנטן. דער „נאַטשאַלניק״ איז פֿון דעם געוווּיר געוואָרן. (אין יעדן קאַמער האָט ער געהאַט פֿון זײַנע מענטשן, וואָס פֿלעגן איבערגעבן אין קאַנטאָר ווען אַלץ, וואָס מען רעדט דאָרט). צום טאָג, וואָס מען האָט געוואַרט אויפֿן רעוויזאָר, האָט דער „נאַטשאַלניק״ באַפֿוילן צונעמען איינציק-ווײַז די גאַנצע גרופּע אָנקלאָגער אין קאַרצער. שרעקלעכע קולות זענען דעם טאָג געשטאַנען איבער די קאָרידאָרן, די אומשול-דיקע אַרעסטאַנטן האָבן זיך קעגנגעשטעלט, מען האָט זיי אַכזריותדיק געשלאָגן און אַרײַנגעוואָרפֿן אין די קעלערס. ס'איז געקומען דער לאַנג-דערוואַרטער רעוויזאָר. ער גייט דורך אַלע קאַמערן. ער קומט צו די קאַרצערס. „ווער זיצט דאָ?״ פֿרעגט ער בײַם „נאַטשאַלניק״. „געפֿערלעכע בויאַנעס-רוצחים״, איז געווען דער ענטפֿער. יענע האָבן דערהערט טריט, האָבן זיי אָנגעהויבן מוראדיק צו קלאַפּן אין די טירן. דאָס האָט נאָך מער איבער-געשראָקן דעם אַלטן פּראָקוראָר און ער האָט זיך געאײַלט וואָס גיכער דורכלויפֿן דעם געפֿערלעכן קאָרידאָר און די פֿאַרשפּאַר-טע זענען געבליבן בײַם קלאַפּן.

אין אָוונט — מען גייט צו „פּאָווערקע״. מיט אַמאָל הער איך: איבערן גאַנצן בנין קײַקלט זיך אַ שטאַרקער מעפּיסטאָ-פֿעלשער געלעכטער נישט ווײַט פֿון די קאַרצערס. איך דערקען דעם „נאַטשאַלניקס״ שטים. כאַ, כאַ, כאַ, שלאָגט זיך אַ הויכער

בת־קול איבער די אײַזערנע שטיגן און פּוסטע קאָרידאָרן:
„אָנקלאָגן װעט איר זיך אויף מיר? װאָס, אויסגעפּירט? איצט װעל איך אײַך אין קאַשע צערײַבן!" לאַנג נאָך האָט געדונערט די מעטאַלשטים פון דעם הערשער אין דעם טויטנהויז, לאַנג נאָך איז ער זיך היסטעריש פאַרגאַנגען אין אַ טײַװלאָנישן געלעכטער פון נקמה און נצחון איבער געבינדענע, אין אײַזן־געשמידטע מענטשן, װעלכע האָבן אים אָנמעכטיק אָפּגעענטפערט מיט אַ ציניש רוסישן זידלװאָרט... אין אַ פּאָר טעג אַרום האָב איך דאָס געלע ייִדל באַגעגנט פירן אין שפּיטאָל אַ צושלאָגענעם און קראַנקן...

* *
*

שוין העכער אַ יאָר, אַז איך געפין זיך הינטערן שלאָס. איך האָב זיך שוין צוגעװוינט צו מײַנע נאַרעס, צו דער גרויסער פינצטערער קאַמער אין די לאַנגע װינטערנעכט און צו דעם גאַנצן דאָרטיקן גיהנום. איך טראַכט שוין גאָר נישט װעגן אַ סוף, װעגן אַן ענדערונג אין מײַן שיקזאַל. מען האָט מיר נאָך מיט אַ פּאָר חדשים צוריק געמאָלדן פון װאַרשע, דאָס מײַנע פּאַפּירן זענען אַװעק קײַן פּעטערבורג צום יוסטיץ־מיניסטער, ער האָט זיי אין אַ חודש אַרום איבערגעשיקט צום אינערנמיניסטער (אַזאַ גלגול האָבן דעמאָלט דורכגעמאַכט אַלע פּאָליטישע משפּטים ביז זיי פלעגן זיך נישט פאַרענדיקן מיט אַן אורטייל לויט דעם „אַלערהעכסטן באַפעל", פּשוט גערעדט — אַן אַדמיניסטראַטיװער קאָמיסיע בײַם פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט, װעלכער האָט זיך באַנוצט מיטן קייזעדס נאָמען). און נאָך דעם איז שטיל געבליבן. איך האָב אויך נישט צוגעאײַלט די זאַך און ס'האָט זיך אַזוי געשלעפּט איין טאָג ענלעך אויפן צװייטן, איין חודש איבעריאָגט דעם אַנדערן, צי זיי האָבן אָן מיר דאָרט פאַרגעסן? דאָס גוטע יאָר װייסט זיי דאָרט.

פון צײַט צו צײַט פלעגן אַרײַנקומען אין מײַן קאַמער פאַרשידענע רעװיזאָרן פון װאַרשע, אָדער פון ראַדאָם גופא, פלעגן אויספרעגן פאַר װאָס און װי לאַנג איך זיץ, פלעגן

שאָקלען מיטן קאָפּ און אַוועקגיין: יאָ, אין רוסלאַנד, האָט מיר איינער פון די רעוויזאָרן אויפגעדעקט אַ נײַס, „איז פּאָליטיק נישט קיין גוט געשעפט“.

באַזונדערס האָבן דאָס שטאַרק דערשפּירט מײַנע לונגען, זיי האָבן אָפּט אָנגעהויבן צו רײַסן, גלײַך ווי קליינע שדימלעך וואָלטן דאָרטן ווי מיט שפּילקעס געשטאָכן; איך פלעג זיך שטאַרק פונאַנדערהוסטן און אַרומגיין מיט אַ העכערער טעמפּעראַטור. דער אַלטער דאָקטאָר, וואָס פלעגט מיר אָפּט באַזוכן אויס לאַנגווײַליקײַט, פלעגט לאַנג שאָקלען מיטן קאָפּ, נאָך דעם ווי ער פלעגט מיך אויסהערן און פלעגט זיך דערשלאָגן פאַר מיר בײַם „נאַטשאַלניק“ איין פּריווילעגיע נאָך דער צווייטער: מען האָט מיר דערלויבט, אָנשטאָט 10 מינוט שפּאַצירן אַרומצוגיין 2—3 שעה איבערן הויף; מען פלעגט אויסשרײַבן פון שטאָט פאַר מיר, אויף מײַן רעכענונג, פאַרשידענע עסנוואַרג, (געוויינלעך האָט מען דאָס נישט געטאָרט), מען פלעגט גוט הייצן און לופטערן מײַן צימער. דאָס אַלץ האָט פאַרלײַכטערט, פאַרשטייט זיך, מײַן קרענק, האָט שוין אָבער נישט געקאָנט אָפּשטעלן דעם פּראָצעס.

בעת איינעם פון זײַנע באַזוכן האָט מיר דער דאָקטאָר פאָרגעלייגט אָנצושרײַבן אין פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט אַ ביטע אַרויסצולאָזן מיך צוליב מײַן קראַנקהײַט אונטער פּאָליציי-אויפזיכט. איך האָב נישט געגלויבט אין דערפאָלג און האָב זיך געקווענקלט. דער דאָקטאָר אָבער איז צו מיר צוגעשטאַנען, ער האָט מיר פאַרזיכערט, אַז זײַן צײַגעניש וועט האָבן אַ פּעולה און איך האָב אים געפאָלגט.

אין אַ שיינעם אַפּרילטאָג, ווען איך האָב אַזוי שפּאַצירט איבערן הויף, אײַנגעטונקען אין בלויען הימל און געשלונגען אין זיך די פרישע אַפּריללופט, האָט מען מיך גערופן אין קאַנצעלאַריע. דאָרטן האָט מען מיר אָנגעזאָגט אַ בשורה, אַז ס'איז דאָ פאַר מיר אַ דערלויבעניש פון פּעטערבורג צו באַפרײַט ווערן אונטער פּאָליציי-אויפזיכט. דערבײַ איז דאָרט אויסגערעדט, אַז איך טאָר נישט וווינען אין גאַנצן צפון-מערבדיקן

געגנט, אין גאַנץ פּוילן, אין אַלע אוניווערזיטעט-שטעט, אין דרום־רוסלאַנד און אין אַנדערע מקומות. איך בין געבליבן אין גרויס פאַרלעגנהייט. איך קאָן פאָרן אויף דער פריי, אָבער איך האָב פאַר זיך נישט קיין אָרט, ווו איך מעג זיך באַזעצן, איך האָב דעריבער געבעטן אַ לאַנדמאַפּע, כדי דאָרט אויסזוכן פאַר מיר עפּעס אַ פּאַסנדע שטאָט.

דערביי איז געווען דער „נאַטשאַלניק". געווייינלעך, האָבן מיר צווישן זיך אויסער איינציקע אָפיציעלע ווערטער, די גאַנצע צייט נישט גערעדט. פּלוצלינג, ער עפנט דאָס מויל און ווענדט זיך צו מיר מיט עצות אַזוי ווייך, מיט אַזאַ איינטייל. ווען אַ חיה וואָלט מיט אַ מאָל רעדן גענומען, וואָלט דאָס מיך נישט אַזוי פאַרוואונדערט, ווי בעת איך האָב דערהערט פון אים מענטשלעכע ווערטער. ער האָט פאַרשטאַנען מיין פאַרוואונדערונג און ער האָט זיך נאָך מער צערעדט: „איר האַלט מיך אודאי פאַר אַ חיה, פאַר אַ פאַרשטיינערטן גזלן. אָבער איך בין דאָך אויך אַ מענטש, מיט אַ מענטשיש האַרץ, מער נישט דאָ ווערט מען אַזוי פאַרשטיינערט".

איך האָב זיך מיט אים אין קיין טיפערן שמועס נישט אריינגעלאָזן. זיינע איצטיקע ווערטער האָבן מיר אויסגעזען אַזוי נישט נאַטירלעך פאַר דעם בילד פון דער מענטש־רויב־חיה, פאַר וועלכן איך האָב אים די גאַנצע צייט געקענט, דאָס זיי האָבן, אייגנטלעך, מיך מער געררייצט, ווי זיינע קולות און זידלערייען אין דער תפיסה אינעווייניק. צי דאָס איז געווען מער נישט ווי אַ געמאַכטער אָנשטעל פון אַ פאַרדאָרבענעם, וואָס וויל נישט האָבן קיין איבעריקע שונאים אויף דער פריי, אָדער דאָס פינטעלע מענטש האָט טאַקע אין אמתן געטליעט אפילו אין דעם דאָזיקן וואָלף בצורת מענטש? איך ווייס נישט. מיר איז נאָר באַקאַנט, אַז שפּעטער איז ער איבערגעפירט געוואָרן אַלס פאַרוואַלטער אין לובלינער געפענגעניש, האָט זיך דאָרט שטאַרק נוקם געווען אין די „פּאָליטישע" און איז אין גיכן געפאַלן פון אַ קויל, דערשאָסן דורך דער פּ. פּ. ס־שער „באָיוווקע".

אָפּגעשטעלט זיך אויף טשערניגאָוו, אַלס א פּאַסנדיקע שטאָט פאַר מיר, האָב איך באַקומען אַ רײַזעשײַן פון ראַדאָמער גובערנאַטאָר און די שוואַרצע טויערן פון טויטנהויז האָבן זיך שוין פאַרשלאָסן פון יענער זײַט, הינטער מיר. נאָך 16 חדשים זיצן בין איך אַרויס אויף דער פרײַ.

ביינוש מיכאַלעוויטש אין קריניצע (1927).
רעכטס די ערשטע — ח׳ דינה.

# די פּאַרטיי־קאָנפערענץ און דער דורכפאַל

די רוסלענדער סאָציאַלדעמאָקראַטישע פּאַרטיי, אין וועלכע דער „בונד" איז אין יאָר 1898 אַרײַנגעטרעטן אַלס אויטאָנאָמע אָרגאַניזאַציע, איז שוין צו יענער צײַט צעפאַלן אויף באַזונדערע, לויזע און צווישן־אַנאַנדער שטענדיק זיך רײַסנדע גרופּן און אָרגאַניזאַציעס. דער פּאַרבאַנד פון די רוסישע סאָציאַלדעמאָקראַטן", „איסקראַ", „יוזשני ראַבאָטשי" און נאָך קלענערע גרופּעס — זיי אַלע האָבן געפירט אַן אָפּגעריסענע זעלבסטשטענדיקע אַרבעט אָן שום צענטראַלער לייטונג און אייניקײַטלעכער אָנפירונג. ס׳איז נויטיק געווען צו מאַכן הכנות אויף צונויפרעדן זיך, צוזאַמענקומען און צוריק אויפשטעלן די צעפאַלענע פּאַרטיי. מען האָט צווישן זיך אָפּגערעדט צונויפרופן אַ קאָנפערענץ אין מערץ פון יאָר 1902.

דאָס צו אָרגאַניזירן האָט מען איבערגעגעבן דעם צ"ק פון „בונד". ער האָט באַשלאָסן זי אײַנאָרדענען אין ביאַליסטאָק. די גאַנצע זאַך פון זײַן זײַט איז טאַקע דורכגעפירט געוואָרן שטרענג קאָנספּיראַטיוו און האָט נישט אַרויסגערופן דעם מינדסטן חשד בײַ דער פּאָליציי. מען האָט צו דעם צוועק געדונגען אַ באַזונדער שטיבל אין אַ באַלעבאַטיש דורכגאַנגגעסל. דאָרט האָט זיך באַזעצט אַ רויִק פּאָרפּאָלק, וועלכע האָבן אויפגענומען בײַ זיך די געסט.

די זאַך וואָלט אין גאַנצן אַדורך בשלום און קיין פויגל וואָלט אפילו וועגן דעם קיין פּיפּס נישט געטון. איז זי אָבער אויפגעדעקט געוואָרן דורכן פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט אַ דאַנק די נישט פאָרזיכטיקייט פון אייניקע חברים פון דער ר. ס. ד. פּ.

זיי האָבן מיט זיך קיין ביאַליסטאָק מיטגעשלעפּט נישט קיין געוווּנטשענע באַגלייטער *).

די קאָנפערענץ אין אָבער געווען אַזוי סאָליד אָרגאַניזירט, אַז זי גופא איז אַריבער בשלום. די שפּיאָנען האָבן בשום אופן נישט געקאָנט אויפדעקן ווו זי געפינט זיך, דערפאַר אָבער זענען דורכגעפאַלן אייניקע „יאַווקעס" (דירות וווּהין די געקומענע פלעגן זיך מעלדן) און שפּעטער, שוין אויפן וואָקזאַל, אויך אייניקע אָנטיילנעמער.

מעלדונגספּונקטן האָבן מיר פונאַנדערגעטיילט פאַרשידענע. פון דאָרטן פלעגט מען דעם דעלעגאַט אָפּפירן גאַנץ פאַרזיכטיק אויף אַ נייטראַלן פונקט און ערשט דעמאָלט, ווען מען פלעגט זיין פולקאָם זיכער אין דער „ריינקייט" — אים אָפּשיקן אויף דער וווינונג, און פון דאָרטן אים שוין נישט אַרויסלאָזן. צום ערשטן איז דורכגעפאַלן אַ מעלד־פונקט פון אַ גאַרבער. דער „שפּיק" האָט אַהין באַגלייט דעם דעלעגאַט (פ. דאַן), ער האָט אים דאָרטן שוין פאַרלוירן. דער גאַרבער מיט זיין געניטן אויג האָט גלייך דערקענט „דעם חפץ" און האָט דעם געקומענעם אַרויסגעפירט דורך אַן אַנדער דורכגאַנג און ואיננו. דער שלימזלדיקער „משגיח" האָט גאָר נישט געקאָנט טון, ער האָט זיך געמוזט ווענדן צו די אָרטיקע זשאַנדאַרן נאָך הילף. יענע האָבן דעם גאַרבער מיט זיין פאָטער אַ מלמד אַרעסטירט, האָבן זיי חוקר־ודורש געווען, ווער ס'איז צו זיי געקומען און וווּ איז ער, אָבער ס'האָט זיי ווייניק וואָס געהאָלפן. די אַרעסטירטע האָבן געטענהט, אַז זיי ווייסן פון גאָר נישט צו זאָגן.

וועגן דעם דאָזיקן אַרעסט האָבן מיר זיך דערוווּסט שפּעט און האָבן אים בכלל נישט פאַרבונדן מיט דער קאָנפערענץ.

*) ווי לעאָניד מענטשיקאָוו האָט נאָך דעם דערציילט, איז ער צו יענער צייט געווען מיטגליד פון „צפון־פאַרבאַנד" און אַ מאַכער אין דעפּאַרטאַמענט. ער איז פון פ. דאַנען געוויר געוואָרן, אַז יענער פאָרט קיין ביאַליסטאָק און מען איז אים אַהין נאָכגעפאָרן.

מיר האָבן גערעכנט, אַז דאָס איז אַ צופעליקע מעשה: שפּע־טער־צו איז מען געקומען אויך אין מײַן װוינונג. געשען איז דאָס אויף אַזאַ אופן:

איך האָב דעמאָלט פאַרנומען אַ לעצט צימער בײַ אַן אַרבעטער־פאַמיליע אין אַ ייִדיש געסל. איך האָב דאָרט גע־װוינט נישט געמאָלדן. די קינדער זענען געװען „אונדזערע" און די עלטערן, אַ שטומער בעקער מיט זײַן פרוי, האָבן אויך געװוּסט װער איך בין און װער עס קומט צו מיר.

אײנער פון די דעלעגאַטן האָט, משמעות, פאַרשלעפּט צו מיר אין געסל אַ „שפּיק". בכדי אין גאַנצן זײַן זיכער, װער עס װוינט דאָרט, האָט מען געשיקט אַהין בײַ טאָג פּאָליציי־פעסטצושטעלן אַלעמענס פּעסער. די שכנים אַרום זענען גע־װען װעבער און זיי און זייערע װײַבער האָבן מיך גוט גע־קענט. אײנע פון זיי איז מיר טאַקע באַלד געלאָפן אָנזאָגן, אַז פּאָליציי גייט רעװידירן פּעסער.

בעת מעשה האָבן זיך אין צימער געפונען: אַ געקומע־נער חבר, מײַן פרוי, װאָס איז נישט לאַנג אַנטלאָפן פון קי־שענעװ, װוּ זי איז געװען אונטער פּאָליציי־אויפזיכט, און איך. איך האָב פאָרגעשלאָגן, אַז מיר זאָלן אַלע אַװעקגיין פון שטוב. מײַן פרוי איז מיט מיר נישט מסכּים געװען. זי האָט געטענהט, אַז מען קאָן זיך נישט פאַרלאָזן אין גאַנצן אויף די שטוביקע, זיי װעלן זיך נאָך צעטומלען; אַמבעסטן װעט זײַן, אויב זי װעט פאַרבלײַבן אין שטוב; אין צװייטן צימער איז געװען אַ שנײַדערין־װערקשטוב, עטלעכע מיידלעך האָבן דאָרט גענייט, װעט זי זיך זעצן צװישן זיי; די פּאַפּירן זענען בײַ איר אָן אַ פּגם און אַלץ װעט דורכגיין כּשורה.

אַזוי װי מיר האָבן דאָ נישט חושד געװען קיין שום ערנסטע זאַך, האָב איך אויף דעם אײַנגעשטימט. מײַן דירה האָט זיך געפונען אויף אַ צװייטן שטאָק. איך לאָז זיך אויף די טרעפּ און שטויס זיך אָן אָן פּנים־אל־פּנים מיט אַ גע־הילפס־קאָמיסאַר, אַ רעװיר־פּאָליציסט און דעם הויזװירט. איך גיי מיר װײַטער — די פּאָליציסטן רוקן זיך אָפּ, מאַכן מיר

פרײַ דעם וועג. אויסגעצייכנט! הייסט דאָס, אַז ס׳איז אַ פּאָל־שער אַלאַרם. מײַן באַקאַנטן הינטער מיר שטעלן זיי שוין יאָ אָפּ און פרעגן, ווער ער איז און פון וואַנען ער גייט. יענער האָט געוויזן זײַן פּאַספּאָרט, האָט אָנגערופן עפּעס אַ שכן, בײַ וועמען ער איז געווען און איז אויך אַוועק בשלום.

איך האָב געוואָלט זײַן גאָר זיכער בײַ זיך און בין גע־בליבן שטיין וואַרטן הינטער אַ פּלויט פון אַ צווייטן הויף. וואָס וועט דאָ ווײַטער זײַן? אין אַ ווײַלע אַרום, איך זע דער פּאָליציאַנט לויפט אַרויס אויפן גאַס אין גרויס בהלה, פײַפט און יאָגט זיך, אַזוי ווי ער וואָלט וועלן אימעצן כאַפּן. שלעכט! איך דאַרף זיך דערווײַל אָפּטראָגן. איך גיי דורך אַ דורכגאַנגס־הויף און טרעף זיך אויף דער צווייטער גאַס ווידער אָן מיטן זעלבן „אָרדענונגס־היטער״, וועלכער גיט עפּעס אָפּ אַ באַפעל אַ צווייטן פּאָליציימאַן. יענער באַמערקט מיך נישט; איך אײַל זיך שוין געשווינד אין אַ באַקאַנט הויז און שיק תּיכּף געוואויר ווערן, וואָס בײַ מיר הערט זיך דאָרט.

מײַן באַקאַנטער האָט זיך געזוימט אַ היפּשע צײַט און האָט מיר שפּעטער געבראַכט אַ בשורה: די גאַס איז שוואַרץ פון מענטשן, די שטוב אַרומגערינגלט פון פּאָליציי און ס׳גייט דאָרט אַ שטרענגע רעוויזיע. נאָך אַביסל שפּעטער — אַ צווייטער שליח: פּאָליציי איז שוין אַוועק און האָט מיטגענומען מיט זיך די ווירטין פון מײַן דירה און מײַן פרוי. צוויי שומרים זענען פאַרבליבן היטן די דירה, איינער פון דרויסן, דער צווייטער — אינעווייניק.

שפּעטער האָב איך זיך דערוווסט, וואָס ס׳איז דאָרט פאָר־געקומען. די נישט געבעטענע געסט זענען אַרײַן אין שטוב און געפרעגט, ווער וווינט דאָ. די ווירטין האָט געזאָגט, אַז זי פאַרנעמט אַלע צימערן. זענען זיי אַרײַן אין לעצן צימער און געזען שטיין דרײַ גלעזער טיי נישט דערטרונקען. האָבן זיי זיך אָנגעשטויסן, אַז די, וועלכע זיי האָבן באַגעגנט אויף די טרעפּ, זענען דאָס פון דאַנען אַרויס. דערפאַר איז דאָס דער פּאָליציסט אַזוי געלאָפן אונדז צו דעריאָגן. דער קאָמי־

סאַר איז אַרײַן אין מײַן צימער, האָט אַרײַנגערוקט זײַן האַנט אין די טאַשן פון אַ פּאַלטאָ, וואָס איז געהאָנגען אויף דער וואַנט און פון דאָרטן גלײַך אַרויסגעשלעפּט עפּעס אַ רוסישע אומלעגאַלע בראָשור.

אַליין האָט ער נישט געוואַגט צו העוודירן כּדבעי און האָט געשיקט נאָכן פּאָליצמײַסטער און אַ זשאַנדאַרן-אָפּיציר. פּונקט ערשט מיט אַ טאָג פריִער איז צו מיר דערפאָרן איינער, וואָס האָט געבראַכט מיט זיך אַ טשעמאָדאַן מיט אַ דאָפּלטן דעק. מיר פלעגן דאָס באַנוצן אויך דורכצושמוגלען אין זיי ליטעראַטור דורך דער גרענעץ. בעת ער פלעגט זײַן פאַרשרויפט פלעגט לחלוטין גאָר נישט זײַן קענטיק. מיר אָבער האָבן מעשה שטן הײַנט אין דער פרי די שרײַפלעך אַרויסגענומען, די ליטעראַטור אויסגעפּאַקט און געלאָזט דאָרט ליגן. איצט האָבן דאָס די געסט דערזען פאַר זיך אַזאַ אוצר!

מען האָט רעווידירט אַלע מיידלעך און זיי פון שטוב משלח געווען. מײַן פרוי אָבער איז די געניטע זשאַנדאַרן געוואָרן שטאַרק אויפפאַלנד (זי האָט לכתחילה מיטן קאָמיסאַר געהאַט אַ קאָנפליקט) און זי מיט דערווירטין האָט מען אָפּגעפירט אין פּאָליציי-אַרעסט. ס'האָט נאָך דעמאָלט קיין פאַרשטאַרקטע שמירה אין ביאַליסטאָק נישט עקזיסטירט און מען האָט זיך נאָך לפנים געהאַלטן בײַ די פאָרמעלע „געזעצן". בײַ יעדער הויז-רעוויזיע האָט געמוזט בײַזײַן אַ פאַרטרעטער פון דער פּראָקוראַטור. דעריבער האָט די פאַרזאַמלטע כנופיא באַשלאָסן דאָס אַלץ לאָזן בײַ מיר ווי עס שטייט און גייט, נישט אונטערצושרײַבן דעם פּראָטאָקאָל, ביז זיי וועלן וועגן דעם נישט מודיע זײַן אין דער פּראָקוראַטור. אויף צו היטן די ווינונג האָבן זיי געלאָזט אַ פּאָליציסט.

פאַרנאַכט, ס'קומען צו מיר די פאָרשטייער פון אַ גאַרבער-גרופּע, באַשר-בכן מען קאָן אַרויסראַטעווען אַלץ פון דער דירה, דער עיקר — דעם „טשעמאָדאַן" מיט ליטעראַטור.

ווי אַזוי? זיי אַנטוויקלען פאַר מיר אַ גאַנצן פּלאַן. מײַן צימער גייט אַרײַן אין שכנות מיט אַ צווייטער ווינונג פון אַ

וועבער. מען קאָן אַרויסנעמען שטילערהייט אַ פּאָר ברעטלעך פון דער וואַנט און דורך איר אַלץ דורכטראָגן. דער פּאָליציסט שלאָפט רויִק בײַם אַרײַנגאַנג אין פּאָדערצימער און וועט גאָר־נישט הערן. אין שטוב איז פאַרבליבן אַ קליין ייִנגל פון אַ יאָר 12, אַ דורכגעטריבן און געשיקט קינד, וועט ער אין דעם מיטהעלפן. איך האָב אויף דעם מסכּים געווען.

כּך הוה, מען האָט פון דאָרטן אַרויסגענומען נישט נאָר די ליטעראַטור, נאָר מען האָט אויסגעליידיקט פון מײַן צימער אַלץ, אַפילו קישן־קאָלדרע. מען האָט דאָס אַלץ בשלום דורכ־געטראָגן דורכן הויף אַזוי, אַז קיין האָן האָט אַפילו קיין קריי נישט געטון. בײַם פאַראַדנעם אַרײַנגאַנג איז מיט גרויס וויר־דע געשטאַנען אויף זײַן פּאָסטן אַ פּאָליציסט, וועלכער האָט שטרענג השגחה געגעבן אויף אַלע, וואָס גייען אַרויס פון הויז; אינעווייניק איז פרידלעך געזעסן אין פּאָדערצימער אַ צווייטער און געדרימלט. מײַן צימער איז אויסגערייניקט גע־וואָרן ביז איין ברעקל, די ווענטלעך צוריק אײַנגעשטעלט אויף אָן אָרט, ס'איז נישט געבליבן קיין סימן, קיין שפּור ווי אַזוי דאָס איז געשען. דאָס ייִנגל איז אויך פאַרבליבן אין שטוב שלאָפן.

שפּעט אין אָוונט זענען אַהין געקומען אַ נײַע כּנופיא מיטן געהילף־פּראָקוראָר בראש. זיי גייען אַרײַן אין מײַן צי־מער און ווערן פאַרפּלעפט: ווער איז דאָ געווען? דער פּאָלי־ציסט פאַרזיכערט, אַז קיין לעבעדיקער נפש איז פון שטוב נישט אַרויס. מען האָט זיך גענומען פאַרן ייִנגל, יענער טענהט, אַז ער איז געשלאָפן און ווייסט פון גאָר נישט. באין ברירה האָבן זיי געמוזט אַוועק מיט חרפּה און האָבן מיט זיך אויך דאָס קליינע ייִנגל מיטגענומען. אין דער זשאַנדאַרמעריע האָט מען אים געמאַטערט, געפּײַניקט, געשראָקן מיט שמיץ, פאַרשפּראָכן אַ סך געלט, אָבער זיי האָבן פון אים זיך גאָר נישט געקאָנט דערשלאָגן. אויף מאָרגן איז ער באַפרײַט געוואָרן.

די אַלטע מוטער זײַנע אָבער האָבן די זשאַנדאַרן געהאַלטן אַ לענגערע צײַט; זיי האָבן פון איר געוואָלט עפּעס

דערגיין, אָבער ס'האָט זיך זיי נישט איַינגעגעבן. די אַלטע האָט געטענהט, אַז מײַן פרוי איז אירע אַ קרובה, איז געקו־מען צו איר צו גאַסט און מער האָט קיינער בײַ איר נישט געוווינט. לכתחילה האָט מען פאַר מײַן פרוי נישט געוואָלט אָנגעמען קיין עסן פון דעם פאַרבליבענעם ייִנגל, (די איבערי־קע קינדער האָבן זיך געמוזט אויסבאַהאַלטן) אָבער יענער פלעגט דעם זשאַנדאַרמסקן ריטמײַסטער מאַכן שטענדיק סקאַני־דאַלן, פלעגט מען אים אַרויסטרײַבן פון קאַנצעלאַריע, פלעגט ער אים נאָכלויפן אין גאַס און פלעגט אים אַזוי דערעסן, אַז ער האָט פאַראָרדנט בײַ אים נעמען עסן אויך פאַר זייער „קרובה". די אַלטע איז פאַרבליבן בײַ איר עקשנות, קיין אי־בעריק וואָרט האָט זי פון זיך נישט אַרויסגעבראַכט און מען האָט זי ערשט באַפרײַט נאָך צוויי וואָכן שטרענגן אַרעסט.

בינו־לבינו איז אין שטאָט אין צוזאַמענהאַנג מיט דער קאָנפערענץ פאָרגעקומען אַ צווייטער אַרעסט: איינער פון אונ־דזערע באַקאַנטע, אַ לערער, איז געגאַנגען אָפּנעמען אַ בריוו, אַדרעסירט פּאָסט־רעסטאַנט. ווי ס'האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן האָט מען דעם פאַרפאַסער פון בריוו נאָכגעשפּיאָנירט ערגעץ אין יעליסאַוועטגראַד. די נאָכקוקער האָבן געזען, ווי ער האָט אַראָפּ־געלאָזן דעם בריוו אין פּאָסטקעסטל און אים געכאַפּט. פון אים זענען זיי געוווּיר געוואָרן, אַז אין ביאַליסטאָק קומט עפּעס פאָר. דעם בריוו האָט מען אָפּגעשיקט ווײַטער און דערבײַ טעלעגראַפירט צו פאַרהאַלטן דעם אַדרעסאַט.

צום אומגליק איז אין זעלבן טאָג געקומען צו פאָרן צו דעם זעלבן לערער זײַנער אַ באַקאַנטער מיט אומלעגאַלע ליטעראַטור. די זשאַנדאַרן קומען מיט אים אַהיים, טרעפן דאָרט דעם אורח מיט דער נײַער מציאה. דאָס איז געווען שבת בײַ טאָג, אויף אַ ייִדיש אַרבעטער־געסל, דער עולם אַר־בעטער ווערט געוווּיר און פון זיך אַליין, אָן שום געהעריקער צוגרייטונג, באַשליסט מען אָפּצושלאָגן דעם אַרעסטירטן.

די זשאַנדאַרן פירן אים אַרויס, זעצן אַוועק אויף אַ פורל, ס'לאָזט זיך צו זיי אַ המון מיט שטעקנס. אָבער דער

צו גרויסער געדראַנג שטערט נאָר די זאַך אויסצופירן. איינער כאַפּט דעם פערד בײַם צוים, אַ צווייטער וואַרפט זיך אויף די זשאַנדאַרן, יענע שיסן אויס, דער פורמאַן רײַסט זיך דורך, לויפט אַרויס פון געסל מיטן אַרעסטירטן און די זאַך איז שוין אַ פאַרשפּילטע. ס׳לויפן אָן פּאָליציסטן, זיי באַגעגנט אַ האָגל שטיינער, ס׳ווערט אַ שטאַרק געשלעג, די זשאַנדאַרן אָבער מיטן אַרעסטאַנט פאָרן שוין שנעל הינטער אַ רײַטער-עסקאָרט. מען האָט אַראָפּגעבראַכט מיליטער, רײַטער און פוס-גייער, ביז שפּעט אין אָוונט דאָבן זיי זיך נאָך געשלאָגן מיטן המון און שפּעטער דורכגעפירט מאַסן-אַרעסטן אויף כאַנײַ-קעס.

די זאַך איז געוואָרן ערנסטער. פון טורמע האָט מען אונדז געגעבן צו וויסן, אַז מען האָט אַרײַנגעבראַכט עפּעס אַן אויסלענדער, אַ דײַטש (דאָס איז געווען אַקימאָז-מאַכנאָוועץ, אַ באַקאַנטער פּובליציסט ר. ס. ד. אַ. פּ.), ס׳איז קלאָר, אַז די זשאַנדאַרן ווייסן וועגן דער קאָנפערענץ. אין אַ פּאָר טעג אַרום זענען זיי אויף באַפאַלן די וווינונג פון ד״ר ראָזענטאַל, האָבן אַרעסטירט דעם מאַן און פרוי, און זיי קיין מאָסקווע אָפּגעשיקט. ביסלעכווײַז האָט זיך דאָרט אָנגעקליבן אַ היפּשע גרופּע, באַשולדיקטע אין ענין קאָנפערענץ.

די ראָזענטאַלס זענען שפּעטער אַרויסגעשיקט געוואָרן אין סיביר, זענען נאָך דעם געווען אין דעם משפּט פון די „ראָמאַנאָווצעס״ (אַ באָוואָפנטן ווידערשטאַנד קעגן מיליטער מצד אַ גרופּע פאַרשיקטע) זענען געוואָרן פאַראורטיילט צו 4 יאָר קאַטאָרגע און זענען ערשט באַפרײַט געוואָרן לויטן מאַני-פעסט פון 21טן אָקטאָבער 1905.

נאָכן אויסבאַהאַלטן זיך אַ פּאָר וואָכן אין ביאַליסטאָק האָב איך פאַרלאָזן בשלום די שטאָט און באַזעצט זיך אויף אַ צײַט אין לאָדזש.

# מײַן צװײטער אַרעסט

(סוף יאַר 1902 אין מינסק)

מיר האָבן באַשלאָסן צוציִען װי מעגלעך די ברײטערע מאַסן צו אונדזערע אומלעגאַלע פאַרזאַמלונגען. מיר האָבן זיך געפּלײַסט אױסצונוצן ברײט אַלע װײנונגען, מיר האָבן אָנגעהױבן אָרגאַניזירן פּאָליטישע פאָרטראָגן און דיסקוסיעס, װוּ ס'האָט זיך נאָר געלאָזט; מיר האָבן אױך אָפּט אײַנגעאָרדנט פאַרװײַלונגען מיט אַ באַשטימטן פּאָליטישן אינהאַלט. די יינגערע, לעבנס-לוסטיקע און אַקטיװע אַרבעטער און יוגנט זענען שױן געװען אַרומגעכאַפּט דורך אונדז אין אַ ברײטער, אינטענסיװער פּאָליטישער אַגיטאַציע, װאָס מיר האָבן פונאַנדערגעװיקלט פאַר די לעצטע חדשים.

איצט האָבן מיר דאָס אַלץ געװאָלט פאַרפיקסירן, געװאָלט אַלעמען צונױפברענגען אין אײן אָרט און שאַפן אַ געהעריקע שטימונג. אָבער װי מאַכט מען דאָס? אין שטאָט איז עס ריזיקאַל צו טון און ס'איז קײן פּאַסנדיקע דירה אױך נישטאָ. איז פאַרבליבן זוכן אַזאַ פּלאַץ הינטערן שטאָט. צו דעם צװעק האָבן מיר אַרױסגעשיקט מיט עקספּעדיציעס עטלעכע גרופּעס, װעלכע האָבן גוט געקענט די אומגעגנט. פון זײער דין-וחשבון זענען מיר געװויר געװאָרן, אַז נישט װײַט פון שטאָט, אין גאַנצן אַ װיאָרסט 4—5, געפינט זיך אַ גרױסע, פּוסטע פערמע, װעלכע ס'איז נישט שװער צו באַקומען.

ס'איז פאַרבליבן, אַז איך מיט מײַן פרױ (מען האָט זי צו יענער צײַט אַרױסגעלאָזט פון ביאַליסטאָק אונטער פּאָליציי-

אויפזיכט) זאָלן אַליין באַטראַכטן די דירה און אויב זי וועט געפעלן, זאָלן מיר גלײַך מושווה ווערן. די פערמע איז טאַקע געווען ווי פאַר אונדז ספּעציעל געבויט. אַ גרויס, גרוים הויז פאַר אַ מאַן 400–500, די באַלעבאַטים זענען נישטאָ אויפן אָרט, נאָר אַ קריסטלעכע דינערשאַפט. מיר האָבן זיך אָנגעכאַפּט פאַר דעם, ווי פאַר אַן אבן־טוב. אַלס אויסרייד האָבן מיר גענומען אונדזער טראַדיציאָנעלע „תנאים". די דינערשאַפט האָט זיך אפילו אַביסל געקווענקלט, נאָר אונדזער „ברייטע האַנט" האָט זי געמאַכט נאָכגיביקער און זי האָט ענדלעך מסכּים געווען אונדז אָפּצוגעבן אויף דער נאַכט פון 1טן מערץ (1903) די גאַנצע פערמע פאַר אַ גרויסע תנאים־פאַרווײַלונג.

דעם ערשטן מערץ האָבן מיר אויסגעקליבן מיט אַ כיון. אין דעם דעם דאָזיקן טאָג איז דערמאָרדעט געוואָרן (אין יאָר 1881) אַלעקסאַנדער דער צווייטער, לויט דעם אורטייל פון עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ". מיר האָבן באַשלאָסן אויסצונוצן די דערמאָנטע דאַטע, בכדי צו פאַרבינדן די איצטיקע אַרבעטער־באַוועגונג מיט דעם טראַדיציאָנעלן פּאָליטישן קאַמף אין רוסלאַנד. אגב, איז דער 1טער מערץ דעמאָלט אויסגעפאַלן אין פּורים, ווען דער עולם איז פרײַ און איז געשטימט יום־טובדיק־געמיטלעך.

אַ פרי־פּרילינג וועטער. די זון האָט העל געלויכטן און געצויגן אין גאַס אַרײַן. ס'האָט בײַ קיינעם נישט אַרויסגערופן קיין שום פאַרדאַכט, וואָס ס'לאָזן זיך אַוועק הינטערן שטאָט שפּאַצירן יום־טובדיק געקליידטע פּאָרלעך און גאַנצע גרופּעס ייִנגעלײַט. אויפן וועג זענען געווען אויסגעשטעלט געניטע פּאַטרולן, וועלכע האָבן געוויזן, וווהין צו גיין. אַזוי זענען דורכגעגאַנגען קאָנספּיראַטיוו דורך דער שטאָט אַ 400–450 מענטשן.

ס'איז שוין נאָך האַלבער נאַכט. די רעפעראַטן וועגן די פּאָליטישע פאָרמען פון קאַמף זענען שוין דורכגעלעזן. רעדעס אפילו לכּבוד פּורים מיט פּסוקים פון דער מגילה זענען שוין אויך געהאַלטן. אַלץ איז דורך בשלום. איצט איז שוין נישטאָ

קיין סכנה. די פּאַטרולן זענען שוין אַראָפּגענומען. מען פילט זיך שוין זיכער און פריי. מען גייט איבער צו דער צווייטער אָפּטיילונג, צו גשמיות. מען עפנט די פלעשער, מען טיילט ביר. ס'הייבן זיך אָן טאָאַסטן. יעדער פלייסט זיך צו זאָגן עפּעס אַ שטאַרקע, אָדער אַ וויציקע ברכה. די שטימונג איז דערהיצט אויפן העכסטן גראַד. די אויגן גלאַנצן. די געזיכטער פלאַמען. אַ גערויש, אַ געמישטער כאָר פון שטימען.

פלוצלינג רייסט זיך אויף די טיר, ס'באַווייזט זיך אַ יינגער פּריסטאַוו מיט אַ רעוואָלווער אין איין האַנט און מיט אַ בלויזער שווערד אין דער צווייטער. נאָך אים שפּאַרן זיך מיט צעשראָקענע געזיכטער אַ גרופּע איינפאַכע פּאָליציסטן. אַלע מיט בלאַנקע שווערדן. ביי די פענצטער וואַקסן אויס, ווי פון אונטער ד'ערד הויכע, משונהדיקע גוים אין פעלצן מיט גרויסע שטעקנס אין די הענט. „גיט זיך אונטער!" שרייט דער פּריסטאַוו און וואַרפט זיך דערווייל אויפן עולם מיטן בלויזן שאַרף. ס'ווערט אַ בהלה, אַ מהומה, ס'הערן זיך היסטערישע קולות, מען לאָזט זיך צו די פענצטער, מען לויפט צוריק.

דאָ זע איך, ווי אַ צענטליק גאַרבער האָט געכאַפּט אַ בינטל פלעשער, אַנדערע האַלטן פלעקער פון די פונאַנדער-גענומענע בענק. זיי רינגלען אַרום דעם פּריסטאַוו ווי מיט אַן אייזערנער רייף און נאָך אַ ווייַלע, ער וועט זיך באַלד אַרונ-טערלאָזן אונטער זייערע שווערע קלעפּ. ס'וועט אויסברעכן אַ מוראדיקע בלוטבאָד. איך לויף צו צום רעדל, איך באַרויק די אַרבעטער. דער פּריסטאַוו שטייט אַ בלאַסער, צעשראָקן, פאַר-לאָזן פון זיין „העלדישן" חיל, וואָס האָט גלייך זיך אָפּגע-רוקט אין פאָדערהויז. — „גיט זיך אונטער!"—שרייט ער שוין אויטאָמאַטיש, נישט מיט זיין קול.

— „פריער ווי אַלץ באַרויקט זיך אַליין!" מיש איך זיך אַריין — דאָס זענט איר אויף אונדז אָנגעפאַלן און אַרויס-גערופן די גאַנצע בהלה. וואָס פאַרלאַנגט איר?

דערהערנדיק אַזעלכע רייד, דער עיקר — זעענדיק זיך אויסער סכנה, האָט דער יינגער אָפיציר אָפּגעכאַפּט דעם

אָטעם, איז געוואָרן גרייך ווי פּוטער. אייגנטלעך, האָט ער אַ באַפֿעל אונדז צו פֿאַרהאַלטן. באַלד וועלן קומען דער פּאָליצמײַסטער מיטן זשאַנדאַרן־פּולקאָווניק און איבעריקע הויכע „נאַטשאַלסטוואָ", וועלן זיי פֿאַראָרדענען, וואָס מיט אונדז צו טון. ער וויל דאָ נאָר האַלטן וואַך. מיר האָבן באַרויִקט דעם עולם. מען האָט אפֿילו ווײַטער געפֿירט דעם המשך פֿון דער סעודה.

אין אַ קורצער צײַט אַרום, דער ייִנגער פּריסטאַוו קומט צו גלײַך צו מיר און רופֿט מיך „צום פּולקאָווניק". אין אַ צווייט הײַזל איז שוין געזעסן דער גאַנצער סנהדרין. וואַסיליעוו מיט זײַן געהילף, דער פּאָליצמײַסטער און פֿאַרטרעטער פֿון דער פּראָקוראַטור. וואַסיליעוו באַטראַכט מיך מיט זײַנע שטעכעדיקע, טיף אויספֿאָרשנדיקע אויגן, שמעקט מיך לאַנג אַרום מיט זײַנע גרויסע, גרויע וואָנצן און זאָגט צו מיר מיט אַ פֿאַרדריסלעך, אָבער לאַקריץ־זיסער שטים:

— איר האָט דאָס הײַנט אַזוי רעוואָלוציאָניזירט דעם עולם, אַז ער האָט זיך געוואָרפֿן אויף פּאָליציי?

— דאָס האָבן אײַערע לײַט אים אַזוי אויפֿגערעגט. — ענטפֿער איך — זיי האָבן זיך אַרויפֿגעוואָרפֿן אויף אַ פֿרידלעכע תּנאָים, ווי ווילדע חיות.

— אַ תּנאָים? — פֿרעגט וואַסיליעוו איבער און זײַנע אויגן שמייכלען בײַ אים פֿון פֿאַרגעניגן. ער הייסט אַרײַנרופֿן די דינסט.

— דער דאָזיקער הער האָט גערעדט? — פֿרעגט ער זי אויפֿן שוועל. די גויע אַ פֿאַרוויינטע, אַ צעשראָקענע, אַב סל אין פֿאַרלעגנהייט ענטפֿערט:

— יאָ, דער, דער אייגענער. ער האָט אויך בײַ מיר די דירה געדונגען מיט אַ דאַמע.

— ווער איז די דאַמע? — ווענדעט זיך צו מיר דער פּולקאָווניק.

— אַזאַ געניטער זשאַנדאַר זאָל פֿרעגן אַזעלכע קשיות — ענטפֿער איך מיט אַ געלעכטער.

— און אַזאַ געניטער רעוואָלוציאָנער זאָל זײַן אַזוי אומ־

פאַרזיכטיק און גיין אַליין דינגען אַ דירה — צאָלט מיר צו־ריק רעשט דער אַלטער זשאַנדאַר און נעמט מיך בעת מעשה דורך מיט זײַן בליק.

— ווי איז אײַער פאַמיליע? כאַפּט ער זיך פּלוצלינג.

—שטיינבערג. — אַזוי האָב איך דעמאָלט געהייסן לויט דעם פאַלשן פּאַס, אויף וועלכן איך בין געווען אײַנגעמאָלדן.

— איך האָב זיך נאָך מיט אײַך קיין מאָל נישט געטראָפן? איר זענט נאָך קיין מאָל נישט געזעסן? אַ חידוש! נאָר וועגן דעם וועלן מיר נאָך צײַט האָבן צו רעדן, גיט ער מיר צו האָפענונג.

אין צײַט פון אונדזער געשפּרעך האָט זיך געהערט פון דער פּערמע שרעקלעכע קולות. אימיצער האָט דאָרט פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז מען שלאָגט מיך אויפן פאַרהער. האָט די גאַנצע פאַרזאַמלונג אָנגעהויבן שרײַען מיט ווילדע, היסטערישע געשריי.. וואַסיליעוו מיט אַ יונגן פּראָקוראָר האָבן מיר פאָרגע־שלאָגן מיטגיין מיט זיי צום עולם, ווײַזן זיך פאַר אים און אים אײַנשטילן. און נאָר נאָך דעם, ווי איך האָב פאַרזיכערט, אַז קײַן האָר איז מיר דאָרט נישט גערירט געוואָרן, האָט זיך דער עולם באַרויִקט.

כּדי „אויסצומײַדן אומאָנגענעמע מיספאַרשטענדענישן”, ווי וואַסיליעוו האָט זיך אויסגעדריקט, האָבן מיר אָנגענומען זײַן פּלאַן פון „קאַפּיטולאַציע”. מען גייט אַרויס גרופּסנווײַז אין דעם צווייטן בנין, דאָרטן ווערט מען רעגיסטרירט און מען מוז זיך לעגיטימירן. צוריק גייט מען שוין אַרײַן אין אַן אַנדער אָרט, אין אַ גרויסן, טיפן קעלער מיט זעק קאַרטאָפל. די דאָ־זיקע פּראָצעדור האָט זיך געצויגן גאַנצע שעהן.

„איר האָט זיך דאָ צופיל אָנגעקליבן”, פּלעגן ענטפערן די פּאָליציי־לײַט, ווען אימעצער פון אונדז פּלעגט זיך קלאָגן אויף דער פאַרשלעפּעניש. וואַסיליעוו איז זיך מיט אַלעמען באַ־גאַנגען זייער העפלעך. מיט די אַרבעטער האָט ער אפילו קאָ־קעטירט. דערפאַר אָבער האָט ער דורכגעטריבן יעזויִטיש זיך נוקם געווען אין דעם ביסל אינטעליגענץ, וואָס ער האָט בײַ

אונדז געפּאַקט. ס׳זענען צו אונדז געקומען אַ צענטליק שילערינס פון די עלטסטע קלאַסן פון די מינסקער גימנאַזיעס. האָט ער אויסגעשטעלט די ייִנגע מיידלעך באַזונדער, האָט אַרויסגעפּאָדערט פון שטאָט די גימנאַזיאַל־באַאַמטע און לערערינס און זיי געהייסן דערקענען זייערע שילערינס. דאָס זעלבע האָט ער געטון אויך מיט די רעאַליסטן און אַנדערע שילער פון די איבעריקע לער־אַנשטאַלטן. ס׳זענען געווען בײַ אונדז עטלעכע רעגירונג־לערער, האָט ער געשיקט רופן נאָכן אינספּעקטאָר. אַזוי האָט געדויערט די צערעמאָניע ביז אַ זייגער 11–12 בײַ טאָג. מיר זענען אַלע גוט דורכגעפרוירן אין נאַסן, קאַלטן קעלער מיט די קאַרטאָפל.

נאָך דעם האָט וואַסיליעוו אויסגעטיילט מיך און אַלע אינטעליגענטן, וועלכע ער האָט געהייסן שטרענג באַוואַכן און אָפּפירן אין שטאָט. פאַר די אַרבעטער האָט ער געהאַלטן אויפן הויף אַ קורצע דרשה אויף זײַן שטייגער: איר דאַרפט זיך נישט פאַרזאַמלען געהיים. איר האָט דאָך די מעגלעכקייט דאָס אַלץ טון אָפן. ער האָט זיך אַנטשולדיקט פאַר די „אומאָנגענעמלעכקייטן", פון וועלכע זיי האָבן געליטן אַ דאַנק די „אינטעליגענטן" און האָט זיי אַלע געהייסן גיין אַהיים.

ווי אַזוי מיר זענען דורכגעפאַלן, האָט זיך אונדז נישט אײַנגעגעבן אויפצודעקן. ס׳האָט זיך דעמאָלט פאַרשפּרייט אַ ווערסיע, אַז עפּעס אַ דראַגונער־אָפיציר, וואָס ווינט נישט ווײַט, האָט באַמערקט אַ סך ייִדן גיין, האָט ער געגעבן צו וויסן דער פּאָליציי. מען האָט אויך געשמועסט וועגן דעם, אַז וואַסיליעוו האָט געהאַט בײַ אונדז זײַנע לײַט, וועלכע פלעגן אים פון אַלץ אינפאָרמירן. מיר אָבער האָבן באַין אופן נישט געקאָנט קומען אויף זייער שפּור און די זאַך איז עד־היום פאַרבליבן נישט אויפגעקלערט.

# די מינסקער תּפֿיסה

שוין העכער אַ וואָך, ווי איך זיץ אין אַ מינסקער פּאָליציי־צירקל. דער חדר איז אַ גרוימער, אָבער זייער אַ שמוציקער און פֿינצטערער. דאָ איז אַ מין אכסניה: אַלע נאַכט ווערן אַהער אַרײַנגעוואָרפֿן שכּורים אויף אויסניכטערן זיך, פּערזאָנען, וואָס האָבן מיט עפּעס געשטערט די „שטילקייט און רו", מענטשן, וועלכע קומען אָפּ אַ קליינע שטראָף, גנבים, וואָס דאַרפֿן איבערגיין צום אויספֿאָרשונג־ריכטער, גאַס־שנאָרער און סתּם פֿאַרדעכטיקע פֿאַרשוינען. אַלע טאָג וואַרפֿט פֿון זיך אונדזער קאַמער אַרויס אַ צענטליק אײַנוווינער און אַלע נאַכט לאָזט זיך אין איר אַרײַן אַ נײַער שטראָם. מען ליגט אויף שוואַרצע, ברודיקע נאַרעס, מען וואַלגערט זיך אונטער די נאַרעס, מען ליגט בײַ דער טיר און די פֿריש אָנגעקומענע שטייען גאָר אָנגעשפּאַרט אין אַ ווינקל פֿון גרויס ענגשאַפֿט.

איך בין שוין דאָ אַ תּושב און פֿאַרנעם אפֿילו אַ באַקוועמען אויבנאָן אויף די נאַרעס. די אומצוכט און ברוד זענען אָבער אויך דאָ מוראדיק גרויס און ס'איז ממש אוממעגלעך אַראָפּוואַרפֿן פֿון זיך די בגדים. ס'עקלט פֿון שמוץ און ס'שטיקט אין דער פֿאַרדומפּטער לופֿט. די שכנים אויף אַ טאָג זאָרגן ווייניק וועגן דער ריינקײַט פֿון זייער פּראָוויזאָרישער דירה און באַהאַנדלען זי ווי אַ מיסטקאַסטן. די מער שטענדיקע אײַנוווינער פֿון דאַנען זענען צו שוואַך צו ענדערן עפּעס אין דער הינזיכט און דער סאַניטאַרער מצב פֿון אונדזער קאַמער איז מער ווי טרויעריק. יעדער שטרעבט מיט זײַן גאַנץ ווען, וואָס גיכער זיך אַרויסרײַסן פֿון דעם דאָזיקן מיסטגרוב. זאָל זײַן

אין תפיסה, בײַם ערגסטן רעזשים, אָבי פון אַזאַ שמוץ פּטור ווערן.

אַלע, וועלכע זענען פאַרהאַלטן געוואָרן צוזאַמען מיט מיר אויף דער פאַרזאַמלונג, זענען שוין ביסלעכווײַז באַפרײַט. איך בין דאָ אײנער פאַרבליבן זיצן. מען האָט מיך די טעג גערופן אין זשאַנדאַרן־פאַרוואַלטונג, דאָרט האָב איך געבעטן מײַן אויספאָרשער מיך איבערצופירן אין תפיסה, אויב ער קאָן מיך נישט באַפרײַען. ער האָט מיר פאַרשפּראָכן די טעג די זאַך צו דעצידירן.

איין מעלה איז אין צירקל: מען קאָן זײַן פאַרבונדן מיט דער שטאָט. ס'איז אפילו שטרענג אָנגעזאָגט געוואָרן די פּאָליציי־היטער, מען זאָל צו מיר קיינעם נישט צולאָזן; דאָס קלײנגעלדיקע זילבער אָבער האָט ברייט געעפנט די טירן פון צירקל פאַר מײַנע באַקאַנטע, און איך ווער אינפאָרמירט וועגן אַלץ, וואָס טוט זיך אין שטאָט.

הײַנט האָבן מיר מײַנע אינפאָרמאַטאָרן מודיע געווען, אַז זיי האָבן זיך דערוווּסט פון פּריסטאַוו, אַז מאָרגן אָוונט וועט מען מיך אָפּפירן אין טורמע און ס'איז באַשלאָסן געוואָרן מיר אָפּשלאָגן פון דער וואַך. זיי ווייסן שוין אַפילו, אַז זי וועט זײַן אַ גאַנץ קליינע און מיר וועט זייער לײַכט זײַן אַרויס צו באַקומען זיך פון איר. איך האָב זיך לכתחילה געקווענקלט, האָב אַרויסגעזאָגט געוויסע ספקות. מײַנע פרײַנד אָבער האָבן מיך באַרויִקט, האָבן מיר מרמז געווען, אַז אַלץ איז שוין „פּאַרויסגעזען” און „אײַנגעאָרדנט” און איך האָב געגעבן דערצו מײַן הסכמה.

מיט גרויס אומגעדולד האָב איך שוין געוואַרט אויף מאָרגנדיקן טאָג; מײַנע רעיונות זענען געווען פאַרנומען מיטן מאָלן אין מײַן דמיון די פּרטים פון „לויפן” און איך בין זייער שפּעט אײַנגעשלאָפן. פּלוצלינג, אין מיטן נאַכט מען וועקט מיך: „נעמט אײַערע זאַכן!” איך רײַב די אויגן פון שלאָף און חידוש צוזאַמען. אויפן קאָרידאָר שטייט אַ פאַרשטאַרקטע שמירה פּאָליציילײַט, דער פּריסטאַוו איז אַביסל צעמישט און צעשטראָקן,

ער גיט מיר איבער אין רשות פון צוויי זשאַנדאַרן, מען זעצט מיך אויף אַ פורל, מײַנע צוויי באַגלייטער פאַרנעמען אַ פּלאַץ נעבן מיר; זיי קוקן זיך אַרום אויף אַלע זײַטן און טרײַבן צו דעם פורמאַן, ער זאָל פאָרן שנעלער. דורכגעפאַלן! טראַכט איך מיר. די זשאַנדאַרן זענען פאַרלאָפן דעם וועג און פריִער פאַרכאַפּט. זאָל דאָס זײַן אַ באַוווסטזיניקער רעזולטאַט פון זייערע אינפאָרמאַציעס, אָדער בלויז אַ פשוטער צופאַל? ווי קאָן מען אָרײַנדרינגען אין די סודות פון דער זשאַנדאַרן־פאַרוואַ־טונג און אַנטפּלעקן אירע געהיימנישן?

פאַרטיפט אין אַזעלכע מחשבות, האָב איך קוים באַמערקט, ווי מיר זענען געבליבן שטיין אין אַ שמאָל געסל פאַר אַן אײַזערנעם טויער. איינער פון מײַנע שומרים האָט אָנגעקלונגען און גאַסטפרײַנטלעך מיך אײַנגעלאַדן מיט זיך. מיר גייען אַרײַן אין אַ גרויסער פינצטערער האַלע, פון דאָרטן — אין אַ קליין ענג צימער, ווו ס'האָט אַ קלאַפּ געטון אַ ריח פון שטיוול און שוויס. דער פאַרשלאָפענער שרײַבער רײַבט די אויגן, פרעגט מיך אויס מיט אַ געגעץ מײַן גאַנצן יחוס און קלינגט אין וואַנט. אין אַ ווײַלע אַרום באַווײַזן זיך צוויי געשטאַלטן, מיט לאַמטערנעס אין די הענט,ביידע – אין לעדערנע קורטקעס. איינער אַ הויכער, אַ דיקער מיט אַ פליישיק פּנים, גרויסע גאָמבע, שפּראָציק־שטעכעדיקע וואָנצעלעך, קליינע, פינקלדיקע אייגעלעך; דער צווייטער – אַ נידעריקער, אַ רירעוודיקער מיט אַ מאָגער געזיכט, אין גאַנצן מיט אַ גרויער באָרד פאַרוואַקסן. זיי טאַנצן אַרום מיר, זיי הייסן מיך – גיכער מיט זשעסטן ווי מיט ווערטער, – זיך אויסטון מוטער נאַקעט, מען טאַפּט איבער שטרענג מײַנע זאַכן, דער נידעריקער און מאָגערער וואַרפט מײַן איבעריקע וועש און אַנדערע חפצים אַרײַן אין אַ זאַק, – „פאַרן צעכהויז", ברומט ער עפעס אונטערן נאָז.

שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דאָס זענען די צוויי עלטסטע וועכטער פון מינסקער טורמע. דער הויכער גראָבער בעל־גוף — הייסט דאָזשדיקאָוו, אַ ממונה אויף פּראָוויאַנט און בכלל — „רעזשים", דער נידעריקער און מאָגערער —

אַלייניקאָװ, דער פֿאַרװאַלטער מיטן לאַגער אין צעכהויז. אין יענער נאַכט אָבער, בײַ דער שפּעטער צײַט און טויט-שטילקײַט אַרום, האָבן זיי מיר אויסגעזען װי צװיי מלאכי-חבלה, װעלכע זענען אַרויסגעשפּרונגען פֿון שאול-תּחתּיה נאָך מײַן נשמה.

דער הויכער גוי מיט דער גרויסער גאָמבע גיט מיר אַ װוּנק איך זאָל אים נאָכגיין. בעת מעשה װאָרטשעט ער עפּעס אונטערן נאָז, אַז מען האָט פֿון אונדז קיין רו נישט, מען לאָזט די נעכט אויך נישט שלאָפֿן און פֿירט מיך אַרײַן אין אַ גרויסן בנין, האַלב טונקל באַלויכטן. אויפֿן צװייטן שטאָק קלאַפּט ער אָן אין אַן אײַזערנעם טויער מיט שטאַכעטן, ס'באַװײַזט זיך אַ װעכטער מיט אַ פּאַק שליסלען. ער שליסט אויף מיט אַ קװיטש דעם טויער און דער עלטסטער װאַרפֿט אים צו: „טורעם נומער 1!“ און װערט פֿאַרשװוּנדן.

איך גיי נאָכן שליסער. ער עפֿנט פֿאַר מיר אַ מאַסיװע הילצערנע טיר געשמידט מיט אײַזערנע רייפֿן, דערלאַנגט מיר אין האַנט אַן אָנגעצונדן נאַפֿט-לעמפּל און פֿאַרריגלט און פֿאַרשליסט הינטער מיר די גרילצנדיקע מאַסע. איך בלײַב שטיין אין אַ שמאָלן פֿאָדערצימער מיט אַ צװייטער האַלב אָפֿענער טיר. איך גיי אַרײַן: אַ גרויסער צימער מיט אַ געװעלבטן סופֿיט; אַ טיש, אַ טאַבאַרעטקע, אַן אײַזן בעטל מיט אַ פֿרישן שטרויזאַק. ס'איז דאָך ממש אַ קיניגלעכער געלעגער! הײַנט די רחבות, אַ צימער מיט אַן אייגענעם פֿירהויז! ס'איז דאָך אַזאַ פֿאַרגעניגן צוגיין צו דער טיר און זי נישט טרעפֿן פֿאַרשלאָסן: פֿאָרט אַביסל פֿאַרגרעסערט דעם פֿרײַען שטח! און װיפֿל איז דאָס װערט, װאָס דו ביסט אין גאַנצן בײַ זיך אַליין, קיינער קוקט נישט אויף דיר דורך דעם „טיר-אויג“, קיינער פֿאָרשט דיר נישט נאָך און קאָנסט טון, װאָס דײַן האַרץ גלוסט!

אויף צו מאָרגנס האָב איך זיך באַקענט מיט דער אַרכיטעקטור פֿון דעם שלאָס. דאָס איז געװען אַ גרויסער, דרײַגאָרנדיקער און פֿירקאַנטיקער בנין געל געטונקעװעט, ערטערװײַז באַדעקט מיט רויטע פֿלעקן. בײַ יעדן װינקל איז געװען צוגעמויערט אַ האַלב קײַלעכדיקער טורעם, װעלכער האָט פֿאַר-

מאָגט צו דרײַ חדרים. דאָרטן פלעגט מען געװײנלעך פאַר־שפּאַרן די שטרענג „סעקרעטנע״. זיי זענען געװען איזאָלירט פון די הונדערטער שכנים אין דעם שלאָס, די גראָבע מאַסיװע טירן אָן אַ פענצטערל, אָן אַ שפּאַרע אַפילו, פלעגן זיי פאַר־באַהאַלטן פון די איבעריקע אַרעסטאַנטן.

אָבער באַלד אויפן צװייטן טאָג האָב איך זיך איבער־געצײַגט, אַז די „איזאָלאַציע״ איז בלויז נאָר אין דער פאָר־שטעלונג פון דער העכערער „נאַטשאַלסטװאָ״. און אַז אַזאַ שטרענגער חדר־מיוחד האָט נאָך זײַנע גרויסע מעלות.

זײַענדיק געזיכערט פון װעכטערס בייזן אויג, לאָז איך זיך אויף מאָרגן פרי גלײַך צום פענצטער, צו װעלכן איך דער־הייב זיך מיט דער הילף פון אַ הילצערנער טאַבורעטקע. פאַר מיר אַנטפּלעקט זיך אַ שיין אָפן בילד אין אַ װײַטן, ברייטן פעלד. איך דראַפּע זיך אין די קראַטעס, באַפעסטיק זיך אויף מײַן נײַער פּאָזיציע און קוק מיט אויסגעשטאַרצטע אויגן װײַט אין מרחק אַרײַן. עס באַװעגן זיך פיגורן, עס גייען פאַרבײַ אומבאַקאַנטע מענטשן, עס שװעבט דורך אַ פרויען־געשטאַלט. זי קערט זיך אָפּט אום, זי זוכט עפּעס מיט די אויגן אין אַלע פענצטער און באַגעגנט זיך מיט מײַן בליק. זי בלײַבט ראַפּטום שטיין, אין דער לופט פאָכעט שוין אַ װײַס טיכל; יאָ, דאָס באַגריסט אימעצער מיך. איך שפּרינג אַראָפּ פון מײַן הייך, כאַפּ אַ האַנטוך, הייב זיך װידער אויף און ענטפער אויף דער באַ־גריסונג. אונטן אין הויף מאַרשירט אַפילו אַ װעכטער מיט אַ ביקס, מײַן פענצטער איז אָבער צו הויך און ער קאָן נישט באַמערקן, װאָס איך טו.

אַזוי האָבן אָנגעהויבן צו מיר צו קומען גאַנצע טעג פאַרשידענע באַקאַנטע, פלעגן צוגיין אַלץ נענטער צו דער װאַנט, האָבן אויסגעזוכט עפּעס אַ בערגל, אויף װעלכן זיי פלעגן זיך שטעלן און מיט מיר זיך אַדורכשמועסן. אמת, נישט מיט װערטער, נאָר אויפן פינגער־לשון, אין װעלכן איך בין געװאָרן אַלץ מער באַהאַװנט. ס׳פלעגט אַמאָל דערגיין צו מיר אויך איינציקע געזעגענונגס־װערטער, אויף װעלכע איך פלעג

אויך ענטפערן אויפן קול. דער וועכטער אונטן פלעגט פון דעם
מבולבל ווערן, פלעגט אָנהייבן זוכן צעשראָקן מיט די אויגן
אין די פענצטער, איך אָבער פלעג פלינק אַראָפּשפּרינגען פון
מײַן באַהעלטעניש און האָב שוין געלאָסן אַרומשפּאַצירט איבער
מײַן צימער.

באַקומען אַזוי אומדערוואַרט קאָנטאַקט מיטן דרויסן, בין
איך ביסלעכווײַז אַרײַנגעטרעטן אין אַ פאַרבינדונג אויך מיט
מײַנע שכנים פון אינעווייניק. דורך די קרימינעלע באַדינער
האָט זיך אײַנגעשטעלט אַ רעגולערע קאָרעספּאָנדענץ מיט די
איבעריקע פּאָליטישע אַרעסטירטע. פון זיי בין איך געוווּיר גע-
וואָרן, אַז ס'איז דאָ אַ „פּאָסט" אויך אין שטאָט און איך האָב
זיך אָנגעהויבן מיט איר צו באַנוצן. די פּאָסט איז בײַ אונדז
אײַנגעשטעלט געוואָרן אויף גאָר אַן אייגנפּאַכן אופן. דער אונ-
טערשטער חדר פונעם פראָנט-טורעם האָט זיך געפונען אין דער
פרויען-אָפּטיילונג. דאָרט האָט צו יענער צײַט געדינט אַ וועכ-
טערין, וועלכע פלעגט פאַר אַ גוטן לוין אַרויסטראָגן און ברענ-
גען מיט זיך פון שטאָט בריוו, אומלעגאַלע ליטעראַטור און
צייטונגען. זי פלעגט דאָס איבערגעבן דער „פּאָליטישער" פרוי
פון טורעם. יענע ווידער פלעגט דאָס אַרויפשיקן אין מדור פון
די מענער. אימעצער פון די שטרענג איזאָלירטע קרימינעלע
האָט דורכגעמויערט אַ לאָך פון דעם מיטלען טורעם-צימער אין
אונטערשטן, און דאָס האָט געדינט פאַר אַ קאָמוניקאַציע-מיטל.
דורך דעם לאָך פלעגט ווערן אַרויפגעשיקט די גאַנצע פּאָסט.
אין מיטלען טורעם איז דעמאָלט געזעסן אַ קרימינעלער, פאַר-
אורטיילט אויף קאַטאָרגע. ער פלעגט דאָס זײַן דער פאַרמיט-
לער צווישן דער פרויען-אָפּטיילונג און אונדז.

פון דער זעלבער אַרעסטירטער האָב איך זיך דערוווּסט,
אַז מען באַשולדיקט זי, אַז זי האָט דאָס געדונגען די דירה
צוזאַמען מיט מיר אויף אַ פאַרזאַמלונג. די דינסט האָט אויף
איר אין דער ערשטער מינוט אָנגעוויזן, צוליב איר ענלעכקייט
צו מײַן פרוי, ס'איז אָבער באַוויזן געוואָרן, אַז די באַשולדי-
קונג איז אַ פאַלשע און זי האָפט דעריבער גיך באַפרײַט צו ווערן,

דאַקעגן ראַט זי מײַן פרוי אָפּצופּאָרן, ווײַל די זשאַנדאַרן קאָנען זיך יעדע מינוט כאַפּן און זי אַרעסטירן. איך האָב וועגן דעם מײַן פרוי איבערגעגעבן און בין אויך באַשטאַנען אויף דעם, זי זאָל וואָס שנעלער פאַרלאָזן מינסק.

אין שטאָט אָבער האָט מען אַנדערש באַשלאָסן. מען האָט דאָרט געוואָלט מיך אַרויסרײַסן פון די זשאַנדאַרן-הענט, איי-דער זיי וועלן אויפדעקן מײַן נאָמען. אויף אַ באַזוך בײַ וואַ-סיליעוון האָט דער לעצטער מײַן פרוי פאַרשפּראָכן מיך אַרויס-לאָזן דערווײַל אויף קויציע פון אַ 500 רובל און זי איז דערי-בער פאַרבליבן, כּדי צו דערפירן די זאַך ביזן סוף. יעדן טאָג פלעגט זי קומען צום פענצטער מיך אינפאָרמירן ווי ס׳גייען די אונטערהאַנדלונגען.

הײַנט איז שוין שפּעט. איך שטיי בײַם פענצטער שוין אַ פּאָר שעה און קיינער איז נישטאָ. עפּעס אַן אומרויִק געפיל לאָזט מיך נישט אָפּ. וואָס איז אין שטאָט געשען? ס׳עפנט זיך אומגעריכט די טיר און ס׳באַווײַזט זיך דאָזשדיקאָוו מיט אַ קרומען שמייכל אויף זײַן רויטן פליישיקן פּנים. ער ברענגט מיר אַ גאַנצן פּעקל מתּנות. מיר טוט אַ קלאַפּ אין האַרצן.

— מען האָט דאָס פון שטאָט געבראַכט? פרעג איך מיט אומרו.

— וואָס דען, איך שענק דאָס אײַך? ענטפערט ער מיר מיט אַ מיאוסן שמייכל. איך קאָן זיך שוין נישט באַרויִקן. איך בין זיכער, אַז אין שטאָט איז עפּעס פאָרגעקומען. גאַנץ גיך האָט זיך מײַן חשד באַשטעטיקט. פון צווייטן שטאָק האָב איך באַקומען די פּאָסט. דאָרט איז געלעגן אַ צעטעלע פון מײַן פרוי, זי געפינט זיך שוין אונטן אין טורעם. אויף הײַנט האָט מען איר באַשטימט צו ברענגען דאָס געלט פאַר מיר. זי איז געקומען אין דער זשאַנדאַרן-פאַרוואַלטונג. דאָרט האָט שוין גע-וואַרט די דינסט פון דער פירמע. זי האָט תּיכּף אָנגעוויזן אויף מײַן פרוי, אַז זי האָט דאָס געלט געגעבן. יענץ מיידל איז באַפרײַט געוואָרן און מײַן פרוי האָט פאַרנומען איר פּלאַץ.

איבערגעקאָכט אין זיך דעם פאַרדרוס צוליב דעם אומ-

פּאָרזיכטיקן אַרעסט, האָב איך גענומען מאַכן פּ.ענער, ווי אַזוי זיך איבערזעצן אין דעם מיטעלן טורעם, כּדי צו זײַן אין נאָענטער שכנות מיט מײַן פרוי. איך בין געפאַלן אויף אַ פּשוטער המצאה. איך וועל אויפדעקן פאַר די וועכטער מײַן קאָנטאַקט מיט שטאַט, וועלן זיי מיך שוין אַליין איבערפירן אין אַן אַנ־דער צימער. אַלס שטרענג איזאָלירטן, וועלן זיי מיך איבער־פירן אין אַ צווייטן טורעם. אָבער אַזוי ווי אַלע צימערן זענען דאָרט פאַרנומען דורך „פּאָליטישע״, אויסער איין מיטעלער, וווּ ס'זיצט אַ קרימינעלער, וועלן זיי מן־הסתם, מאַכן אַ בײַט: מיך וועלן זיי איבערפירן אויף זײַן אָרט און אים — אויף מײַנעם.

מײַן פּלאַן האָט מיך נישט גענאַרט. עטלעכע מאָל האָב איך באַקומען אַ פאָרוואורף פון דאָזשדיקאָוון, פאַרן עובר זײַן „אויף דער אינסטרוקציע״, דער „נאַטשאַלניק״ האָט מיך אפילו געדראָט מיט קאַרצער, איך בין אָבער פאַרבליבן בײַ מײַן עקשנות; דרײַ מאָל און מער אפילו אין אַ טאָג פלעגט מען מיך כאַפּן בײַם פענצטער, ביז מען האָט באַפוילן פון קאַנצע־לאַריע מיך איבערזעצן אין מיטעלן טורעם, וואָס גייט אַרויס צום הויף.

די אָוונט־„פּאָווערקע״ איז שוין פאַרענדיקט. מײַן קאָרי־דאָר איז פעסט געשלאָסן. אין טורמע איז טויט־שטיל. איך זוך פיבערהאַפט דעם „טעלעפאָן״ מיטן אונטערשטן צימער. ווײַט אונטערן בעט באַמערק איך שטיין אַ קלעצל. איך רוק אים אָפּ: אין דער פּאָדלאָגע איז דאָ אַ טיפער שפּאַלט פאַרדעקט מיט אַ דינן ברעטל. איך וואַרף אָפּ דאָס ברעטל אין אַ זײַט און דערזע אָנגעשטעלט אויף מיר אַ פּאָר גוט באַקאַנטע אויגן. איך רוף אָן דעם נאָמען. האַסטיק פאַרקלײַבט זיך מײַן פרוי אין דער חייך אויפן שאַנק, איך פּרוביר דורכרוקן מײַן האַנט, זי איז אַ דינע און גייט אַדורך, אויסגעצייכנט. מען קאָן זיך אפילו מיט די הענט גריסן. אַזוי פלעגן מיר שוין פאַרברענגען גאַנצע אָוונטן ביז שפּעט אין דער נאַכט. איך פלעג ליגן אַן אויסגע־צויגענער איבער דער פּאָדלאָגע, מײַן פרוי פלעגט שטיין אין דער הייך אויפן שאַנק און פלעגן שמועסן אָדער לעזן גאַנצע

שעהן. מיר פלעגן זיך אפילו טיילן מיטן אָוונטברויט, אַזוי האָבן מיר דעם שפּאָלט אַלץ מער אויסגעברייטערט.

נאָך די געשפּרעכן, פאַרן גיין שלאָפן, פלעגט מײַן פרוי פאַרשפּאַרן דעם אָפּענעם אָרט אין סופּיט מיט אַ ווײַס טיכל און איך פלעג פאַרדעקן די פּאָדלאָגע מיט אַ ברעטל און אויף דעם אַרויפשטעלן אַ קלעצל. בײַ אַזאַ פאָרזיכטיקייט זענען מיר מיט אונדזער „טעלעפאָן" קיין איין מאָל נישט דורכגעפאַלן.

מ'איז אפילו אין קאַנצעלאַריע יאָ דערגאַנגען וועגן עפּעס אַ קאָמוניקאַציע צווישן מיר און דער פּרויען-אָפּטיילונג. דאָס האָט אונדז אַ קרימינעלער פאַרמסרט. אין איין שיינעם פרימאָרגן, ס'לאָזט זיך צו מיר אַרײַן דער געהילף-„נאַטשאַלניק" מיט אַ גאַנצער כנופיא וועכטער. צו זייער וויזיט בין איך שוין געווען צוגעגרייט. מען האָט אונדז פאָרויס מודיע געווען, אַז הײַנט וועט זײַן „אַ חיפּוש", (אַזוי הייסט אויפן אַרעסטאַנטישן לשון אַ רעוויזיע). מען הייבט אָן צו זוכן אויף דער פּאָדלאָגע, גאָר נישטאָ. ענדלעך האָט איינער פון די וועכטער דערזען דאָס קלעצל, האָט עס אָפּגערוקט און אָנגעטראָפן אויף דעם לאָך. „איײַער האָכגעבורט!" האָט ער מיט שמחה אויסגעשריגן: „אָט איז עס" דער געהילף ציט אַרויס זײַן שווערד, וויל מיט איט דורכפירן אין שפּאַלט און טרעפט אָן אין ברעטל. אָנשטאָט עס אָפּצושאַרן, קלאַפּט ער נאָך שטאַרקער מיטן שאַרף, דאָס ברעטל בלײַבט פעסט ליגן אויפן אָרט. „ס'איז גאָר נישטאָ"! באַשליסט מיט אַ זיכערן טאָן דער פלינקער געהילף און די גאַנצע חברה גייט אַוועק. שפּעטער זענען זיי געקומען צו מײַן פרוי. פון קלאַפּן מיטן שווערד איז דאָרט אין צימער אָנגעפאַלן פיל קאַלך און וואַפּנע. מײַן פרוי באַגעגנט די געסט מיט אַ ירגזון:

— ווער זיצט דאָס דאָרט אויבן בײַ אײַך? מען האָט דאָך דאָרט הײַנט אַ גאַנצן פרימאָרגן געטאַנצט, אַז דער באַלקן איז שיִער נישט אײַנגעפאַלן!

— אַנטשולדיקט, האָט דער יונגער געהילפל זיך אַנט-

שולדיקט – דאָס האָב איך אין דער הייך געקלאַפּט. מען האָט חושד געווען, אַז איר קאָמוניקירט זיך מיט אײַער אויבערשטן שכן".

אין אַ פּאָר מינוט שפּעטער האָבן מיר זיך שוין געטיילט מיט די פּרטים פון דער רעוויזיע...

# אויפֿן ווײַטן צפֿון

ס'איז געקומען די רײַ פֿאַר מיר און מײַן פֿרוי אָפּצופֿאָרן ווײַטער. אונדז האָט מען געשיקט נישט מיט קיין עקסטרע טראַנספּאָרט דירעקט קיין אַרכאַנגעלסק, נאָר מיט אַ נאָרמאַלן עטאַפּ, וועלכער שלעפּט זיך לאַנג אין וועג.

די ערשטע אָפּרו־סטאַציע האָבן מיר געהאַט אין י אַ ר אָ ס ל אַ ו ע ר טורמע. זי איז פֿון שטענדיק אָן געוועזן פֿאַררעכנט אַלס אַ שטרענגע, שווערע תּפֿיסה און מיר האָבן געהאַט גענוג אויסצושטיין פֿאַר דער וואָך, וואָס מיר האָבן דאָרט „גערוט". דער דאָרטיקער „נאַטשאַלניק" איז געווען אַ פֿאַרביסענער שוואַרצמאַהניק, פֿלעגט ברוטאַל באַהאַנדלען די פּאָליטישע, הויפּטזעכלעך די קאַטאָרזשאַנעס, בײַ וועלכע מען האָט אָפּגענומען „אַלע רעכט". ער פֿלעגט מיט גרויס הנאה דוצן אַנדערע פּאָליטישע, יענע פֿלעגן נישט פֿאַרשווײַגן און ענטפֿערן צוריק אויף „דו", פֿלעגט ער דערפֿאַר באַשטראָפֿן מיט קאַרצער, פֿלעגן זיך די איבעריקע אַרײַנמישן, אַזוי איז דאָרט אַוועק שטענדיק אַ סדרה קאָנפֿליקטן. פֿאַר די 7 טעג, וואָס אונדזער פּאַרטיע האָט זיך דאָרט געפֿונען, זענען מיר מער ווי העלפֿט טעג געזעסן אויף ברויט און וואַסער. מיר האָבן פֿרײַ אָפּגעאָטעמט, ווען פֿאַר אונדז האָבן זיך פֿאַרמאַכט די טויערן פֿון דער פֿאַרשאָלטענער טורמע, און מיר, געשמידט אין „הענטבראַסלעטן" איינער צום צווייטן, האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַרײַן (אַגב אורחא, איך האָב קיין מאָל, וויפֿל מאָל מיר איז נישט אויסגעקומען צו גיין מיטן עטאַפּ, נישט געהאַט די זכיה צו טראָגן די דאָזיקע צירונג אויף די הענט. אַלע אָנגעמאָסטע

נע הענטקייטלעך פלעגן זײַן צו גרויס און פלעגן אַראָפּפאַלן פון מײַנע הענט).

אָפּפאָרנדיק 12 שעה, האָבן מיר ווידער געדוט אין וואָ-לאָגדע. דאָ זענען מיר שוין געשטאַנען גאַנצע 2 וואָכן. די טורמע איז געווען זייער אַ ריינע, אַ ציכטיקע, דער הויף — באַפּוצט מיט שיינע קלומבעס, פּאַרזייט מיט בלומען. דער „נאַטשאַלניק" איז געווען אַן אַלטער דײַטש אַ פּעדאַנט, וועלכער איז דערצו געווען אַן אַמאַטאָר פון גערטנערײַ, אומזיסטע אַרבעט האָט ער אויך געהאַט געגוג, האָט ער דעם הויף שיין אויסגעריכט.

פונקט צו דער צײַט, ווען מיר זענען דאָרט געווען, האָט „רעווידירט" די טורמע דער געוועזענער ווילנער גובערנאַטאָר פאָן-וואַל, וועלכער האָט באַפוילן צו שמײַסן די מײַ-דעמאָנסטראַנטן. איצט איז ער שוין געווען געהילף פון אינערן-מיניסטער. מיר האָבן זיך באַצײַטנס דערוווסט פון זײַן קומען און האָבן באַשלאָסן אים דעמאָנסטראַטיוו באַגעגענען. בײַ זײַן אַרײַנקומען אין אונדזערע חדרים, האָבן מיר זיך אומגעקערט צו אים מיט דער פּלייצע און מיט קיין וואָרט נישט געענטפערט אויף זײַן באַגריסונג. אַנדערע האָבן אים אַפילו נאָכגעשריגן „תליון!" אַזאַ אויפנאַמע האָט נישט געבראַכט מיט זיך פאַר אונדז קיין באַזונדערע רעפרעסיעס, ער האָט אָבער זײַן גאַנץ האַרץ אויסגעלאָזן צו די שיינע קלומבעס „דאָ איז נישט קיין האָטעל, נישט קיין פּענסיאָנאַט!" האָט ער זיך שטאַרק געבייזערט אויפן „נאַטשאַלניק" און האָט באַפוילן אַראָפּצונעמען די קאָלירטע קלאָמבעס בײַטן. ס'זענען דאָרט בלויז פאַרבליבן שטיין פאַריתומט שטעקלעך, אַלס זכר פון פאָן-וואַלס וויזיט.

ענדלעך זענען מיר אָנגעקוכען קיין אַרכאַנגעלסק. מיר האָבן זיך אָפּגעוואַלגערט אַ מעת-לעת צײַט אין קליינע וואַגאָנדלעך, ענג צונויפגעשפּאַרט און צונויפגעפּרעסט. מיר זענען אָפּגעשטאַנען אַ פּאָר שעה, ביז מען האָט אונדז אויף אַ שיף איבערגעפירט איבער דער דווינע. מיר זענען אַלע שוין אויסגעשעפּט און שטאַרק מיד. מיט שנעלע טריט לאָזן מיר

זיך צום געלן טויער פון „ראָמאַנאָווס אַכסניא״ (אַזוי פלעגט מען רופן בײַ אונדז די עטאַפּן-טורמעס).

* * *

ס'האָט זיך ווידער אָנגעהויבן אַ סדרה עטאַפּן. מיר גייען פון איין דאָרף צום צווייטן, מיר שיפן זיך איבער טײַכן, מיר פאָרן איבער וועלדער. מיר רוען אין „עטאַפּקעס״ (ספּעציעלע הײַזלעך פאַר די מיטן עטאַפּ גייענדיקע), מיר באַקעגענען זיך מיט אַ נײַער נאַטור, נײַע מענטשן, נײַעם לעבנסשטייגער. מיר שפּײַזן זיך מיט שטאָקפיש צו וועמענס ריח ס'איז שווער זיך צוצוגעוואוינען. און פאָרן ווײַטער. די טעג נישט געציילט, די צײַט נישט גערעכנט. די גובערניע אַרכאַנגעלסק איז גרויס, מדבריות און זומפּן פאַרמאָגט זי גענוג, און מיר מוזן זיי דורכמעסטן אין דער לענג אוןברייט הונדערטער וויאָרסטן.

באַזונדערס שווער האָבן אויף אונדז אָנפאַנגס געווירקט די „ווײַסע נעכט״ אויפן ווײַטן צפון. ס'איז שוין זייער שפּעט, 10—11 אָוונט און דאָ איז נאָך אַלץ טאָג, ס'איז נאָך ליכטיק. די זון איז אַפילו יאָ פאַרגאַנגען, אָבער די נאַכט וויל נישט קומען. עס הענגט איבערן הימל אַזאַ שווערע מרה-שחורהדי-קע ליכט, וועלכע פאַרטרײַבט די פינצטערניש, אָבער ס'איז פאָרט נישט קיין טאָג. ווי שאָטנס שלײַכן אַרום די מענטשן, אײַנגעהילט אין טוי. דאָס רייצט אײַך אויף, ווירקט שטאַרק אויף די נערוון. די נשמה הייבט אָן צו ציִען, אַ שנײַדנדיקע בענקשאַפט באַפאַלט אײַך אין גאַנצן, און אײַך דוכט זיך, אַז דאָס איז אַ פאַלשער שײַן, אַ טויטע ליכטיקייט, אַן עולם-התהו. אַזאַ צושטאַנד דויערט אַ פּאָר שעה. ס'איז שוין האַלבע נאַכט. מען קאָן נישט אײַנשלאָפן. אָבער מיט אַ מאָל הייבט אָן צו ברענען אַ רויט פײַער אויפן ראַנד פון מזרח, עס שפּרינגט פלוצלינג, ווי פון אַ באַהעלטעניש, אַרויס די זון אין איר גאַנ-צער מאַיעסטעט און אַלץ אַרום ווערט אָפּגעגאָסן מיט אַ העלן, קלאָרן גלאַנץ. ס'איז ווידער שווער אײַנצושלאָפן, ס'ציט שטאַרק אין דרויסן.

אין די דערפער האָבן אונדזערע זעלנער געהאַט געגוג אויסצושטיין פון די פויערן. יענע פלעגן נישט וועלן געבן קיין פערד פאַר די עטאַפּן, מען פלעגט שוין דעם דאָרף פּריִער מודיע זײַן וועגן אונדזער קומען און אַלע פערד פלעגט מען פאַרטרײַבן אין וואַלד. די סאָלדאַטן פלעגן זיך ווענדן צו דער דאָרפישער „נאַטשאַלסטוואָ", יענע פלעגט זיך רײַסן מיט די פויערן און צווינגען צוצושטעלן די נייטיקע צאָל פערד. נישט איין מאָל פלעגן מיר אַזוי פאַרברענגען אין אַ דאָרף 2—3 טעג, ביז דער סכסוך פלעגט דערליידיקט ווערן. די דאָרפישע „אָרדנונגס-היטער" פלעגן אַרויפוואַרפן די שולד אויף אונדז און פלעגן די פויערן קעגן אונדז אויפרייצן. מיר, ווידער, האָבן די פויערן אַליין צוגערעדט, זיי זאָלן קיין פערד אָן געלט נישט געבן, עס פלעגט אויף דעם באָדן זיך אָנהייבן עפנטלעכע דיספּוטן. דער וויכּוח פלעגט שוין במילא איבערגיין בכלל אויף פּאָליטיק, די פויערן פלעגן זיך אײַנהערן מיט גרויס אינטערעס. מערסטנטייל פלעגט זיך די דיסקוסיע פאַרענדיקן מיט אונדזער נצחון. די אָרטיקע דאָרפישע „פּאָליטיקער" פלעגן זיך פאַרפּלאָנטערן, פלעגן ווערן בייז און זיך גלאַט זידלען און דערמיט פלעגן זיי אין גאַנצן פאַרשפּילן. די צוהערער פלעגן האַלטן מיט אונדז און אונדז אויפמונטערן מיט לעבהאַפטע צווישנרופן. אַזוי פאַרברענגענדיק די צײַט, זענען מיר נאָך 10 טעג וואַנדערן אָנגעקומען קיין פּ י נ י ע ג ע.

דאָרט האָט אונדז דער מיליטער-קאָנווי איבערגעגעבן דער פּאָליציי-פאַרוואַלטונג, וועלכע האָט אונדז געדאַרפט שיקן ווײַטער אין באַגלייטונג פון „סטראַזשניקעס" צו אונדזער לעצטן פּונקט. אין פּיניעגע האָבן מיר געטראָפן אַ גרויסע קאָלאָניע פאַרשיקטע פון אַ מאַן 150. גראָד דעמאָלט האָט זיך באַקומען די ידיעה וועגן דעם, אַז אין סיביר האָבן זיך די פאַרשיקטע פון די אַרומיקע פּונקטן אַרום יאַקוטסק פאַרזאַמלט אין איין שטוב, האָבן זיך פאַרבאַריקאַדירט און נישט צוגעלאָזט צו זיך די פּאָליציי. מיליטער האָט באַלאַגערט דאָס הויז, מען האָט געשאָסן אין די באַלאַגערטע, איינער פון זיי איז געפאַלן טויט,

די איבעריקע האָבן זיך אונטערגעגעבן און אַרעסטירט געוואָרן, זענען שפּעטער פאַראורטיילט געוואָרן צו 12 יאָר קאַטאָרגע (די „ר אָ מ אַ נ אָ ו צ ע ס").

מיר האָבן געמאַכט אַ פאַרזאַמלונג און באַשלאָסן צו שיקן אַ פּראָטעסט יעדער מיט זײַן אונטערשריפט צו דער הע־כערער מאַכט און אַ מיטגעפיל־אויסדרוק די אַרעסטירטע חברים. דער אַלטער „איספּראַווניק" האָט זיך פון דער מעשה דערוווּסט, האָט זיך שטאַרק דערשראָקן און האָט קודם־כל אויסגעלאָזט כל חמתו צו אונדז, עטאַפּלײַט. מען האָט מיך און מײַן פרוי געררופן אויף מאָרגן פרי אין פּאָליציי־פאַרוואַלטונג, אונדז אי־בערגעגעבן אין רשות פון אַ פּאָלציאַנט, אַוועקגעזעצט אונדז אויף אַ פור און זיך ווײַטער געלאָזט אין וועג אַרײַן.

בעת מיר זענען אַרויסגעפאָרן האָט געגאָסן אַ שלאַקס־רעגן; דער „איספּראַווניק" האָט נישט דערלויבט צו בלײַבן דאָ קיין איין איבעריקע רגע. מיר האָבן זיך געטרייסט, אַז דער רעגן וועט באַלד איבערגיין, אָדער מיר וועלן אים איבערוואַרטן ערגעץ הינטערן שטאָט. אָבער שפּעטער האָט ער זיך צעגאָסן אין אַן אמתן מבול, אויפן וועג האָבן מיר נישט באַגעגנט גאַנצע שעהן קיין ישוב, קיין הײַזל אפילו. צעווייקטע, דורכ־גענעצטע, מיט נאַסע שמאַטעס אויף די לײַבער זענען מיר נאָך 5 שעה פאָרן אָנגעקומען אין דער גאָענטסטער „עטאַפּקע". דאָרט האָבן מיר זיך געמוזט טרוקענען גאַנצע 2 שעה נאָך אַנאַנד.

ווײַטער זענען מיר שוין געפאָרן אָן אָפּהאַלט. מען פלעגט אונדז איבערגעבן פון איין דאָרף־שומר צום צווייטן, יענער פלעגט אונדז צושטעלן פערד און מיר יאָגן זיך ווײַטער. מיר פלעגן שוין אַפילו פאָרן אָן אַ „סטראַזשניק". מען האָט אונדז איבערגעגעבן אין אייגענע הענט „אונדזערע פּאַפּירן" און מיר אַליין האָבן זיך געיאָגט און געאײַלט, געפירט צו דעם מ ע ז ע נ ע ר „איספּראַווניק". געפאָרן זענען מיר טאָג און נאַכט, נישט געשלאָפן, נישט גערוט. ס'האָט זיך שוין געוואָלט וואָס שנעלער קומען אויף אָן אָרט, האָבן אַן אייגן ווינקל, אויסרוען זיך פון אַזאַ וועג.

פֿאַר אונדז האָט זיך געעפֿנט אַ רויע איינטאָניקע ווילדע נאַטור. מיר פֿאָרן איבער אייביקע וועלדער, באַוואַקסן געדיכט מיט נאָדלביימער. הויכע בערג, טיפֿע אָפּגרונטן, זומפּן, טײַכלעך. דאָס זענען די באַרימטע טײַבולעס, וועלכע ציִען זיך אַזוי דרײַ טעג רײַזע, אָן אַ דאָרף, אָן אַ ישוב. פֿון צײַט צו צײַט נאָר באַגעגענען מיר אַ נידעריק הײַזל, ווו ס׳וווינען די פֿערדטרײַבער. מיר שפּאַנען איבער דעם וואָגן און פֿאָרן ווײַטער. מען איז אונדז מתרה, אַז מיר זאָלן זיך גוט פֿאַרדעקן דאָס געזיכט און הענט, אויב נישט וועלן מיר צעביסן ווערן פֿון די מוקן. אונדזער שמײַסער פֿאַרבינדט זיך דעם קאָפּ מיט אַ גרויסע טוך, ווי אַ קליינשטעטלדיקע ייִדענע און מיר לאָזן זיך ווײַטער.

גיך פֿאַלן מיר אַרײַן אין אַ געדיכטע נעץ פֿון מוקן און פֿליגן. מען מוז ממש דורכשנײַדן זייערע מחנות, בכדי צו קאָנען פֿאָרן, מען מוז אײַנהאַלטן דעם אָטעם, נישט עפֿענען דאָס מויל, אויב נישט האָט איר זיי שוין אינעווייניק גאַנצע הויפֿנס. און ווי בייז זיי זענען, ווי גיפֿטיק זיי בײַסן! די הענט זענען בײַ אונדז אָנגעטון אין הענטשקעס, דאָס פּנים פֿאַרדעקט מיט שלײַערס און דאָך שטעכן זיי דורך, די הענטשקעס זענען מיט בלוט באַפֿלעקט, דאָס פּנים — צעביסן. מער פֿון אַלץ קומען אָפּ די פֿערד. דאָס לײַב איז בײַ זיי אויסגעגעסן פֿון די וווּנדן, וואָס די קליינע מדבריות-באַשעפֿענישן פֿאַרשאַפֿן זיי. ס׳לאָזט אַביסל אָפּ אין אָוונט אויף אַ פּאָר שעה, נאָר מיטן ערשטן זונען-אויפֿגאַנג זענען זיי שוין ווײַטער דאָ און קווילן, פּײַניקן ממש ביז טרערן.

מיר אָבער האָבן דאָס מקבל באַהבה געווען. מיר האָבן געוווּסט, אַז מיט יעדן טאָג, מיט יעדן צענטליק וויאָרסט דערנענטערן מיר זיך שוין צו אונדזער רואָרט. מיר האָבן די שמײַסער געגעבן „אויף בראָנפֿן“, האָבן יענע געטריבן אָן רחמנות די פֿערד, האָבן מיר זיך געהויבן און געטרייסלט טאָג און נאַכט, ביז מיר זענען אויפֿן 15טן טאָג אָנגעקומען אין אונ-

דזער פאַרשפּראָכן לאַנד – אין דעם וויסטן און פאַרוואָרפענעם מעזען.

דאָרטן האָבן מיר געטראָפן אַ מאַן 30—40 פאַרשיקטע. זיי האָבן דעמאָלט דורכגעמאַכט אַן עקשנותדיקן קאַמף מיטן „איספּראַווניק". יענער האָט אַרויסגעשיקט אייניקע פּאָליטישע אין אַ דאָרף, וואָס איז געווען דורכויס פון ערשטן ביזן לעצטן נפש, אָנגעשטעקט מיט סיפיליס. ווײַנען דאָרט איז געווען אַ גרויסע סכנה, האָבן זיך די פאַרשיקטע אומגעקערט אַן אַ דערלויבעניש קיין מעזען. האָט זיי דער איספּראַווניק ווידער מיט דער הילף פון זײַן צענטליק קאָזאַקן אַרויסגעשיקט אויפן זעלבן אָרט. זיי זענען ווידער אַוועק און געקומען. דער קאַמף האָט זיך פאַרשאַרפט. ס'האָבן זיך אַרײַנגעמישט די איבעריקע פאַרשיקטע און סוף־כּל־סוף האָט דער אַרכאַנגעלסקער גובערנאַטאָר דערלויבט זיי אומצובײַטן דעם וווינאָרט: פאַר אונדז האָט מען אויך אין אַרכאַנגעלסק באַשטימט אַ וווינאָרט אין אַ דאָרף, ווײַט פון מעזען אַ וויאָרסט 40 אָבער מען האָט אונדז נאָך נישט געלאָזט אַהין פאָרן. אין אונדזערע „פּאַפּירן" האָט זיך געפונען דער אורטייל פון געריכט, לויט וועלכן איך האָב באַדאַרפט אָפּזיצן 2 וואָכן פּאָליציי־אַרעסט פאַר ווײַזן אויף אַ פאַלשן פּאַספּאָרט. וועגן דעם האָב איך זיך גאָר פאַרגעסן. אָן דעם אָבער האָט מיר דערמאָנט דער מעזענער „איספּראַווניק". די גאַנצע אַנדערטהאַלבן יאָר זיצן אין תּפיסה איז מיר נישט געווען אַזוי שווער איבערצוטראָגן, ווי גראָד די 2 וואָכן אין ברודיקן פּאָליציי־לאָך. נאָך אַזאַ וועג, נאָך אַזוי פיל פאָרן, נאָך אַזאַ יוארטן אויף אַן אייגן ווינקל, ווידער זײַן פאַרשפּאַרט אין שמוץ און ברוד.

די צוויי וואָכן האָבן זיך פאַר מיר געצויגן ווי גאַנצע חדשים. ס'איז שוין דער 13טער טאָג. מאָרגן דאַרף איך שוין ווערן פרײַ. אין דער פרי עפנט זיך די טיר, ס'קומט אַרײַן צו מיר דער „אויפזעער", גראַטולירט מיך מיט אַ פריילעכע מינע. וואָס איז געשען? ס'האָט זיך באַקומען די פּאָסט פאַר די לעצטע וואָך. פאָן־פּלעווע איז אויפגעריסן געוואָרן פון אַ

באָמבע דורך אַ טעראָריסט, ס׳איז געבוירן געוואָרן אַ יורש־עצר און ס׳איז באַשטימט געוואָרן אַלס פּרעמיער דער „ליבע־ראַלער״ סוויאַטאָפּאָלק־מירסקי. אַזוי פיל שמחות מיט איין מאָל! צוליבן געבורט פון טראָנפאָלגער בין איך באַפרײַט פון מײַן ארעסט מיט אַ טאָג פריִער, איידער דער טערמין האָט זיך געענדיקט...

דער „איספּראַוניק״ נעמט מיך איצט אויף ווי עפּעס גאָר אַן אַנדערער. ער רעדט וועגן „פרילינג״ און פרילינגס־ווינטן, — וועגן דעם, אַז ער האָט גאָר נישט צו די „פּאָליטי־שע״, אַז אַפילו אין אַ רעפּובליק וועלן דאָך אויך זײַן „אי־ספּראַווניקעס״ און ער וועט זײַן אַמט נישט פאַרלירן און נאָך אַזעלכע „ליבעראַלע״ דיבורים.

שפּעטער, אַז איך האָב זיך באַקענט מיט די צײַטונגען פאַר די לעצטע חדשים, האָב איך דערשפּירט. אַז אין רוס־לאַנד דערנענטערט זיך ווירקלעך אַ „פרילינג״, אַ שיינער אָפּ־פרישנדיקער פרילינג פון דער רעוואָלוציע, וועלכע מיר האָבן אַזוי געגאַרט, פאַר וועלכער מיר האָבן גאַנצע יאָרן לעבן אָפּ־געגעבן.

לעצט בילד פון ביינוש מיכאַלעוויטש

# צוריק אַהיים

מיר זענען געווען אַ גאַנץ קליינע, אָבער פריילעכע קאָמפּאַניע. אין גאַנצן אַ מאַן 13 – פון פאַרשידענע נאַציעס, לשונות און פּאַרטייען. דאָס גאַנצע געוועזענע גרויסע רוסלאַנד מיט איר מיש־מאַש פון פעלקער, לענדער און שפּראַכן, איז געווען פאַרגעשטעלט דורך אונדזער קליינער גרופּע. דעם פּאַרי־צוג האָבן געהאַט, פאַרשטייט זיך, די יידן. זיי זענען געווען פאַרטרעטן כּמעט אין אַלע פּאַרטייען פון אונדזער קליינער קאָלאָניע. נישט קוקנדיק אויף דער פאַרשידנפאַרביקייט און שפּראַכן־געמישקייט (ס׳זענען געווען אַזעלכע מזרח־אייראָפּעער, וואָס האָבן קיין וואָרט רוסיש נישט פאַרשטאַנען), האָט זיך דאָך צווישן אונדז איינגעשטעלט אַ האַרציקע, אמת־ברידערלע־כע באַציִונג. דער האַרטער גורל, וועלכער האָט אונדז, מענטשן פון פאַרשידענעם עלטער, פאַרשידענע קולטורן און געגנדן פאַרשליידערט אין איין פאַרוואָרפן ווינקל, אין אַ וויסטן דאָרף, האָט אונדז איינע צו די אַנדערע נאָענט געמאַכט. די זעלבע און געמיינזאַמע איבערלעבענישן האָבן אונדז באַפריינדעט און צוגעבונדן איינעם צום צווייטן. מיר האָבן ווירקלעך זיך. איינ־געאָרדנט ווי איין אינטימע, איינגעלעבטע משפּחה — מיר האָבן געלעבט אין איין „קאָמונע״.

דאָס אָרט, אין וועלכן מיר האָבן זיך געפונען, איז גע־לעגן ערגעץ הינטער די הרי־חושך, אָפּגעריסן פון דער איבע־ריקער יבשה דורך דעם ווייסן ים, פאַרוואָרפן ווייט פון אַ מענטשלעכן ישוב — פאַרגעסן און פאַרשאָלטן פון גאָט און מענטשן. און שכנות מיט אונדז האָבן נאָר געוווינט אַ פּאָר

צענטליק פישער-פאַמיליעס און צוויי שומרים, ספּעציעל פאַר אונדז. די מענער פלעגן די גאַנצע וואָך פאַרברענגען אויפן ים בײַם פיש-כאַפּן, אָדער אין וועג בײַם אָפּפירן די סחורה אין די גרעסערע פונקטן. די ווײַבער פלעגן זײַן די גאַנצע צײַט פאַרטון און פאַרהאָרעוועט, ווי אמתע שקלאַפינס, בײַ די שווערע פעלד- און טײַכאַרבעט. זונטאָג און יום-טובים נאָר פלעגן זיך די מענער אומקערן אַהיים, טויט-שיכּור, און די דאָזיקע טעג פלעגן אַריבערגיין אין געשרייען, און שלאָגן די ווײַבער, קינדער, און שלעגערײַען צווישן זיך גופא.

פינצטער איז געווען דאָרט דאָס לעבן — ווי ס'איז פינצטער די לאַנגע האַרבסט-נאַכט דאָרטן אויפן ווײַטן צפון. קאַלט און פּראָסטיק איז געווען דאָרט אויף דער נשמה אַ מענטש פון אַן אַנדער וועלט, ווי ס'איז קאַלט און פּראָסטיק דאָרטן די לופט, אין דעם לאַנגן אומענדלעכן ווינטער. און אַ פוסטקייט, אַ טויטע פוסטקײַט, האָט דורכגעדרונגען אַלע פּעדעמלעך פון מענטשלעכן וועזן. כּדי אין דער דאָזיקער אַטמאָספער אין גאַנצן נישט פאַרגליווערט און פאַרפרוירן צו ווערן — האָבן מיר זיך געמוזט צוטוליען אייגער צום אַנדערן, וואַרעמען זיך איינער דעם צווייטן מיטן אייגענעם אינעווייניקסטן פײַער, אויף וויפל ס'איז נאָר מעגלעך געווען אַביסל פאַרפוצן און פאַרשענערן דאָס רויע און נאַקעטע לעבן. מיר האָבן זיך געשאַפן אַ געקינצלטע, אילוזאָריש-„קולטורעלע" סביבה.

אין די לאַנגע, אומענדלעכע האַרבסט-אָוונטן פלעגן מיר זיך פאַרזאַמלען אַלע אין איין גרויס צימער, וועלכן איך האָב פאַרמאָגט, אַלס דער איינציקער פאַמיליען-מענטש פון אונדזער גרופּע. דאָרטן פלעגן מיר אָפּזיצן שעהנווײַז אַרום דעם גרויסן נישט צום אויסשעפּן, סאַמאָוואַר, און פירן דיסקוסיעס, וכּוחים, שמועסן איבער אַלץ אין דער וועלט. זיי זענען נישט געפירט געוואָרן מיט דער היציקער לײַדנשאַפט, מיט וועלכער עס דיסקוטירן מענטשן פון פאַרשידענע פאַרטייען אויף דער פרײַ; מיר פלעגן זיך נישט רײַסן צוליב פּראַקטישע פּאָליטישע אַר-

בעט, און אונדזערע שאַרפסטע דיסקוסיעס האָבן דעריבער נישט געהאַט דעם בײַגעשמאַק, וועלכן די קעמפנדע צדדים טראָגן געוויינלעך אַרײַן. דאָס אַלץ איז געווען אויסגעשפּראָכן אין אַ רויִקער, אויפקלערנדער פאָרם. בפרט, אַז מיר האָבן ווירקלעך זיך געהאַט צו לערנען איינע בײַ די צווייטע — מענטשן פון פרעמדע און גאַנץ אומבאַקאַנטע וועלטן. אָפט־מאָל פלעגן מיר זיך דערציילן פאַרשידענע פאַרלאָפענע פּאַסי־רונגען, אייגענע איבערלעבונגען, אָדער לייענען אויפן קול אַ בוך. אַזוי פלעגן מיר פאַרזיצן ביז שפּעט אין דער נאַכט, ביז די אָרטיקע אײַנוווינערינס פלעגן זיך אויפהייבן צו זייער אַרבעט. דעמאָלט ערשט פלעגפ זיך דער עולם פונאַנדערגיין אין די אייגענע ווינקעלעך שלאָפן. בײַ טאָג פלעגט אויך יעדער האָבן זיין אַרבעט אין דער „קאָמונע״; ווער אײַנקויפן, ווער קאָכן, ווער וואַשן דאָס געפעס. אַזוי פלעגן מיר דורכ־שטופן די צײַט.

אָבער די דאָזיקע צײַט־פאַרווײַלונג האָט נישט געקלעקט אויף לאַנג. עס האָט עפּעס אַ צופּ געטון בײַם האַרצן, אַ שרעקלעכע בענקעניש האָט אַלעמען אָנגעהויבן צו נאָגן, און יעדערן פון אונדז האָט אָנגעהויבן צו ציִען צו זײַן היים. צו זײַן פריִערדיקער אַרבעט, צו דעם אמתן קאָכעדיקן לעבן. די פּאָסט, וועלכע מיר פלעגן באַקומען איין מאָל אין צוויי וואָכן, פלעגט אונדז ברענגען גרוסן פון די ערטער, פון וואַנען מיר זענען מיט געוואַלט אָפּגעריסן געוואָרן. דאָרט ברויזט דאָס לעבן, דאָרט הייבט זיך איין כוואַליע נאָך דער צווייטער, דאָרט באַוועגט זיך און רירט זיך, און מיר זאָלן דאָ זיצן און פוילן, פאַרברענגען אונדזער לעבן אויפן עולם־התוהו, צווישן פאַרשיכורטע און דערשלאָגענע האַלבּ־חיות.

— ניין, לויפן, לויפן פון דאַנען, ראַטעווען זיך פון דעם דאָזיקן פאַרשאָלטענעם אָרט, וווּ מיר וועלן אַלע פאַרשטיינערט ווערן!

— גוט, לויפן. ווי אַזוי לויפט מען אָבער, בעת צוויי פּאָר אויגן שפּירן נאָך אונדזער יעדן טריט, אונדזער יעדן

קער און 9--10 טעג שנעלע רײַזע שיידט אונדז אָפּ פון אײַזנבאַן?

און מיר האָבן אָנגעהויבן אויסאַרבעטן פּלענער, ווי אַזוי צו מאַכן מעגלעך אונדזער פּליטה.

קודם-כל האָבן מיר פאַרפירט אַ האַרטנעקיגן קאַמף פאַר אונדזער „באַוועגונגז-פרײַהײַט". מיר האָבן פּשוט איגנאָרירט „די אינסטרוקציע", און פלעגן אַוועקגיין, אָן שום דערלויבניש, צו געסט אין אַנדערע „קאָלאָניעס". אַוועקזעצן זיך אין שיפ-לעך און זיך לאָזן אין הויפּטפּונקט פון דער אַדמיניסטראַציע קיין מעזען,—דאָרטן, וווּ דער „איספּראַווניק" אַליין האָט גע-האַט זײַן ווינאָרט. אונדזערע שומרים פלעגן זײַן מאַכטלאָז קעגן אַזעלכע „בונטן", זיי פלעגן אונדז נאָכיאָגן און באַגלייטן אומעטום. „די אָרדנונג" אָבער איז שוין צוליב דעם אונטערגע-גראָבן געוואָרן. נאָך לאַנגע קאָנפליקטן, רעפּרעסיעס און סכסוכים האָט דער „איספּראַווניק" אויסגעאַרבעט מיט אונדז „אַ נישט-געשריבענע קאָנסטיטוציע": איין מאָל אין צוויי וואָכן האָט יעדער פון אונדז געהאַט דאָס רעכט אָפּפאָרן אויף אַ צוויי-דרײַ טעג אין אומגעגנט אָדער אין „אויעזד". דאָס גופא האָט שוין אַרײַנגעטראָגן אַן אומאָרדנונג אין דעם „סיסטעם". אונדזערע משגיחים האָבן זיך פאַרלוירן און שוין נישט געקאָנט אונדז אַלע האָבן אויפן אויג. מיט אַ כיוון פלעגט אַמאָל איינער, אַמאָל אַ צווייטער, פאַרשווינדן אויף אַ לענגערע צײַט – אַ וואָך און מער; די היטער פלעגן אויפהויבן אַן אַליאַרם, און דער פאַרלוירענער פלעגט זיך גלײַך באַווײַזן. אַזוי האָבן מיר זיי צוגעוווינט צו אונדזער אָפטן אַרומוואַנדערן און זיי איז, אגב, דערעסן געוואָרן מיט אונדז זיך אַרומיאָגן.

ערשט איצט איז געקומען די רעכטע צײַט צו אַנטלויפן. לײַכטער ווי אַלץ איז דאָס שטיקל אַרבעט אָנגעקומען מײַן פרוי. איינער פון אונדזער „קאָלאָניע" האָט זיך באַפרײַט לויטן מאַניפעסט, נאָכן געבורט פון טראָנפאָלגער (צו אונדז, אַלס פאַרעקשנטע „פאַרברעכער", האָט מען דעם דאָזיקן מאַניפעסט נישט אָנגעווענדט), ער האָט זײַנע פּאַפּירן באַקומען אויפן

האַנט, און מײַן פרוי איז מיט אים מיטגעפאָרן, פראַנק און פרײַ, אַלס זײַן ווײַב, וועלכע האָט מיטן אייגענעם ווילן דאָ געוווינט. די זאַך איז אַריבער גלאַטיק. און אַז די היגע „נאַטשאַלסטוואָ״ האָט זיך אין אַ וואָך, צען טעג אַרום איבערצײַגט, אַז מײַן פרוי איז אַנטלאָפן, האָבן די חברים די זאַך פאָרגעשטעלט אַזוי, אַז דאָ איז פאָרגעקומען אַ פאַמיליען־טראַגעדיע און אַז זי איז אַנטלאָפן מיטן באַפרײַטן חבר. די אַדמיניסטראַציע האָט גאָר נישט חושד געווען אין דער מעשה; אדרבא, זי האָט מיר נאָך מיטגעפילט אין מײַן „אומגליק״, און איז געוואָרן צו מיר גאַנץ ווייך. כּדי צו צעשטרײַען זיך נאָך אַזאַ „קלאַפּ״, פלעג איך אָפט אַוועקפאָרן אין אַנדערע קאָלאָניעס אויף אַ וואָך און מער, און די אַדמיניסטראַציע האָט געקוקט אויף דעם דורך די פינגער. אַ מענטש, האָט עס געהייסן, וויל זיך פאַרגעסן אָן זײַנע צרות, דאַרף מען אים נישט שטערן. בפרט, ווי מען האָט דערציילט, אין אונדזער „איספּראַווניק״ אַליין אויך אַמאָל געשטראָפט געוואָרן מיט דער דאָזיקער צרה: זײַן יונג ווײַב איז פון אים אַנטלאָפן מיט אַ „פּאַרשיקטן״, האָט ער דעריבער פאַרשטאַנען יענעמס האַרץ.

אַזוי האָב איך אָפּגעווענדט פון זיך יעדן חשד. צו מײַן מזל זענען נאָך געשאַפן געוואָרן גינסטיקע אומשטענדן פאַר מײַן „לויפן״.

צוזאַמען מיט מיר זענען „געלאָפן״ נאָך צוויי חברים. דער פּלאַן איז געווען אַזעלכער: אַ פויער פון אַ צווייט דאָרף האָט אײַנגעשפּאַנט צוויי שליטנס מיט סחורה — פאַרשידענע פעלעכלעך און פוטער. מיט אַ כּיוון איז ער אָפּגעשטאַנען פון דעם גרויסן „טראַנספּאָרט״ פורן, וועלכער איז געגאַנגען קיין אַרכאַנגעלסק. אויף אַן אָפּגערעדטן אָרט אין וואַלד האָט ער אונדז אָפּגעוואַרט. אויף איין שליטן איז ער אַליין געווען דער פורמאַן, מיט אַ צווייטן האָט אָנגעפירט איינער פון אונדזערע, איבערגעטון אין אַ „מאַליצע״ (אַן אָרטיקער פוטער) און אין „פּימעס״ (פעלשטיוול). די איבעריקע צוויי האָבן זיך אַרײַנגעלייגט אין די שליטנס, אונטער דעם פוטערוואַרג, און זענען געפירט געוואָרן ווי סחורה.

אַזוי האָבן מיר זיך געלאָזן אין וועג, אַלץ באַוואָרנט און אויסגערעכנט, כמעט אויף זיכער.

אָבער נישט אַזוי גלאַטיק, ווי מיר האָבן געמיינט, איז דאָס אונדז אַראָפּגעגאַנגען.

געלאָפן זענען מיר ערב די קריסטלעכע חגאות, אין „ניטל״. מיר האָבן אויסגעקליבן מיט אַ כּיוון די דאָזיקע צײַט, ווען די „נאַטשאַלסטוואָ״ און פאַרהוליעט און פאַרשכּורט. די טראַקטן זענען נישט אַזוי באַוואַכט און ס'איז לײַכטער זיך דורכצושמוגלען דורך די אַדמיניסטראַטיווע „פּונקטן״. אַזעלכע האָבן מיר געהאַט אויף אונדזער וועג ביז דער „גובערניע״ גאַנצע דרײַ, און זיי האָבן פאָרגעשטעלט מיט זיך די גרעסטע סכּנה, ווײַל זיי זענען געווען פאַרבונדן מיט אונדזער „פּונקט״ דורך אַ טעלעגראַף, און בײַם קלענסטן חשד וועגן אונדזער פאַרשווינדן קאָן מען זיי גלײַך וועגן דעם מודיע זײַן. מיר האָבן באַשלאָסן צו האַלטן זיך פון ווײַטן פון די הויפּטוועגן, פאָרן מיט הינטערוועגלעך, און בײַ יעדן פאַרדעכטיקן קלאַנג פון אַ גלעקל (אַ סימן, אַז „נאַטשאַלסטוואָ״ פאָרט), אַרײַנכאַפּן זיך אין וואַלד און איבערוואַרטן די געפאַר.

געפאָרן זענען מיר טאָג און נאַכט, אָן רו. דער פראָסט האָט געברענט מוראדיק, איז דערגאַנגען ביז 40 גראַד און העכער, אָבער אונטער די הויפּנס פעלצן האָב איך קיין קעלט נישט געפילט. מיר פלעגט נאָר פאַרפעלן לופט צו אָטעמען, און פון צײַט צו צײַט, אַז מיר פלעגן זײַן אין וואַלד, פלעגט מײַן פורמאַן אַרויסלאָזן פון אונטער דער שווערער משא. איך פלעג זיך אויסגלײַכן אַביסל די ביינער, און ווײַטער זיך באַהאַלטן אין וואָגן, אונטער אַ באַרג פוטער און פעל. צוויי מאָל אין מעת־לעת פלעגן מיר זיך אויך אַרײַנכאַפּן אין אַ זײַטיק דערפל אָנצוּוואַרעמען זיך, אונטערגאַרטלען די לענדן און זיך דערקוויקן מיט אַ „הייסן סאַמאָוואַרל״. אונדזער פורמאַן האָט אויסגעצייכנט געקענט די געגנט, און האָט געוווּסט, וווּהין און צו וועמען צו פאַרפאָרן.

פאַר די אײַנוווינער פון די דערפער האָבן מיר זיך

אַרויסגעשטעלט אַלס סוחרים, װעלכע קױפֿן־אײַן פֿאַר מאָסקװע פֿאַרשידענע געפֿליגל, פֿעלצװאַרג און ענלעכע סחורות. אײנער פֿון אונדז האָט גאַנצע װאָכן פֿריִער דורכשטודירט דעם פּרײַז־קוראַנט פֿון די דאָזיקע סחורות, און פֿלעגט רעדן מכּח דעם מיט די פֿויערן, װי פֿון סדור. עס פֿלעגט אױסקומען אין אײניקע ערטער צו פֿאַרהאַלטן זיך, שליסן פֿיקטיװע געשעפֿטן און לאָזן אפֿילו אַמאָל האַנטגעלט. בכלל האָט אונדזער רעפּוטאַציע אַלס מאָסקװער סוחרים בײַם עולם זיך געהאַלטן גאַנץ פֿעסט. אָבער מיר פֿלעגן דאָך אױסמײַדן צו װײַזן זיך אָפֿט פֿאַר דער װעלט. באַזונדערס נאָך אַ צופֿאַל אין אַ דאָרף, װעלכער האָט אונדז פֿאַרשאַפֿט גרױס האַרצקלאַפּונג.

דאָס איז געװען דװקא אין אַ פֿאַרװאָרפֿן דערפֿל, ערגעץ אין אַ זײַט פֿון טראַקט. נאָך אַ לאַנגער נסיעה פֿון 10–12 שעה האָבן מיר זיך אַרײַנגעכאַפּט אַהין אַ ביסל זיך אױסצורוען. אונדזער פֿורמאַן איז געגאַנגען „אױסשפּירן" אַ כּשר ערטל און האָט אונדז גיך פֿאַרפֿירט אין אַ קלײן, נידעריק הײַזל, אין עק פֿון דאָרף. די באַלעבאַטים האָבן אונדז „מכניס־אורח"־געװען בסבר־פּנים. אױפֿן טיש האָט זיך באַװיזן משקה, די יונגע פֿויערטע האָט זיך גענומען פֿאַרן בליאַקירטן סאַמאָװאַר, און אַ מתיהדיקע װאַרעמקײט האָט זיך צעגאָסן אין אַלע אונדזערע אײַנגעשרומפּענע אבֿרים. דער באַלעבאָס האָט זיך צוגעזעצט צו אונדז, האָט פֿאַרפֿירט אַ שמועס: װער, פֿון װאַנען און צוליב װאָס. מיר ענטפֿערן, װי אונדזער שטײגער; אַזױ און אַזױ, סוחרים פֿון מאָסקװע, האַנדלען מיט געפֿליגל, און אונדזער ספּעציאַליסט לײגט אים גלײַך אַרױס זײַן גאַנצע תּורה. אונדזער פֿויער הערט זיך צו, לאָזט נישט אַראָפּ קײן אױג פֿון דעם סוחר, און זײעט דורך אַזױ זיך, אַגבֿ־אורחא צװישן די צײן: — איר זענט מיר עפּעס באַקענט, איך האָב אײַך ערגעץ געזען. אונדזער בעל־דבֿר פֿאַלט פֿון דעם נישט אַראָפּ; אים דוכט זיך אויך, אַז ער האָט דעם באַלעבאָס ערגעץ באַגעגנט, װערט בײַ אים געװויר, צי יענער איז אַמאָל נישט געװען אין רוסלאַנד, אפֿשר האָט ער אים באַגעגנט אין אַנדערע דערפֿער אין דער

געגנט, און פירט אַראָפּ גלײַך דעם שמועס אויף אַן אַנדער ענין. אונדז אָבער רוימט ער אײַן שטיל אַ סוד, אַז דער פּוי-ער האָט אים טאַקע מיט 7 חדשים צוריק איבערגעפירט, בעת ער איז געגאַנגען „מיטן עטאַפּ״, אויף אַ שיפל איבערן טײַך, און, אַפּנים, אַז ער האָט אים איצט דערקענט. כּך-הוה: דער פּויער האָט שפּעטער-צו אַרויסגערופן אונדזער פורמאַן און אים געזאָגט, אַז ער פאַרשטייט דעם גאַנצן עסק; ער ווייסט, ווער מיר זענען, און האָט אים אויסגעמוסרט, פאַרוואָס ער איז אַזוי נישט-פאַרזיכטיק און האָט אונדז פאַרפירט אין אַן אָרט וווּ מען האָט געקאָנט דורכפאַלן, וואָרום גראָד דאָ אין שכנות שטייט איצט אײַן יענער „סטאַנאָוווֹי״, וועלכער האָט באַגלייט דעם עטאַפּ צוזאַמען מיט אונדזער באַלעבאָס. באשר ער איז אַן „ערלע-כער מאַן״, האָט מיט אונדז מיטלײַד און ראָט אונדז גלײַך פון דאַנען זיך אָפּצוטראָגן.

באַקומען די דאָזיקע בשורה, האָבן מיר זיך נישט געלאָזט לאַנג בעטן, האָבן זיך גלײַך געלאָזן אין וועג אַרײַן, צו דער גרוי-סער פאַרוווּנדערונג און האַרצקרענקונג פון דער גאַסטפרײַנדלע-כער ווירטין, פון וועלכער דער מאַן האָט די גאַנצע מעשה באַ-האַלטן.

דעם באַלעבאָס האָבן מיר געוואָלט מפיס זײַן מיט אַ שיי-נער מתנה, ער האָט זיך אָבער ברוגזלעך פון דעם לחלוטין אָפּ-געזאָגט: — איר זענט מײַנע געסט, — האָט ער גע'טענהט — און קיין געלט בײַ אײַך נעם איך נישט״.

באַקומען פון אים אָנווײַזונגען, ווי אַזוי ווײַטער צו פאָרן, וווּ אויסצומײַדן די געפערלעכע ערטער, האָבן מיר, צופרידענע און דערוואַרעמטע פון אַ מענטשלעכן מיטגעפיל, זיך געלאָזן ווײַ-טער אין אונדזער לאַנגן וועג.

ענלעכע אַזעלכע צופאַלן האָבן מיר געהאַט אין אונדזער נסיעה עטלעכע. יעדעס מאָל אָבער זענען מיר נאָר אָפּגעקומען מיט שרעק. ס'האָט זיך פאַר אונדז אייניקע מאָל אויפגעדעקט אַ באַהאַלטענע שיינע זײַט פון דער מענטשלעכער נשמה, — דאָס „פּינטעלע מענטש״, וועלכעס טליִעט דאָרט, בײַ די אײַנוווינער

פון די שנײַ־פּאַרזונקענע הײַזלעך. עד־היום קאָן איך נישט פאַר־
געסן יענע אומבאַקאַנטע, מיר װילדפרעמדע אָרעמע פרוי, װעלכע
האָט מיר אַרויסגעװיזן אין מײַן נויט אַזוי פיל װאַרעמע איבער־
געגעבנהייט און מענטשנפרײַנדלעכקייט, װאָס איז שװער צו באַ־
גענגענען בײַ אונדזער „קולטורעלער" געזעלשאַפט. גראָד ערב נײַ־
יאָר אין אָװנט איז אונדז אויסגעקומען צוצופאָרן צו איינעם פון
די גרויסע געפערלעכע „אויעזדנע" פונקטן. דרײַ טעג זענען מיר
געפאָרן, נישט באַגעגענענדיק קיין מענטשלעכן דאַך אין דער גרויסער
„טייבולע" (אַ גרויסער װאַלד, אָן אַ מענטשלעכן ישוב). בלײַבן
דאָרט נאָך אַ טאָג איז שוין געװען אוממעגלעך. באַזונדערס פאַר
אונדזערע פורמאַנעס, װעלכע זענען דאָך נישט געװען באַדעקט
מיט פעלצן, װי מיר. דער פראָסט האָט ממש געשרפעט, און מיר
האָבן, נאָך אַ קליינעם ישוב־הדעת, באַשלאָסן אָנצוקלאַפּן אין דער
ערשטער בעסטער מענטשלעכער װוינונג און קומען צו זיך.

מיר האָבן גראָד אָנגעטראָפן אויף אַן אַרבעטער־פאַמיליע,
אַן אלמנה מיט עטלעכע קינדער. דער זון אַליין איז שוין געװען
אין מאָסקװע אין אַ פאַבריק, און גלײַך פון די ערשטע רייד זײַ־
נע האָבן מיר פאַרשטאַנען, אַז ער איז שוין „געכאַפּט אין דער
מעשה" – ער איז אַן „אייגענער". מעשה שטן איז מיך באַפאַלן
אַן אומפאַרשטענדלעכע קרענק: איך בין אָװעקגעפאַלן װי אַ סנאָפּ
און קאָן זיך נישט רירן פון אָרט. מיך האָט געפיבערט און גע־
װאָרפן, אַזוי װי אין שטאַרקסטן טיפוס. װעגן פאָרן װײַטער האָט
גאָר קיין רייד נישט געקאָנט זײַן. בײַ די חברים און פורמאַן
איז פאַרבליבן, אויסזאָגן דעם יונגן באַלעבאָס דעם גאַנצן אמת
און איבערגעבן זיך אין גאַנצן אויף זײַן גנאָד. אויסגעהערט אַזאַ
מעשה, האָבן זיך זײַנע אויגן צעפלאַקערט מיט אַ הייליק פײַערל;
ער האָט באַלד אײַנגערוימט דער מוטער אַ סוד און מען האָט אונדז
צוגענומען אַזוי װי די בעסטע געסט. מיר האָט מען אָפּגעגעבן
דאָס איינציקע בעט מיט בעטגעװאַנד, די װירטין איז אַרום מיר
אַרומגעגאַנגען, װי אַן אייגענע מוטער; און עס זענען אָנגענומען
געװאָרן עקסטרע מיטלען, װי צו באַהאַלטן פאַר די שכנים אונ־
דזער זײַן דאָ. אַ צװיי טעג האָבן מיר דאָרט פאַרבראַכט אין

שטרענגער באַהעלטעניש. איך בין אַרומגערינגלט געוואָרן מיט אַן אמת־האַרציקער ליבלעכער אַטמאָספער, מען איז אַרום אונדז אַרומגעגאַנגען בפועל־ממש אויף די שפּיץ־פינגער.

אין צווי טעג אַרום האָב איך זיך שוין געפילט אין גאַנצן געזונט און אויסגערוט, און שפּעט בײַ נאַכט, באַגלייט מיט ברכות פון דער גאַנצער פאַמיליע און אָנגעלאָדן מיט אַ סך פּעקלעך, האָבן מיר זיך ווײַטער געלאָזט אין וועג אַרײַן.

מיר זענען געפאָרן וואַלדאײַן, וואַלדאויס אָן אַ שיעור, אָן אַ סוף. די זון פלעגט אויפגיין, און פאַרגיין, טעג פלעגן לויפן, נעכט פלעגן אָנקומען, ליכט און פינצטערניש פלעגן זיך וועקס־לען, און מיר זענען אַלץ געפאָרן, נערוועז צוגעטריבן פון אונדזער פורמאַן מיט זײַנע אויסגעמאַטערטע פערדלעך, און אונגעדולדיק געציילט די וויאָרסטן־סלופּעס. זיי זענען געווען אונדזער לוח. זיי האָבן געהאַלטן אונדזער גורל אין זיך פאַרבאָרגן. וואָס מער וויאָרסט דורכגעמאַכט, אַלץ ווייניקער די געפאַר, אַלץ נענטער די גאולה, אַלץ שטאַרקער האָט דאָס האַרץ געקלאַפּט. פון צײַט צו צײַט פלעג איך אַרויסרוקן דעם קאָפּ פון בערלאָך און שטעלן מײַן פורמאַן די סטערעאָטיפּישע שאלה: „וויפל ?" באַקומען די גענויע צאָל וויאָרסט, וואָס מיר זענען שוין אָפּגעפאָרן, פלעגט מײַן מוח מעכאַניש דורכמאַכן אַן אַריטמעטישע אָפּעראַציע, פלינק פלעגט זיך צונויפשטעלן דער חיסור פון דעם גאַנצן סכום וויאָרסטן, און וואָס קנאַפּער דער סך־הכל, אַלץ פרייל־עכער אויפן האַרצן, אַלץ זיכערער דער בטחון אין אַ גליקלעכן אויסגאַנג פון אונדזער אויפטו.

מיר האָבן שוין אַזוי דורכגעשטופּט אַ שיינע פּאָר הונ־דערט וויאָרסט. דעם לעצטן געפערלעכן פונקט שוין אויך בשלום דורכגעקומען. ס'איז אונדז פאַרבליבן הונדערט וויאָרסט און – אונדזער ציל איז שוין דערגרייכט. אַ מאָדנע זיס גע־פיל צעגיסט זיך אין מײַנע אברים. דאָס שווערסטע שוין דורכ־געמאַכט, דעם פּלאַן קאָן מען רעכענען פאַר געלונגען. נאָך אַ טאָג 5-6 און מיר וועלן שוין זײַן אויפן אָרט, דאָרט, וווהין

די נאָגנדע בענקשאַפט האָט אַזוי שטאַרק געצויגן, ווי איך האָב געלאָזן דאָס ליבסטע און בעסטע.

איצט זענען שוין די אַלע שוועריקייטן הינטער מיר. זיי זענען שוין אויס אַזוי קליין, אַזוי נישטיק, און איך טראַכט וועגן זיי מיט אַ צופרידענעם שמייכל. די אַלע פאַרלאָפענע שרעק און סכּנות האָבן נאָר צוגעגעבן אונדזער פּראָזאַישער רײַזע אַ יום־טובדיקן פּוץ, האָבן זי פאַרשלייערט אין אַ ראָמאַנ־טישן פליאָר, זיי האָבן נאָך מער גערייצט אונדזער ווילן און גע־מאַכט זיסער דאָס געפיל פונעם אָפּגעהאַלטענעם נצחון איבער דעם יאָגנדיקן שונא, וועלכער האָט אונדז פאַרט נישט געקאָנט דערגרייכן.

אין וואָגן, אונטער דער וואַרעמער פעל־משא, טראַכט זיך גוט. און איצט זענען מיר טאַקע געקומען אויף די רעיונות אַלער־ליי פאַנטאַזיעס. ס'דערמאָנען זיך מיר קינדערשע מעשיות: אָט אָט בין איך אַ רואה ואינו נראה, — אַזאַ בעל־מופת, וואָס קאָן דורך אַ קבלה מאַכן, אַז ער זאָל אַלעמען זען און קיינער זאָל אים נישט קאָנען פאַקן. אָט בין איך גאָר אַ צווייטער יוסף די־לײַריינה, וועלכער איז אַמאָל מגולגל געוואָרן הינטער די הרי־שלג, די בערג שניי, האָט זיך דאָרט געראַנגלט מיט דעם סמאל און זײַן גאַנצער בייזער כּתּה, און האָט זיי אַלע מנצח געווען.

באַלד פאַרשווינדט די ראָמאַנטיק. איך קער זיך אום צו־ריק צו דער רעאַלער וועלט און בוי שוין פּלענער וווהין צו פאָרן, שטעל זיך פאָר מײַן ערשטע באַגעגעניש מיט מײַנע נאָ־ענטע, קלײַב שוין אויס פאַר זיך אַ פּאַסיקע „אַרבעט".

פּלוצלינג הער איך אַ הויכן געשפּרעך בײַ מײַן וואָגן, אַזוי ווי דער קול זאָל גיין פון הינטער אַ דיקער וואַנט. אַזעלכע גע־שפּרעכן פלעגן דערגיין צו מײַן אויער אין מײַן פּעלץ־געצעלט גאַנץ אָפט. דאָס פלעגן רעדן מיט מײַן פורמאַן פאַרשידענע לײַט, וועלכע פלעגן אונדז באַגעגענען אויפן וועג. די ערשטע טעג פלעגט מיר דאָס האַרץ שטאַרק קלאַפּן פון די פאַרדומפּטע קולות, וועלכע פלעגן צו מיר דערגיין. ביסלעכווײַז האָב איך זיך צו דעם צוגעוווינט און פלעג דאָס רויִק אויפנעמען.

דאָס מאָל אָבער ווערן די קולות אַלץ שטאַרקער, דאָס געשפּרעך — אַלץ נעענטער צו מיר. איך שטרענג זיך אָן. עפּעס רירט זיך פון אויבן מײַן צודעק. איך ציטער־אויף. אימיצער שלעפּט מיך שוין בײַם פוס גאַנץ גראָב און שרײַט: „אַנו זאָלן מיר זען, וואָס פאַר אַ סחורה דו פירסט!״

„דורכגעפאַלן!״ — דאָס איז געווען דער ערשטער געדאַנק, וועלכער האָט מיר געגעבן אַ טעמפּן קלאַפּ איבערן קאָפּ. איך הייב זיך פון גרויס רעזיגנאַציע האַסטיק אויף, קריך אַרויס פון דעם גאַנצן געפּאַק און קוק זיך אַרום. אונדזערע פורן רינגלט אַרום אַ חברה פון אַ מאַן 5, עפּעס אַפּגעריסענע לײַט, ציוויל געקליידט, און טריומפירן, ווען זיי דערזען מיך מיט דעם צווייטן חבר אַרויסגיין פון די פעלצן: „לעבעדיקע סחורה!״ — שרײַען זיי אויס, און זייערע אויגן ברענען־אויף מיט אַ פאַרדעכטיק פײַ־ערל.

איידער איך האָב נאָך באַוויזן אַרײַנגיין מיט זיי אין אַ שמועס, געוואָר ווערן, ווער זיי זענען, איז שוין דער צווייטער פאַרשטעלטער פורמאַן אַראָפּגעשפּרונגען פון זײַן זיץ־פּלאַץ, באַפאַלן די חברה און האָט זיי אָנגעהויבן צו פּאַטשן און שמײַסן מיט דער בײַטש. קיין גרויסע העלדן זענען זיי, משמעות, נישט גע־ווען און כהרף־עין זענען זיי זיך אַלע צעלאָפן. ערשט איצט האָב איך זיך גענומען נאָכפרעגן, וואָס איז געשען. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס זענען געווען קרימינעלע פאַרשיקטע, וועל־כע זענען באַפרײַט געוואָרן דורכן „מאַניפעסט״, זיי קערן זיך אום קיין רוסלאַנד און מיט זייער געניט אויג האָבן זיי גלײַך דערקענט דעם צווייטן פורמאַן, ווער ער איז, אייגנטלעך, און האָבן גלײַך פאַרשטאַנען דעם גאַנצן עסק.

שלעכט. מיר זענען, בלי־ספק, דורכגעפאַלן. ווען אונדזער דריטער חבר וואָלט נישט זײַן אַזאַ היציקער און וואָלט זיך נישט גלײַך געכאַפּט צו דער בײַטש, וואָלט מען נאָך מיט זיי געקאָנט דורכקומען מיט אויסקויפגעלט. איצט איז די גאַנצע מעשה פאַר־לוירן. זיי זענען געלאָפן אין דאָרף, זיי וועלן דאָרט מאַכן אַ ליאַרעם, ס׳וועלן אונדז גיך באַפאַלן די אָרטיקע פויערן, מען

װעט אונדז בינדן און צוריק משלח זײַן אויף אונדזער פריער־דיקן טויטן אינדזל. אַ פּאַרדרוס! אָפּגעקומען אַזאַ צײַט, דורכגע־מאַכט אַלע סכּנות און איצט, בשעת מיר זענען שוין בײַם שװעל פון דער ישועה, גאָר דורכפאַלן! און דורך װעמען? דורך מענטשן, װעלכע האָבן דאָך אויך געװוּנג געליטן אין זייער לעבן פון דער זעלבער מאַכט; דורך מענטשן, װעלכע פאַרקויפן אונדז אפשר צוליב אַ פלעשל בראָנפן.

מיר זיצן אַזוי אויף די װאַגאָנס, קוקן זיך אָן איינע די צװייטע טיף געקרענקט און באַליידיקט, און רעדן קיין װאָרט נישט אויס. אונדזער פויער זיצט גאָר װי אָן אַ קאָפּ, ברעכט די גאַנצע צײַט די הענט און צלמט זיך. „װאָס װעלן זיי דאָס מיט מיר מאַכן? װוּ װעלן זיי מיך אַהינטון?” – יאָמערט ער אָן אויפהער. ערשט איצט, אָפּנים, האָט ער זיך געכאַפּט, װאָס פאַר אַ געפערלעכע חברה מיר זענען, און גיסט אויס אויף אונדזער קאָפּ זײַן גאַנץ בייז האַרץ.

די טעמפּע נידערגעשלאָגנקייט און דאָס יאָמערן פון פויער האָט אויף אונדז געהאַט אַ פאַרקערטע װירקונג. ס'האָט זיך באַלד בײַ אונדז אויפגעװעקט די אײַנגעדרימלטע ענערגיע און מיר האָבן אויף דאָס נײַ אָנגעהויבן שפּינען פּלענער, װי זיך צו ראַ־טעװען, נישט איבערגעבן זיך װי לעמער די אָנפאַלער אין די הענט. קודם־כּל האָבן מיר באַשלאָסן אָפּפאָרן פון גלײַכן שליאַך. נישט צוריק און נישט פאָרויס, נאָר אָן אַ זײַט, אין װעלדל. דאָרט װעלן מיר זיך אַרומקוקן, װאָס מיר האָבן צו טון. דאָס מזל האָט אונדז אָפּגעגליקט.

נישט װײַט פון עק װעלדל האָבן מיר דערזען עפּעס אַ בנין און דערהערט מענטשלעכע קולות. מיר האָבן גלײַך משלח געװען אונדזער פורמאַן געװויר װערן װער דאָרט איז און װאָס פאַר אַ מענטשן זענען דאָרט. אונדזער שליח איז אַװעק, האָט דאָרט געטראָפן אַ קליין זעגמילעכל. אין קאַנטאָר האָט ער גע־מאָלדן, אַז ער פירט פון דאָרט און דאָרט (אַ צוגעטראַכט אָרט) סוחרים, זײַנע פערד פאַלן אים אומגעריכט אַװעק, ער קאָן אונדז װײַטער נישט פירן. מיר האָבן אָבער זייער אַ נייטיק געשעפט

אין אַרכאַנגעלסק, און מיר וואָלטן גוט באַפרידיקט, ווען מען זאָל אונדז שנעל און אָן אָפּהאַלט צושטעלן אַהין.

פון קאָנטאָר האָט מען אונדז געלאָזט פאַרבעטן. מיר האָבן דערווײַל, שוין אַלע דרײַ, זיך אויסגעפּוצט אין אונדזערע סוחרישע פּוטערס, האָבן אויף זיך אַרויפגעלאָזן דעם געהעריקן אָנשטעל און אַרײַן אין קאָנטאָר. צי דאָרט האָט מען פאַרשטאַנען ווער מיר זענען, צי נישט, ווייס איך נישט. יעדנפאַלס האָבן זיי אויסגעבעטן פאַר אַ פּאָר פערד אַזאַ טריפהנעם מקח, וואָס קיין שום כשרער פּאַסאַזשיר צאָלט קיין מאָל קיין העלפט נישט פון דעם. לפנים־וועגן האָבן מיר געפּרוווט זיך דינגען, זענען אָבער אײַנגעגאַנגען אויף דעם געבעטענעם פּרײַז, ווײַל, ווי מיר האָבן דאָרט דערציילט, שטייט אונדז פאַר אַ זייער גרויס געשעפט אין שטאָט.

אונדזער האַלטן זיך, באַזונדערס אונדזער מטבע האָט אימפּאָנירט. מען האָט פאַר אונדז אײַנגעשפּאַנט אַ פּאָר גוטע פערד מיט אַ בויד, אונדזער פריִערדיקער פורמאַן האָט זיך מיט אונדז האַרציק געזעגנט און מיר האָבן מיט גרויס האַרצקלאַפּן זיך צוריק געלאָזן אויף דעם אָפענעם שליאַך.

אונדזער חשבון איז געווען אַ גאַנץ פּשוטער: די „קרימינעלע" זענען מן־הסתם גלײַך אַוועק אין דאָרף און געמאָלדן דעם „אוריאַדניק" וועגן אונדזער פּליטה. יענער האָט, משמעות, באַלד צונויפגענומען אַ חברה, אונדז אויפן וועג צו באַגעגענען. פון די מוסרים ווייסט ער אַלע אונדזערע סימנים און וועט טאַקע זוכן נאָר די צוויי פורן מיט די געמאָלטע סימנים. מיר אָבער וועלן דאָך איצט גאָר פאָרן אין אַ בויד, געשפּאַנט אין אַ פּאָר פערד, וועט מען אונדז פאַרבײַלאָזן און גאָר נישט פרעגן.

צו אונדזער גליק האָט אַ ביסל צוגערעגנט. אונדזער „שמײַסער" האָט אַראָפּגעלאָזן דעם בויד, האָט אונדז גוט אײַנגעדעקט און האָט כוואַטסקע צוגעקנאַקט צו די פערשײַטע, אָפּגעפּאַשעטע פערדלעך. מיר זענען שוין אויפן פריִערדיקן אָרט פונעם דורכפאַל. דאָס האַרץ קלאַפּט, ווי מיט אַ האַמער. דורכן שײַבל זעען מיר אַרומבלאָנדזשען שאָטנס. „דאָס איז אויסגעשטעלט אַ וואַך", — שעפּטשען מיר — „מען וועט אונדז באַלד אָפּשטעלן און אויס קאַ־

מעדיע!״ די פערד לויפן גאַלאָפּ, דער שמײַסער קנאַקט מיט דער בײַטש.

„יעפּים! דאָס ביסטו? — הערן מיר אַ שטים. „ווי דו זעסט!״ — ענטפערט אונדזער פורמאַן און טרײַבט ווײַטער די פערדלעך, אין גרויס מתיקות פונעם טרינקגעלט, וואָס ער וועט באַקומען פון די „רײַכע סוחרים״.

— געלונגען! — גייט אונדז אָפּ פונעם האַרץ. די וואַך קאָן אונדזער נײַעם פורמאַן. ס׳איז איר גאָר נישט אײַנגעפאַלן צו נעמען אים אין חשד, און האָט אונדז דורכגעלאָזן אָן שום שאלות.

עס פינקלען שוין צו אונדז ליבלעך די שטערן, עס שמייכלט שוין צו אונדז דער פאַרכמאַרעטער הימל, און ליכטיק, העל־ליכטיק איז אויף דער נשמה: נאָך 5—6 שעה אַזוי פאָרן און מיר וועלן שוין זײַן אין שטאָט.

ס׳איז אונדז באַשערט געווען צו האָבן אַ ביסל האַרצ־קלאַפּעניש שוין גאָר אין די לעצטע צוויי שעה פאַר אונדזער אַרײַנקומען אין שטאָט. אונדזער נײַער פורמאַן האָט זיך אָפּגע־שטעלט אויפן וועג אין אַ באַלעבטן דאָרף אָפּצורוען זיך און דערקוויקן די „נשמה״ מיט אַ גלעזל משקה. ער האָט דאָך פון קאָנספּיראַציע נישט געוווּסט, און מיר האָבן נישט געפונען פאַר באַקוועם אים פאַרטרויען אונדזער סוד: פאָרט אַ פרעמדער מענטש.

צו אונדזער גליק האָט ער זיך אָפּגעשטעלט נישט אויף דער פּאָסטסטאַציע, ווו עס שנאָרן אַרום מערסטנטייל די אָרטיקע פּאָליציי־לײַט, נאָר עפּעס אין אַ פּריוואַטער אַכסניה, בײַ זײַנע באַקאַנטע. מיר האָבן דאָרט געטראָפן אַ שפּאָר ביסל מענטשן, פויערן און סוחרים פון פאַרשידענע דערפער און „געגנטן״. אונדזער אַרײַנקומען האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע „טשעקאַוועס״ בײַ אַלע אָנוועזנדע, ווי יעדע פּנים־חדשות אין יענעם געגנט, און אַלע האָבן זיך מיט אונדז גלײַך פאַראינטערעסירט: ווער, וווּהין און צוליב וואָס.

מיר האָבן נאָך נישט באַוויזן דאָס מויל צו עפענען, דער־עגן מיר. ווי צו אונדז לאָזן זיך כמעט מיט אויסגעשטרעקטע

ז

אָרעמס צוויי פאַרשווינדן: דאָס זענען געווען צוויי גוט באַקאַנטע סוחרים פון מעזשן, וועלכע האָבן געוווּסט אונדזער גאַנצן יחוס. דאָס האַרץ איז אונדז אײַנגעפאַלן: צי וועלן זיי אונדז אַרויס־געבן צי ניין. יעדנפאַלס זענען מיר פאַרלאָפן דעם וועג און זיי גלײַך געענטפערט, נאָך איידער זיי האָבן עפּעס געפרעגט. מיר פאָרן פון דאָרט און דאָרט און געמאַכט נישט קיין שלעכטע געשעפטן. איצט אײַלן מיר זיך אין שטאָט, ווו אויף אונדז וואַרט אונדזער שעף פון מאָסקווע.

זייערע אויגן האָבן געבלינצלט צו אונדז פרײַנדלעך. אויף זייערע ליפּן האָט זיך באַוויזן אַ ביטרע שמייכעלע קוים צו באַמערקן, און זיי האָבן אונדז פאַרטרויליך צוגעשאָקלט מיט די קעפּ, גלײַך ווי זיי וואָלטן געזאָגט: שרעקט זיך נישט פאַר אונדז מיר פאַרשטייען דעם עסק, מיר וועלן אײַך נישט אַרויסגעבן. דער ספּעציאַליסט אונדזערער האָט זיך צערעדט, האָט אַרויסגעוויזן זײַנע אַלע ידיעות אין די מקחים פון פאַרשידענע געפליגל, האָט פאַרפירט אַ לאַנגן שמועס וועגן פאַרשידענע פעל און רויכ־וואַרג. און מיר האָבן דערווײַל צוגעטריבן אונדזער פורמאַן, ער זאָל זיך צואײַלן מיט דער נסיעה.

ערשט איצט האָבן מיר זיך אין זייערע אויגן אינגאַנצן לעגאַליזירט. ער האָט אין אונדז דערזען אמתע סוחרים מיט אַ ברייטער האַנט. און זיין דרך־ארץ צו אונדז האָט ממש באַ־שײַנפערלעך געשטיגן און שטאַרק זיך געהויבן.

מיר געזעגנען זיך האַרציק מיט אונזערע אַלטע באַקאַנ־טע, שטיפעריש שוין בעטן מיר זיי אָפּצוגעבן אַ גרוס דעם „איספּראַווניק" און אַלע גוטע פריינד, און מיר לאָזן זיך ווײַ־טער מונטער און מוטיק אין וועג אַרײַן. עס באַווײַזן זיך שוין פון ווײַטן די פײַערלעך פון דער גרויסער שטאָט, עס צייכנען זיך שוין אָן די שפּיצן פון די הויכע בנינים. מיר דערהערן שוין קלאַפּן דעם דופק פון שטאָטישן לעבן. אָפּגעריסענע קולות, געמישטע קלאַנגען, אַ געפּײַף פון פאַבריק־קוימענס, קלאָרע מענטשלעכע ווערטער, און — אונדזערע הערצער שלאָגן אין אונדז, ווי מיט אַ האַמער.

ענדלעך האָבן מיר אונדזער ציל דערגרייכט. מיר זענען שוין אין אַ גרויסער שטאָט, צווישן טויזנטער מענטשן, ווו מיר וועלן זיך פאַרלירן אין דער פיל־פּנימדיקער, אומבאַקאַנטער מאַסע, ווו אונדזער יעדער טריט, יעדער קער און באַוועגונג וועט שוין נישט ווערן אויסגעשפּירט און נאָכגעקוקט, און דער עיקר, — ווו מיר וועלן קאָנען פריי זיך זעצן אין באַן און געשווינדער קומען אַהין, וווהין דאָס האַרץ ציט אַזוי שטאַרק, ווו דאָס לעבן קאָכט, מאָנט און רופט.

בלויז צוליב ריין־קאָנספּיראַטיווע טעמים האָט זיך אונדזער קאָמפּאַניע אין שטאָט צעשיידט. איינער איז פאַרפאָרן מיטן פורמאַן אויף איין אַדרעס, און מיר איבריקע צוויי זענען ביי דער שטאָט־ראָגאַטקע אַראָפּ און געגאַנגען צופוס אין אַ צווייטער וווינונג. אַלץ, פאַרשטייט זיך, איז שוין געווען פאָרויס באַזאָרגט און באַשטימט.

אָנפאַנגס איז אונדז דער וועג צו פוס, נאָך אַזוי פיל טעג ליגן אין וואָגן איינגעשרומפּן און איינגעדרייט, אויסגעקומען זייער אָנגענעם. מיר האָבן אויסגעגלייכט אונדזערע גלידער. מיר האָבן שפּאַצירט איבער די שטאָטגאַסן פראַנק און פריי און איינגעזאַפּט אין זיך מיט גרויס תשוקה, מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם, דעם גאַנצן אַוויר פון דעם שטאָטישן לעבן. אַלץ האָט עפּעס ביי אונדז אין די אויגן באַקומען דעם זיבעטן חן, אַלץ האָט געלאָקט און געררייצט, אַזוי ווי נייע אַנטפּלעקטע וועלטן. אָבער ביסלעכווייז, פּאַמעלעך איז אונדז באַפאַלן אַן אומרויִק געפיל. מיר גייען שוין אַ שעה און צוויי, און מיר זענען נאָך אַלץ נישט ביים ציל. מיר שפּאַצירן־דורך די גאַס, אויף וועלכער עס געפינט זיך אונדזער „יאַווקע״ (די קאָנספּיראַטיווע וווינונג) איין מאָל, צוויי מאָל, און מיר קאָנען דעם נויטיקן נומער פון הויז נישט געפינען. אונדז נעמט־דורך אַ שטאַרקע מידקייט; ערשט איצט פילן מיר, ווי אַלע אונדזערע אברים זענען צעבראָכן. אַ פייכטער שניי פּאַטשט אונדז אין פּנים און אַ שוידערלעכע קעלט גייט אונדז דורך דאָס גאַנצע לייב. די גאַסן ווערן שוין אינגאַנצן פּוסט

פון מענטשן. מיר פרעגן די לעצטע איילענדיקע דורכגייער ווי עס געפינט זיך דער און דער נומער. יענע הויבן מיט די אַקסלען און לויפן ווײַטער.

עס באַווײַזן זיך אין גאַס פּאַטרולן, געמישט מיט פּאָליציי־לײַט און זעלנער. אַ נײַס. קיינמאָל האָט מען דאָ וועגן אַזעלכע זאַכן נישט געוווּסט. וואָס זאָל דאָס באַדײַטן? צי איז דאָ עפּעס לעצטנס געשען? מיר האָבן דאָך שוין אַזאַ לאַנגע צײַט קיין צײַטונגען נישט געלעזן און ווייסן נישט, וואָס עס טוט זיך אויף דער ווײַטער וועלט. שלעכט, דער פּאַטרול קאָן אונדז אָפּשטעלן און אַלץ איז פאַרפאַלן. מײַן חבר לייגט מיר פאָר אומקערן זיך צוריק אין וואַלד דאָרט איבערנעכטיקן און מאָרגן פרי קומען אין שטאָט. איך פאַרשטיי, אַז ער איז גערעכט, אַז פונעם אַרומדרייען זיך אַזוי קאָנען מיר לײַכט אַרײַנפאַלן. אָבער די פיס זאָגן זיך לחלוטין אָפּ צו גיין צוריק אַזאַ מהלך און איך קאָן זיך נישט באַשליסן צו פאַרבלײַבן אין אַזאַ פראָסטיקער קעלט אין וואַלד אַ גאַנצע נאַכט.

מען דאַרף נאָך אַ מאָל פּרובירן דאָס מזל, ווײַטער זוכן דעם נויטיקן נומער. מיר ציען אָבער אויף זיך די אויפמערקזאַמקײַט פונעם פּאָסטן־פּאָליציאַנט. מיר ווילן גיין ווייטער, אָבער יענער שרײַט אונדז שוין נאָך: „מײַנע הערן!". נישט צו מאַכן. בלײַבן שטיין. מיר פרעגן אים אויף דעם נומער, וועלכן מיר זוכן. ער קוקט אונדז אָן מיט גרויס חשד, מאַכט אַ בייזע מינע און פרעגט מיט אַן אָנשטעל פון אַן אויספאָרשער, וואָס האָבן מיר דאָרט צו טון און ווער מיר זענען. מיר טראַכטן עפּעס אויס אַ מעשה און רוקן אים אַרײַן אגב־אורחא אַ זילבערנע מטבע מיט ניקאָלײַס פּאָרטרעט. דאָס האָט אַביסל אָפּגעשוואַכט זיין שטרענגקײַט; ער דערציילט אונדז פאַרטרוילעך, אַז ערשט נעכטן־אייערנעכטן האָט מען אין שטאָט פונאַנדערגעוואָרפן בלעטלעך, צײַטן זענען אומרויִקע, און מען קאָן הײַנט נישט וויסן, מיט וועמען מען האָט צו טון. אָט טאַקע אויף דעם זעלבן הויף, ווו מיר דאַרפן, וווי-

נען אַזעלכע לײַט, בײַ װעלכע מען האָט נעכטן אַ רעװיזיע געמאַכט. מיר האָבן אים פאַרזיכערט, אַז מיר האָבן מיט אַזעלכע לײַט קײן מגע־ומשא נישט און ער האָט זיך פרײַנדלעך מיט אונדז צעשײדט.

לאַנג, נאָך לאַנג האָבן מיר געקלונגען און געקלאַפּט אין דער טיר פון דער װױנונג, צו װעלכער מיר האָבן געדאַרפט. מיר האָבן דאָרט פאַרשאַפט אַן אומזיסטע שרעק: די דאָרטיקע באַלעבאַטים זענען געװען זיכער, אַז דאָס זענען װידער געקומען נאַכט־געסט, און האָבן דערװײַל געברענגט און אין אָרדנונג געבראַכט די פאַפּירן און איבריקע טריפה זאַכן. װעגן אונדז האָבן זײ זיך שױן אײנגאַנצן מיאש געװען. אונדזער דריטער חבר איז בשלום געקומען צו דער צײַט. אַלע האָבן געװאַרט אויף אונדז ביז שפּעט, און זענען שױן געװען זיכער, אַז מיר זענען דורכגעפאַלן.

אויפן טיש האָט זיך גיך באַװיזן אַ הײסער סאַמאָװאַר; מיר זענען אַריבער אויף אַלגעמײנע נײַס, און צו אונדזער גרױסער איבעררעשונג האָבן מיר זיך דערװוּסט װעגן די גרױסע געשעענישן פון דעם „רױטן זונטיק" אין פּעטערבורג. דאָס איז געװען נאָך דעם 9טן יאַנואַר 1905. מיר האָבן געשלונגען מיט אַ גװאַלדיקן נײַגער יעדעס װאָרט. מיר האָבן זיך נאָכגעפרעגט אויף אַלע פּרטים פון די גרױסע פּאַסירונגען. איצט איז דאָ אױך נישט רױק. פיל „פאַרשיקטע" זענען זיך צעלאָפן פון דאַנען. פּאָליצײ איז אױף די פיס און מען דאַרף זיך פון דאַנען װאָס־פריער אָפּטראָגן. אַזױ האָבן מיר פאַרבראַכט ביז טאָג.

נאָך אין זעלבן טאָג אין אָװנט בין איך שױן געזעסן אין אַ װאַרעמען, קאָמפאָרטאַבלען קופּע פון צװײטן קלאַס און דער צוג האָט מיך געטראָגן אײַלנדיק האַסטיק אַהײם צו דעם אײַנגעבאַקענעם „תחום", צו די ייִדישע אַרבעטער.

# נײַע געפֿענגענישן

אין ראָטהויז זענען מיר געזעסן אַ פּאָר וואָכן. די גאַנצע איזאָלאַציע איז געווען נאָר לפּנים, פֿאַר דער העכערער „נאַטשאַלסטוואָ". מיט די שליסער האָבן מיר געקאָנט מאַכן, וואָס מיר האָבן געוואָלט. זיי זענען געווען שטאַרק להוט נאָך דער מטבע. זיי פֿלעגן טאַקע פֿאַר אונדז איבערטראָגן בריוו, קויפֿן צײַטונגען און פּאַרמיטלען צווישן אונדז אינעווייניק. דער „נאַטשאַלניק" גופֿא איז נישט געווען קיין איבעריקער מחמיר, און פֿלעגט זיך אויך נישט אָפּזאָגן פֿון אַ מתּנת־יד. ער אַליין, דוכט זיך, פֿלעגט זײַן אַ מעקלער בײַ די „אָכראַניקעס", וואָס פֿלעגן זיך דעמאָלט לאָזן גאַנץ לײַכט קויפֿן.

די טעג אין ראָטהויז האָבן זיך געצויגן אומענדלעך לאַנג און אײַנטאָניק־נודנע. מיט גרויס אומגעדולד האָבן מיר געוואַרט, ווען מען וועט אונדז שוין רופֿן אויף אַ פֿאַרהער. די „אויספֿאָרשונג", וואָס די זשאַנדאַרן מאַכן אונדז, ווערט בײַ אונדזער אײנעם אַן אמתער קעגנזײַטיקער „פֿאַרהער". זיי פֿרעגן אויס בײַ אונדז אַלץ, וואָס זיי אינטערעסירט און מיר דערוויסן זיך דערווײַל דערפֿון אויף ווי ווײַט עס גרייכן זייערע אינפֿאָרמאַציעס, וואָס — און אָפּטמאָל אויך ווי אַזוי — זיי ווייסן וועגן אונדז, וואָס פֿאַר אַ שטראָף אונדז שטייט פֿאָר און אַזוי ווײַטער.

מיר זיצן שוין אַ פּאָר וואָכן און ווייסן לחלוטין נישט אין וואָס אייגנטלעך מיר ווערן באַשולדיקט, וואָס ווייסט די „אָכראַנע" וועגן אונדז און ווער איז דער דירעקטער גורם פֿון אונדזער אַרעסט. וואָלט שוין געווען דער „פֿאַרהער", וואָלט שוין די זאַך אַ ביסל קלאָרער געוואָרן, וואָלטן מיר געוווסט, ווו מיר האַלטן אין

דער וועלט. אַזוי אָבער איז נישטאָ פאַר וואָס זיך אָנצוכאַפּן, נישטאָ קיין פּאָדעם, נישטאָ קיין פּערספּעקטיוו פאַר דער צוקונפט.

ענדלעך איז די געגאַרטע שעה געקומען: מען רופט מיך אויף אַן אויספאָרשונג. איך בין נישט געגאַנגען, נאָר ממש געלאָפן, גלייך ווי מען וואָלט מיך געפירט צו באַפרייען. ס׳איז אָבער נישט געווען ווייט צו גיין. טאַקע אויפן זעלבן הויף, אין דער דירה פון דער „אָכראַנע״.

מען פירט מיך אַריין אין אַ צימער, מעבלירט מיט אַ פּאָר דעמבאָווע שרייבטישן, באַצויגן מיט גרינעם געוואַנד, אַרומגעשטעלט מיט עטלעכע נידעריקע ווייכע טאַבורעטקעס באַדעקט מיט פּלוש, אַ געוויינלעכער קאַנצעלאַריע־צימער! אין נאָז אָבער האָט מיר אַ קלאַפּ געטון אַ ספּעציפישער ריח, וואָס טראָגט זיך געוויינלעך פון די אָכראַנע־קאַנצעלאַריעס, אַ ריח, וועלכן ס׳איז שווער צו באַשרייבן אין ווערטער, וועלכן יעדער אָבער פּלעגט פּיקן בחוש, ווען ער פּלעגט איבערטרעטן די שוועל פון דער דאָזיקער „זויבערער״ אינסטיטוציע.

אויך דאָס מאָל האָט מיר אָנגעהויבן ממש פיזיש צו איבלען און ס׳האָט זיך מיר פאַרדרייט דער קאָפּ. איך געפין זיך דאָך איצט אין רשות־היחיד פון באַרימטן תּליון גרין! איז מיר איינגעפאַלן אַ געדאַנק: דאָ ווערן דאָך אַזוי פיל מענטשן געפייניקט און געמאַטערט; דאָ ווערן אַזוי פיל ברענענדיקע יסורים אָפּגעטון איבער די געפאַנגענע; דאָ איז דאָך די אמתע פּאָליטישע אינקוויזיציע פון אונדזער צייט!

פון ביידע זייטן צימער שטייען האַלב אָפענע טירן. יעדע ווייַלע קוקן אַריין צו מיר עפּעס אַזעלכע שטילע, געהיימנישפולע, שלייכנדיקע געשטאַלטן; זיי רוקן אַריין זייערע געזיכטער, שטעלן אויס אויף מיר אַ פּאָר אויסגעשטאַרצטע אויגן און פאַרשווינדן תּיכּף. מיר דוכט זיך, אַז דורך די האַלב פאַרמאַכטע טירן דערגייען צו מיר פון ערגעץ ווייט פאַרשטיקטע, אוממענטשלעכע קולות; מיינע אָנגעשפּיצטע אויערן פאַרנעמען פון ערגעץ שטילע זיפצן; אימעצער בייזוערט זיך אין שכנות. אימעצער כליפּעט אויפן קול און איך פאַרליר מיין רויִקייט, איך הייב אָן זיך שטאַרק צו דענער־

ווירן. וואָס קומט דאָרט פאָר? וואָס האַלטן זיי מיר אַזוי לאַנג אין התבודדות-שטיבל?

נאָך שעהן לאַנגן וואַרטן באַווייַזט זיך בייַ מיר אין צימער אַ יונגער, בלאָנדער אָפיצירל מיט אַ גוטמוטיק פּנים, און אַ בערדל, געשוירן ווי בייַ ניקאָלייַ דעם צווייטן און פאַרבעט מיך זיצן. ער הייבט אָן, ווי דער שטייגער, פון פאָרמעלע פראַגן: נאָמען, פאַמיליען-נאָמען, קרובים אד״ג. איך רוף זיך אָן אַלס סוחר ליבמאַן. דאָס מאַכט נישט אויפן גלייַכגילטיקן פּנים פון מייַן אויספאָרשער קיין שום איינדרוק. הייסט דאָס — אַז זיי ווייסן נישט מייַן אמתן נאָמען. נאָך דעם פרעגט ער אַזוי כּלאחר-יד וועגן דער פאַרזאַמלונג, הערט אויס זייער מיד און אַפּאַטיש מייַנע דערקלערונגען און הייסט מיר אונטערשרייַבן דעם פּראָטאָקאָל. דאָס אַלץ! גאָר נישט דערגאַנגען, גאָר נישט אויפגעקלערט, די זעלבע אומקלאָרקייַט, ווי פאַרן פאַרהער.

אויף דעם זעלבן שטייגער זענען אויסגעפרעגט געוואָרן די איבעריקע פאַרהאַלטענע אויף טעפּליצקיס דירה. נישט מען האָט זיי עפּעס געזאָגט, נישט מען האָט פון זיי געוואָלט עפּעס דערגיין.

מיר האָבן דאָס אויסגעטייַטשט פאַרשידנאַרטיק: אייניקע, די אָפּטימיסטן צווישן אונדז, האָבן געמיינט, אַז דער „אָכראַנע״ גייען מיר איצט מיט אונדזער „האַלבלעגאַלער״ אַרבעט זייער ווייניק אָן, זי האָט איצט גרעסערע קאָפּדרייעניש: די פּ. פּ. סישע „באָיעוויקע״, די אַנאַרכיסטישע עקספּראָפּריאַציעס, די שטענדיקע טעראָריסטישע אָנפאַלן אויף זשאַנדאַרן און מיליטער אד״ג. מאַכט זי דעריבער טאַקע מיט אונדזער פאַרזאַמלונג קיין גרויס מחזקות און זי וועט אונדז אַלעמען גיך אַרויסלאָזן אויף דער פרייַ.

די פּעסימיסטן דאַקעגן האָבן געטענהט, אַז דער דאָזיקער „פאַרהער״ דערווייַזט דווקא דעם היפּך: די „אָכראַנע״ ווייסט גאַנץ גוט דעם אמת, ווער מיר זענען. זי האָט שוין וועגן אונדז אַ פעסטגעשטעלטע מיינונג און האָט שוין אויך באַשטימט אונדזער גורל. ווייל זי דערפאַר מיט אונדז קיין סך נישט רעדן, האָט זי איבערגעגעבן אַן אָפּיצירל דורכפירן פאָרמעל די אויספאָרשונג און

אונדזערע „פּאַפּירן" זענען שוין געוויס אונטערגעשריבן און גע־חתמעט.

די לעצטע השערה איז געוואָרן אין אַ פּאָר טעג אַרום קרעפּטיקער דורך אַ נײַעם פֿאַקט. אין אַ הייסן זומער־פֿאַרנאַכט האָט מען אונדז אַלע אַרויסגעפֿירט אויפֿן הויף פֿון ראַטהויז. דאָרטן זענען שוין געשטאַנען געשפּאַנט עטלעכע באַוועגלעכע תּפֿיסות: אַזעלכע גרויסע פּירקאַנטיקע אַרונות, דורכגעלעכערט בלויז מיט צוויי קליינע פּענצטערלעך־שפּאַלטן, און דאָס אויך שטאַרק פֿאַר־קראַטעוועט מיט אײַזערנע שטאַנגען. מען האָט אונדז געהייסן אַרײַנגיין אין די דאָזיקע קאַסטנס מיט אונדזער גאַנצן האַק און פּאַק, דערבײַ האָבן זיך מיט אונדז אינעווייניק און אויך מיטן פֿורמאַן בײַ דער זײַט געזעצט צו צוויי זעלנער מיט בלויזע שווערדן.

— וווּהין פֿירט איר אונדז?

די זעלנער שווײַגן, גלײַך ווי זיי וואָלטן זײַן שטומע, אָדער זיי וואָלטן קיין רוסיש וואָרט נישט פֿאַרשטאַנען. איך קוק אַרויס דורך די שפּאַרעס און כאַפּ אויף שטיקלעך, התחלות און מיטנס פֿון פֿאַרבײַלויפֿנדיקע גאַסן. דאָס פֿירט מען אונדז אויפֿן וועג צום ציטאַדעל. אַזוי האָט מען מיך מיט אַ יאָר 6 צוריק געפֿירט אין 10טן פּאַווילאָן.

פּלוצלינג רײַסט זיך איבער מיט אַמאָל דאָס שנעלע שפּרינגען, די פֿערד בלײַבן שטיין און די זעלנער באַפֿעלן: אַרויסקריכן מען טרײַבט אונדז אַלע אַרײַן מיט די קלימקעס אויף די אַקס־לען אין אַ לאַנגן, צעצויגענעם קאָרידאָר. איך קוק זיך אַרום: איבערן קאָרידאָר שטייען אויסגעשטעלט אין אַ לאַנגער שורה אַ 5-4 הויכע שטײַגן מיט אײַזערנע קראַטעס און פֿון דאָרטן קוקן אַרויס אַזעלכע משונהדיקע, אויסטערלישע געשטאַלטן. דער ערש־טער איינדרוק איז געווען: סטאַדעס געגנדז אין שטײַגן. צעגנט־ליקערווײַז דראַפּען זיי זיך פֿאַר די שטאַנגען, גרעגערן און האָלדערן אַרויס דורך די קראַטעס. אַז איך האָב זיך בעסער צוגעקוקט, האָב איך געזען, אַז דאָס זענען נאַקעטע מענטשן, צענטליקער, הונדערטער, וועלכע דער נײַגער צו זען די פּריש

אָנגעקומענע, האָט צונויף‑ און אַרויפגעטריבן אויף די טירן און אײַזערנע שטאַכעטן.

דאָס איז געווען דער „פּאַרט אַלעקסייעוו״, וווהין ס'פלעגן אַלע טאָג אַרײַנגעוואָרפן ווערן אָן אַ סיסטעם און אָן אַ סדר צענטליקער אַרעסטירטע פון פאַרשידענע קאַטעגאָריעס. דאָ פלעגט מען האַלטן אַלפאָנסן און מעסער‑שטעכער, בעטלער און צופעליק אַרעסטירטע. דאָ פלעגט מען אַוועקזעצן ערנסטע פּאָ‑ ליטישע פאַרברעכער, טעראָריסטן, וואָס פלעגן וואַרטן אויף מי‑ ליטער‑געריכט און סתם אַדמיניסטראַטיוו‑אַרעסטירטע. זיי אַלע צוזאַמען פלעגט מען אַרײַנשלײַדערן אין איין גרוב, זיי צע‑ נויפפלאָנטערן אין איין קנויל פון שמאַטעס, און נאָך דעם ביס‑ לעכווײַז, ביוראָקראַטיש שלעפּנדיק פונאַנדערסאָרטירן: ווער אויף דער פרײַ, ווער אויף דער תּליה, ווער אין פּאָליציי‑אַרעסט און ווער אויף פאַרשיקונג.

און מענטשן האָבן זיך טאַקע דאָרט, אין לאַנגע, גרוי‑ מיקע קאַזעמאַטן, איבערגעצוימט איינער פון צווייטן מיט ברעט‑ טער‑ווענט, געוואַלגערט, צונויפגעקנוילט אין ענגשאַפט, אין שמוץ, אין ברוד. מען איז געלעגן אויף ברעטערנע נאַרעס, מען איז געלעגן אונטער די נאַרעס, מען איז געלעגן אויף דער שטיינערנער פּאָדלאָגע, מען איז געלעגן בײַ דער „פּאַראַשע״ (נאַכט‑כלי), מען איז געלעגן מיט די קעפּ בײַ דער טיר; מען האָט זיך צונויפגעשטיקט, אײַנגעשרומפּט. אָבער ס'האָט אַלץ קיין אָרט נישט געקלעקט. יעדע נאַכט פלעגן זיך די אײַזערנע שטאַכעטן עפענען און אַרײַנוואַרפן אַ נײַעם קנויל אַרעסטירטע. אויף 1 באַפרײַטן פלעגט זיך יעדן טאָג באַקומען נײַע 10 אַרעס‑ טירטע. און אין די קאַזעמאַטן איז אַלץ געוואָרן ענגער און דער מענטשן‑קנויל אַלץ מער צונויפגעדרייט און צונויפגעוויקלט.

אין איינעם פון די דאָזיקע קאַזעמאַטן זענען מיר אויך אַרײַנגעוואָרפן געוואָרן מיט אונדזער ביסל בעבעכעס.

* *
*

איצט ערשט, אין דער ענגער, שמוציקער, און אומגע‑

לומפּערט כאַאָטישער קאַזאַרמע, האָב איך דערזען, ווי נײטיק ס'איז אַ רעזשים אין תּפיסה. מעג זײַן דער שטרענגסטער, דער שווערסטער, אָבער דאָך אַ געוויסער סדר, פּאָרט אַ באַשטימט סיסטעם. צום האַרבסטן רעזשים קאָן זיך אַ מענטש צופּאַסן, ער קאָן אַרײַנבלאָזן אַן אָטעם פון לעבן אין די צוגעטראַכטע פּאַפּיר־אינסטרוקציעס. דאָ אָבער האָבן מיר קיין רעזשים נישט. מיר לעבן אין אַן אייביק טומלדיקן גיהנום. שטענדיק צופּעליק, אַלע טאָג עפּעס אַנדערש. ריכטיקער געזאָגט, האָבן מיר דאָ יעדן טאָג אַ נײַעם רעזשים און דאָס איז דאָס שווערסטע, דאָס פּײַנלעכסטע פון אַזעלכע תּפיסות.

אַלע טאָג צוועלף אַזייגער טוישט זיך דער זעלנער־קאַראַול. איינער גייט אַוועק און אַ צווייטער נעמט אונדז איבער אין זײַן רשות אויף אַ מעת־לעת. און יעדער קאַראַול מיט זײַן עלטסטן שטעלט אײַן אַזאַ רעזשים, ווי אים געפעלט. אַ צײַט איז דעמאָלט געווען אַ כאַאָטישע, די זעלנער־מאַסע איז געווען אַן אויפגעברויזטע, אַ שטורמישע, אַ געמישטע. האָט דער דאָזיקער כאַאָס, פיל־פּנימדיקײַט און סיסטעמלאָזיקײַט טאָג טעגלעך אויסגעדריקט זיך אויך אין אונדזער „רעזשים".

הײַנט קומען צו אונדז פאַר אויפזער די „וואָלינצעס" און ס'ווערט אומדערטרעגלעך דער מעת־לעת: די זעלנער זענען בייז, אויפגערייצט, די שמירה טרעט נישט אָפּ פון טיר, נגישות פאַר יעדער קלייניקײַט, מען טאָר קיין הויך וואָרט נישט אַרויסברענגען; דער אָפיציר דראָט מיט שיסן, די זעלנער שטורכען מיט די ביקסן — אַ פּראָוואָצירנדיקע אויפפירונג; מאָרגן קומט שוין אַ נײַער פּאַטרול פון אַרטילעריע אָדער סאַפּיאָרן, און אַלץ ענדערט זיך ראַדיקאַל. די זעלנער זענען אַלע „חברים", דעקלאַרירטע סאָציאַליסטן, מענשעוויקעס, באָלשעוויקעס, סאָצ־רעוואָלוציאָנערן; די אָפיצירן זענען „סימפּאַטיקער" און ס'גייט אַוועק אַ מעת־לעת אין חברישע געשפּרעכן, דיסקוסיעס, רעפעראַטן, גלײַך ווי מיר וואָלטן נישט זײַן קיין אַרעסטאַנטן און זיי אונדזערע היטער, נאָר אַלע האָבן מיר זיך צונויפגעטראָפן ערגעץ אויף אַ קאָנפערענץ, ווו מיר פאַרברענגען חבריש דעם טאָג.

אין יענעם טאָג עפענען זיך די אײַזערנע טויערן פון אונדזערע גריבער, מען לאָזט אונדז אַרויס אויפן קאַזאַרמע־הויף באַוואַקסן מיט אַזאַ גרינעם, ווייכן גראָז; דער הימל איז אַזוי העל־בלוי, די זון וואַרעמט אַזוי רחבותדיק ברייט און מיר ליגן שעהן לאַנג אויפן גראָז מיט חברים פון קיגעשמאַ, מאָסקווע און פעטערבורג און פירן געמיטלעכע, אָדער פּאָליטישע שמועסן.

אויף מאָרגן אָבער — אַ נײַער פּאַטרול, טאַטערן אָדער אַנדערע האַלב אַזיאַטישע זעלנער. זיי באַגייען זיך מיט אונדז, ווי מיט די גרעסטע פאַרברעכער און לאָזן אונדז אין אונדזער קאַמער פון אויג נישט אַראָפּ, אַלץ מיט אַזאַ ירגזון, מיט קולות און זידלערײַען. איר פּרובירט מיט זיי אַרײַנטרעטן אין אַ געשפּרעך, איר באַמיט זיך זיי מאַכן ווייכער, צולאָזיקער, אָבער זיי פאַרהוקן אײַך מיט אַ „מען טאָר נישט!״ זיי לאָזן צו זיך נישט צו, אָדער אין אַ זעלטענעם פאַל רײַסט זיך בײַ איינעם פון זיי אַרויס: „און פאַר וואָס שיסט איר אין אונדז אין די גאַסן?״...

ס'איז כאַראַקטעריסטיש, אַז די אייגענע שאלה פלעגן אונדז פאַרגעבן אויך די „אַגיטירטע״ זעלנער, די סאָציאַליסטן. דאָס איז בײַ זיי געווען די אַקטועלסטע פראַגע. די פּ. פּ. סישע „באָיוווקע״ פלעגט דעמאָלט שיסן בלינדערהייט אין די פּאַטרולן אויף די ראָגעס און דאָס האָט שטאַרק אויפגערייצט און בייז געמאַכט די זעלנער. דאָס האָט פאַרשווערט די רעוואָלוציאָנערע פּראָפּאַגאַנדע צווישן מיליטער. „וואָס זענען מיר זעלנער שולדיק? — פלעגן זיי טענהן: מיר אַליין זענען דאָך אויך אומצופרידן מיט דעם אַלעם. מיר זענען אין גאַנצן מיט אײַך. קומען אײַערע און שיסן אין אונדז, ווי אין פייגל״. די זעלנער האָבן אונדז דערציילט, אַז ס'זענען דערמאָרדעט געוואָרן אין וואַרשע אויף די פּאָסטנס אייניקע סאָציאַליסטן, וואָס פלעגן אָנפירן מיט דער פּראָפּאַגאַנדע צווישן מיליטער.

מיט אַ וואָך פאַר אונדזער אָנקומען אין פאָרט איז דאָרט געשען אַזאַ מעשה: ס'האָט גראָד אין יענעם טאָג געהאַלטן וואַך אַ פּאַטרול פון די וואָלינצעס. דער אָפיציר איז געווען אַ

שרעקלעכער אויסוווּרף און האָט אָנגעטון די ברענענדיקסטע יסורים די פּאָליטישע אַרעסטירטע. נאָר פּאַרפאַלן, כּל־זמן ער איז אויף דער וואַך איז ער דער אומבאַשרענקטער הערשער איבער די אַרעסטאַנטן און ס׳איז קעגן אים גאָרנישט צו מאַכן. אויף מאָרגן צוועלף, ס׳קומט אַ נײַע וואַך, ווען די אַלטע גיט איבער די אַרעסטאַנטן. דאָ האָט אונדזער קאַמער באַשלאָסן צו געזעגענען זיך מיטן נעכטיקן פּאַטרול. ווען יענער איז אַרויס פון דער קאַזאַרמע, האָבן אַלע צענטליק אַרעסטירטע פון אונדזער קאַמער אים באַגלייט מיט אַ שטאַרקער קאַצמוזיק: אַ געקוויטש, אַ געשריי, אַ פּײַפערײַ. די וואַלינצאַס זענען נישט פויל, זיי קערן זיך אום צוריק מיט זייער אָפיציר. יענער באַפעלט דעם נײַעם פּאַטרול אויפצושליסן די קאַמער, הגם ער האָט שוין איצט קיין שום שליטה נישט געהאַט. צום אומגליק האָט זיך דער נײַער פּאַטרול דערשראָקן פאַר די וואַלינצאַס און די קאַמער געעפנט.

— ווער האָט געשריגן ? — דונערט דער אָפיציר צאָרנדיק. קיינער ענטפערט נישט.

— די גאַנצע קאַמער זאָל זיך שטעלן אויף די קני און בעטן מחילה! — גיט ער אַרויס אַ באַפעל. די „קרימינעלע" קוועקלען זיך אַביסל, בייגן פאַרט זייערע קני אונטער די קלעפּ פון די זעלנער. די „פּאָליטישע" אָבער בלײַבן שטיין גלײַך. און דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אַ שרעקלעכע הריגה. די זעלנער האָבן זיך געוואָרפן אויף זיי מיט די ביקסן, זיי געצווונגען מיט געוואַלט זיך בוקן. יענע האָבן זיך נישט געלאָזט, האָט מען זיי געשלאָגן מכּות־רצח. אייניקע האָט מען אַזוי צעשלאָגן די ברוסט און לונגען, אַז געפערלעך קראַנקע האָט מען זיי שפּעטער געמוזט אָפּפירן אין שפּיטאָל. די קולות זענען געווען מוראדיקע.

— אָט האָבן מיר זיך מיט אײַך געזעגנט! — מיט די דאָזיקע ווערטער האָט דער אָפיציר פאַרענדיקט די הריגה און איז אַוועק מיט זײַנע זעלנער אין די קאַזאַרמעס. שפּעטער איז געקומען די העכערע „נאַטשאַלסטוואָ" פון פעסטונג. מען האָט צונויפגעשטעלט אַ פּראָטאָקאָל, אַלץ געניוי פאַרשריבן, און די זאַך האָט

זיך פאַרענדיקט מיט גאָר נישט. אויף אַ קורצער צײַט בלויז האָט מען אונדז אויפגעהערט צו שיקן אַהער די וואַלינצעס.

בכלל זענען מיר יעדן פרימאָרגן נישט געווען זיכער מיט וואָס דער טאָג וועט זיך ענדיקן. ס'נעמט איבער די וואַך אַ נײַער פּאַטרול, דער אָפיציר — אַ ליבנסווירדיקער, אַ רעדעוודיקער, ער שטעלט זיך אַוועק בײַ די שטאַכעטן פון אונדזער קאַזעמאַט און פאַרפירט אַ וויכוח וועגן פּאָליטיק, פילאָזאָפיע, עסטעטיק. וועגן וואָס רעדט נישט אַ רוסישער אינטעליגענט? די מחיצה צווישן פאַרשלאָסענעם מענטשן אין שטײַג ווערט אָפּגערוימט. דאָס איז צעגייט. ס'ווערט גרוימער, היימלעכער, די נערוועזע אָנגעשטרענגט־קײַט לאָזט אָפּ, מען אָטעמט אַביסל פרײַער, ס'ווערט געמיט־לעכער.

פּלוצלינג, אין אַ פּאָר שעה אַרום — שרעקלעכע קולות אויפן קאָרידאָר: דער אייגענער פילאָזאָפירנדיקער אָפיציר לויפט איצט אַרום פאַר די קאַזעמאַטן מיט אַ רעוואָלווער אין האַנט, די אויגן זענען אים פאַרלאָפן מיט בלוט, און שרייט און דראָט: איך וועל אײַך ווי די הינט צעשיסן! וואָס איז געשען? ס'ווייזט זיך אַרויס, אַז דער דאָזיקער רוסישער אינטעליגענט קרענקט נישט נאָר אויף פילאָזאָפיע און גריבלערײַ, נאָר אויף אַ צווייטע רוסישע חולאת: שכרות. ער האָט פאַר דער צײַט צו שטאַרק זיך צוגע־כאַפּט צום ביטערן טראָפּן, האָט גענומען אַ פּאָר איבעריקע כּוסות, און איצט איז אים באַפאַלן אַ בייזקײַט־שגעון; אַ רעוואָלווער בײַ דער זײַט טראָגט ער, פאַרשלאָסענע, הילפלאָזע מענטשן זענען מיר, לאָזט ער אויס זיין גאַנצן שכורן צאָרן צו אונדז. און ס'האָט זיך געפאָדערט געװנוג אײַנגעהאַלטנקײַט און אָנגעשטרענגטע קאַלט־בלוטיקײַט פון אונדזער זײַט, כּדי דער דאָזיקער הפקר־מענטש זאָל זײַנע דראָונגען אין דער אמתן נישט אויספירן.

באַזונדערס איז מיר עד־היום פאַרבליבן אין זכרון אַזאַ סצענע: ס'איז געווען איינער פון די „פרייע" יום־טובדיקע טעג אין אונדזער גרוב. די זעלנער זענען אַלע געווען „באַוווסטזיניקע", מען האָט אַ גאַנצן טאָג פאַרבראַכט אויפן הויף, מען האָט זיך אָנ־דיסקוטירט אויף פאַרשידענע טאַקטישע פראַגן, מען האָט זיך

אויסגערעדט איינער דעם צווייטן דאָס האַרץ, מען האָט זיך געפילט זייער אויפגעלייגט.

ביז שפּעט אין אָוונט האָבן נאָך געדויערט די געשפּרעכן צווישן אונדז און די זעלנער. ס'האָט געצויגן איינע צו די צווייטע און ס'האָט זיך נישט געוואָלט גיין שלאָפן. ווי אָנגעקלעפּטע פליגן זענען מיר געהאָנגען גרופּעסווײַז איבער די שטאַכעטן פון איין זײַט, און פון יענער זײַט טיר זענען געשטאַנען אונדזערע וועכטער, די ביקסן פאַררוקט אין אַ ווינקל, און זיך צוגעהערט אָדער דערציילט מיט אַ גלאַנץ אין די אויגן, מיט וואַרעמקײַט אין דער שטים. שפּעט בײַ נאַכט ערשט זענען מיר זיך פונאַנדערגעגאַנגען צו אונדזערע געלעגערס. אוממענטשלעכע קולות וועקן מיך אויף פון שלאָף: ערגעץ שרײַט מען מיט אַ שרעקלעך געוויין.

אַלע מײַנע שכנים שפּרינגען אַראָפּ פון זייערע געלעגערס, מיר זענען אַלע מבולבל, בלאַס, צעמישט. מיר לויפן צו צו די טירן און הייבן זיי אָן צו רײַסן מיט אונדזערע לעצטע כּוחות; די אײַנגעדרימלטע זעלנער כאַפּן זיך פאַר די ביקסן און שטעלן זיי אָן אויף אונדז; מיר שרײַען, יענע גרייטן זיך צום שיסן; קיינער ווייסט נישט, וואָס דאָ קומט פאָר, מיט וואָס דאָס וועט זיך ענדיקן. אין מיטן דער בהלה לויפט אַרײַן דער עלטסטער און באַפעלט פלינק די זעלנער, זיי זאָלן אַוועקלייגן די ביקסן, דערנאָך לויפט ער אונדז באַרויקן. „די כּלבים, די קאָזאַקן!" — שרײַט ער און דערציילט עפּעס אין אײַלעניש.

די קולות פון הויף זענען שוין אַנטשוויגן, אַן אָנגעשטרענגטע שטילקײַט זשומעט אין דער גאַנצער תּפיסה. דאָס בלוט בלויז זידט הויך בײַ יעדן איינעם. מיר וואַרטן. און אָט עפענען זיך די טירן און מען הייבט אָן אַרײַנצווואַרפן צו אונדז בלוטיקע קנוילן; אַלע אַזוי צעמזיקט, אַזוי צעבלוטיקט, קיין איין גאַנצער אבר איז נישטאָ בײַ קיינעם. קינדער, יינגע בחורימלעך, עלטערע מענטשן, ייִדן, קריסטן — אַלע צונויפגעפּלאָכטן, צונויפגעדרייט אין איין בלוטיק רויטן קרענצל. פאַרוואָס האָט מען זיי אַרעסטירט? זיי ווייסן נישט. מען האָט אַרומגעצוימט די גאַסן, זעלנער האָבן זיי

געכאַפּט פון אַלע זײַטן און געשלאָגן, געשלאָגן באַלד אויף דער גאַס, געשלאָגן אין די פּאָליציי־צירקלען און שוין דאָ פאַרן טויער האָבן די קאָזאַקן, וועלכע האָבן זיי אָפּגעפירט אַהער, זיך געוואָרפן אויף זיי מיט די נאַגייקעס און געשמיסן איבער די קעפּ, איבערן פּנים, איבערן לײַב. ווען נישט אונדזער פּאַטרול, וואָס איז אַרויסגעלאָפן מיט די ביקסן קעגן די קאָזאַקן און די אַרעסטירטע מציל געווען, וואָלטן זיי שוין קיין לעבעדיקע נישט אַרויס פון אונטער זייערע פאָכנדיקע נאַגייקעס.

אויף מאָרגן ערשט האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז נעכטן האָבן די פּעפּעעסישע טעראָריסטן געוואָרפן אַ באָמבע אויפן גענעראַל־גובערנאַטאָר סקאַלאָן. די שולדיקע זענען באַלד אויפן אָרט נישט אַרעסטירט געוואָרן, דערפאַר האָט מען זיך נוקם געווען אָן די דורכגייער, און באַזונדערס איבער די, וועלכע מען האָט געטראָפן אין די יידישע גאַסן. דאָס איז געווען דעם 18טן אויגוסט 1906.

*   *
*

שוצלאָזע, פאַרשלאָסענע, האָבן מיר דאָך געהאַט נישט איין מאָל די געלעגנהייט זיך נוקם צו זײַן, נוקם צו זײַן האַרט און בייז אָן דער יעניקער זעלנערוואַך, וואָס פלעגט זיך מיט אונדז באַגיין מיט אַ באַזונדער רשעות. דאָס אין געווען — לויפן פון דאָרטן. אייגנטלעך, לויפן אָן דער הילף פון די זעלנער, איז געווען אויסגעשלאָסן, ממש אוממעגלעך. פלעגן אונדז טאַקע דערין בײַהילפיק זײַן די פּאַטרולן, וואָס זענען באַשטאַנען פון חברים׳ אָדער אַפילו אַזעלכע „נייטראַלע”, וואָס פלעגן זיך קוואַפּן אויף אַ שיינער מטבע.

דאָס פלעגט פּאָרקומען אַזוי: זיי פלעגן אַרויסרופן שפּעט בײַ נאַכט די פּערזאָן, וואָס האָט באַדאַרפט זיך אַרויסבאַקומען פון דאַנען, (און לויפן פלעגן נאָר אַזעלכע, וועמען ס׳האָט געדראָט זייער אַ שטרענגע שטראָף) פלעגן אים מיטגעבן אַלס באַגלייטער צוויי זעלנער, וועלכע האָבן אים געפירט איבער די גאַסן כלומרשט

אַלס אַרעסטירטן, און אויף אַ זיכערן אָרט פלעגן אים יענע אָפּלאָזן.

כדי אָבער דאָס זאָל אויף מאָרגן נישט אויפגעדעקט ווערן בײַם נײַעם פּאַטרול, פלעגן מיר זיך אַזוי אײַנאָרדענען: די נײַ אָנגעקומענע וואַך פלעגט גיין פון איין קאַזעמאַט אין צווייטן און ציילן די אַרעסטירטע. זי האָט באַדאַרפט איבערנעמען פון דער נעכטיקער וואַך אַזוי פיל און אַזוי פיל אַרעסטאַנטן, און אונטערשרײַבן זיך אין דער קבלה. איין קאַזעמאַט פון צווייטן איז געווען בלויז איבערגעצוימט מיט ברעטער, וועלכע ס'איז געווען לײַכט פונאַנדערצונעמען. אין פאַל, ווען מיר האָבן געוואָלט פאַרבאַהאַלטן פאַר דער נײַער וואַך דאָס פעלן פון דעם געלאָפענעם, פלעגט איינער געשווינד איבערגיין דורך אַ פונאַנדערגענומענער ברעט פון אַ געציילטן קאַמער אין דעם שכנותדיקן, וועלכן מען האָט זיך געקליבן צו ציילן, און דער מספּר פלעגט שטימען. אַזוי האָט געקאָנט האַלטן אַ פּאָר וואָכן. פאַר דער צײַט פלעגן שוין נעלם ווערן אַ פיר-פינף „געפערלעכע פאַרברעכער" און קיינער האָט זיך אויף דעם נישט געכאַפּט. דעמאָלט ערשט, ווען מיר פלעגן זיך וועלן נוקם זײַן אָן אַ פּאַטרול, וואָס האָט אונדז באַזונדערס אוממענטשלעך באַהאַנדלט, פלעגט יעדער אויף מאָרגן בײַ דער נײַער וואַך, בלײַבן זיצן בײַ זיך אין זײַן קאַמער. מען ציילט איין מאָל — דער סך-הכל שטימט נישט; נאָך אַ מאָל — ס'פעלן פינף אַרעסטאַנטן. די נעכטיקע וואַך ווערט שוין אויפגעבראַכט: מען שיקט אונדז אַרויס אײנציקווײַז פון צימער און מען ציילט אונדז, ווי אַ פּאַסטוך זײַנע שעפּסן, — ס'העלפט פאָרט נישט. דער נעכטיקער פּאַטרול האָט זיך אונטערגעשריבן אויף אַזוי פיל אַרעסטאַנטן, און הײַנט פעלן פינף. הייסט עס, אַז די פינף זענען געלאָפן אין לעצטן מעת-לעת. ס'ווערט אויפן אָרט צונויפגעשטעלט אַ פּראָטאָקאָל און די גאַנצע וואַך, צוזאַמען מיטן אָפיציר ווערן איבערגעגעבן צום געריכט. די האָפערדיקע, בייזע זעלנער מיטן אָפיציר, וואָס טראָגט דעם צייכן פון אַ שוואַרצמאהדיקן פאַראיין אויבנאויף, גייען אַוועק צעבראָכן, מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, און די אויגן בײַ די אַרעסטירטע פינקלען מיט אַ באַזונדער שײַן פון נקמה און נצחון צוזאַמענגעמישט...

לויפן פון פאַרט פלעגט מען קאָנען אויף נאָך אַן אופן: אַזוי ווי די וואָך פלעגט זיך טעגלעך טוישן, האָבן די וועכטער נישט געקאָנט קיינעם פון די אַרעסטירטע אין פנים. בײַ נאַכט פלעגט מען קומען אויסרופן, ווער ס׳גייט אויף דער פרײַ. פלעגן די, וואָס האָבן געקאָנט דערוואַרטן אַן ערנסטע שטראָף, אָפּרעדן מיט די צופעליק אַרעסטירטע, אַז זיי זאָלן זיך טוישן מיט די נעמען. דער ערנסטער „פאַרברעכער" פלעגט זיך אָנרופן מיטן נאָמען פון אויסגערופענעם און ווערן באַפרײַט. דער צופעליקער פלעגט פאַרבלײַבן זיצן און אָנהייבן צו פאַרוואַרפן מיט אָנקלאַ־געס די אינסטאַנצן, הלמאי האַלט מען אים.

פלעגן די אינסטאַנצן אַראָפּשיקן שליחים, אויסצופאָרשן, פאַר וואָס ס׳זיצט נאָך אַזעלכער, בעת ער דאַרף זײַן אויף דער פרײַ. אין קאַנצעלאַריע אָבער איז ער שוין געווען אַרײַנגעטראָגן אין די ביכער פון די „אַוועקגעגאַנגענע". פלעגט זיך פאַרפירן אַ חקירה־ודרישה, ווי אַזוי דאָס איז געשען, ווען מען האָט מען אויף זײַן אָרט באַפרײַט. דער „געליטענער" פלעגט געוויינטלעך טענהן, אַז ער איז שטאַרק געשלאָפן און ער ווייסט פון גאָר נישט. סוף־כּל־סוף פלעגט מען אים אויך מוזן באַפרײַען און דעם גאַנצן ענין פאַררײַבן.

אַזעלכע מעשיות זענען פאָרגעקומען אַ היפּש ביסל, ביז מען האָט זיך געכאַפּט און פאַראָרדנט, אַז מען זאָל נישט באַ־פרײַעןביים טויער, ווי ביז איצט, נאָר פריִער אָפּפירן אין די פּאָליציי־צירקלען, וווּ די באַטרעפנדיקע פערזאָנען זענען גע־מאָלדן און דאָרטן פעסטשטעלן, ווער זיי זענען. נאָך אַזאַ פאַראָר־דענונג זענען אייניקע מאָל דורכגעפאַלן די קאָמבינאַציעס מיטן טוישן זיך און זיי זענען ביי אונדז אַראָפּגענומען געוואָרן פון סדר־היום.

בדרך־כּלל פלעגט דאָס אויסרופן „אויף דער פרײַ" פאָר־קומען יעדן טאָג שפּעט אין אָוונט. נישט איין אַרעסטירטער פלעגט ליגן גאַנצע טעג אויף זײַנע ברעטער, אָדער אויף דעם שטרוי און געגאַרט, ממש געחלומט וועגן דער מינוט, ווען ער וועט זײַן נאָמען דערהערן בײַ דער טיר. האָבן מיר די דאָזיקע

„שוואַכקייט‟ צו דער פרייהייט פאַרוואַנדלט אין אַ שפּאַס פאַר זיך, אין אַ ציל־פּינטל פאַר אונדזער חוזק.

מען פלעגט געוויינלעך אויסקלייבן דווקא די יעניקע, וואָס האָבן שטאַרק געבענקט נאָך דער פריי. פלעגן שטענדיק ביי טאָג אַלעמען דערעסן מיט זייערע קינות פון קלאָגמוטערס; זיי פלעגט מען פלוצלינג אין מיטן דער נאַכט אויפוועקן: „מען רופט אויס! אייער פאַמיליען־נאָמען?‟ יענע פלעגן האַסטיק אַ שפּרונג טון צו דער טיר, פלעגן אַפילו כאַפּן זייערע טלומאָקעס און שוין זיין פיקס און פאַרטיק אין וועג אַריין. ביי דער טיר אָבער פלעגט דער וועכטער זיי אויסזידלען און הייסן גיין שלאָפן. אַראָפּגעפאַלן, אַנטוישט, פלעגן זיך יענע אומקערן צוריק אויף זייער געלעגער, קראַצנדיק זיך בערוועז, און די אַלע איבעריקע פאַרשפּאַרטע פלעגן בעת מעשה האַלטן זיך ביי די זייטן פון געלעכטער.

ביכער און צייטונגען זענען אין דעם דאָזיקן לאָך געווען שטרענג פאַרווערט. זענען מיר משוגע געוואָרן פון בטול, אומזיכערקייט און אויסזיכטלאָזיקייט. פלעגן מיר זיך אָנכאַפּן פאַר יעדע קלייניקייט, וואָס פלעגט אונדז צושטרייען, פאַרטומלען, פאַרטרייבן די געדאַנקען. מען פלעגט אויסטראַכטן אַלערליי שפּילן, אָבער אַזוי ווי די איינוווינערשאַפט איז געווען אַ געמישטע, איר אינטעלעקטועלער מצב אַ פאַרשיידנדאַרטיקער, פלעגן די שפּילן זיין צוגעפּאַסט צום דורכשניטלעכן עולם: פּרימיטיווע, טומלדיקע שרייענדיקע.

מען קאָן נישט זאָגן, מיר פלעגן האָבן ליכטיקע רגעס אויך. אין אָוונט. די נאַכטזופּ איז שוין אויפגעגעסן. דאָס קליינע נאַפּטלעמפּל הענגט אויף דער וואַנט און וואַרפט אַ בלאַסן שיין אויף די מידע, טונקעלע שאָטנס פון די נאַרעס. אַ טייל, מער טומלדיקע און פאַרשפּילטע, ליגן שוין אויף זייערע געלעגערס און דרימלען פון מידקייט. דעמאָלט פאַרקלייבן מיר זיך אַ גרופּע „בונדיסטן‟ און אַנדערע „פּאָליטישע‟ אויף אונדזערע נאַרעס ביי דער מזרח־וואַנט (די קרימינעלע אַליין פלעגן אונדז מיט דרך־ארץ אָפּטרעטן) און אונדזער זינגער טעפּליצקי, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ ווייכן טענאָר, הייבט אָן אַ נגון פון אַן אַריע. צום

אָנהייב אַזוי שטיל, אַזוי בנעימותדיק, אַזוי ווי עפּעס אַ תּפילה בלחש. מיר אַלע שטרענגען אָן אונדזער געהער און כאַפּן אויף די צאַרטע קלאַנגען. באַלד אָבער צעגיסט ער זיך העכער, נעמט אַלץ שטאַרקערע אַקאָרדן און לאָזט זיך פונאַנדער אויפן גאַנצן קול. פאַרחידושט הייבן זיך אויף די קרימינעלע פון זייערע געלעגערס און פאַרנעמען די דאָזיקע מאָדנע קלאַנגען אין אונדזער טומלדיקן גיהנום; פאַרגאַפטע בלײַבט שטיין דער מענטש מיט דער ביקס בײַ דער טיר און שווײַגט, ווי דער זינגער וואָלט אים פאַרכישופן מיט זײַנע קלאַנגען. און מיר? מיר טראָגן זיך בעת מעשה אַוועק פון דאַנען הער, ווײַט, ווײַט, אין אַן אַנדער וועלט, אין אַנדערע ספערן, אין אַ מלוכה פון האַרמאָניע און לײַטזעליקײַט. מיר געדענקען נישט אָן אונדזער גרוב, מיר שוועבן אין לופטיקע, קאָלירן־פאַרביקע וועלטן.

— וואָס האָט איר זיך דאָרט אַזוי אויפן האַלדז צעשריגן? — הערט זיך פלוצלינג אַ בייזער ירגזון פון טיר. דאָס האָט זיך אונדזער וועכטער אויפגעכאַפּט פון זײַן כּישוף. און מיט אים צוזאַמען איז צוריק אויפגעשטאַנען אונדזער גאַנצער גיהנום. דער זעלבער שרײַט, אונדזערע רײַסן זיך מיט אים אַרום: „צערבער!" „תּליון!" ער ענטפערט: „רוצחים! איך וועל שיסן!" — פון אַ ווײַטער הויך זענען מיר אַראָפּגעפאַלן אין אונדזער טיפן גרוב, ווו אונדז איז באַשערט צו וואַלגערן זיך און פּײַניקן, פּײַניקן און באַברען זיך אָן אַ סוף, אָן אַן אויסזיכט...

# אַהין און צוריק

קיין שום לעגאַלע פאַרבינדונגען מיט דער אויסערלעכער וועלט זענען צו אונדז נישט דערלאָזן געוואָרן, קיין שום „זעונ־גען", קיין שום בריוו אַפילו. בלויז 2 מאָל אין וואָך פלעגט מען צונעמען פאַר דעם טויער פון פעסטונג „וואַלוווקעס" — מתנות פון דער פריי פאַר די אַרעסטירטע.

אָבער שוין באַלד אויף דער צווייטער וואָך האָבן זיך איינגעשטעלט רעגולערע פאַרבינדונגען צווישן אונדז און „דער פרייהייט". אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָט מען אויסגע־רופן מיין נאָמען און מיך געשיקט צום פעלדשער. מיר איז דאָס אַפילו געווען אַ שטיקל חידוש, פון וואַנען ווייסט יענער, אַז איך בין נישט מיט אַלעמען. דער מיליטער־פעלדשער אָבער האָט נישט געמאַכט מיט מיר קיין איבעריקע שהיות, האָט מיר כמעט ווי מיט געוואַלט אַריינגערוקט דעם טערמאָמעטער אונ־טערן אָרעם און דערביי שטאַרק צוגעדריקט. „אַ כתיבהלע פון אייערע" — האָט ער מיר אין איילעניש אַרויסגעזייט דורך די ציין. איך פיל זיך שוין בעסער און לויף געשווינד אויף מיין אָרט. איך שלעפ אַרויס פון אונטערן אָרעם אַ געפּערלט ברי־וועלע, געשריבן באריכות וועגן אַלץ און אַלעמען; צום סוף רעקאָמענדירט מען מיר דעם פעלדשער אַלס זיכערן פּאָסט־טרעגער.

פון דעמאָלט אָן האָב איך אָפט אָנגעהויבן צו „קרענ־קען". אָדער איך פלעג גיין צום פעלדשער נאָך רפואות, אָדער ער פלעגט מיר צושיקן „פּראָשקעס", פון וועלכע איך פלעג זיך דערוויסן אַלץ, וואָס אין שטאָט טוט זיך. פון איי־

נעם אזא „פראַשעק" בין איך געוויר געוואָרן, אַז ס'איז אָב־שלאָסן געוואָרן צו באַפרייַען מיך און בירנצווייַגן אַלס „אומלע־גאַלע" פּאַר אַ גרעסערע סומע און מיר קאָנען דאָס יעדן טאָג דערוואַרטן.

אַז אַזעלכע זאַכן זענען מעגלעך, האָבן מיר געוווּסט פון דער טעגלעכער פּראַקטיק. אין דער קאַנצעלאַריע פון גענעראַל־גובערנאַטאָר און אין די זשאַנדאַרישע פאַרוואַלטונגען האָט מען פּשוט געהאַנדלט, אָפן און אומגעשטערט געהאַנדלט מיט אַרעסטירטע. אַלץ האָט זיך געווענדט אין גרויס פון מקח. פאַר אַ גרויסע סומע פלעגט מען קאָנען אַרויסבאַקומען דעם „געפערלעכסטן" אַרעסטירטן.

וואָס איז שייך אונדזער בעל־דבר, איז דאָס געווען אַ פּשוטער שרייַבער אין אַ קאַנצעלאַריע, וועלכער האָט געהאַט בייַ זיך פאַלשע בלאַנקען פון די העכסטע וואַרשעווער אינסטאַנצן; דערבייַ פלעגט ער פעלשן די אונטערשריפטן פון זייַנע עלטסטע און פלעגט פאַר אַ פּאַסיקן מתנת־יד פונאַנדערשיקן באַפרייַונגס־אָרדערס אין די געפענגענישן. אים איז דאָס באַזונדערס געווען לייַכט צו טון דערפאַר, וואָס יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק פלעגט מען אַוועקלייגן אַן אַנדער זשאַנדאַרן־אָפיציר און יע־נער פלעגט מיט זיך די סודות אַוועקטראָגן אויפן עולם האמת.

פון שטאָט האָט מען אונדז מודיע געווען, אַז בנוגע אונדזער באַפרייַונג איז שוין אַלץ אין בעסטער אָרדענונג. דער „מאַכער" האָט שוין דאָס געלט גענומען, דער בעל־דבר האָט שוין געגעבן זייַן הבטחה און מען האָט אונדז געהייסן זייַן גרייט יעדן טאָג. כּדי אונדזער באַפרייַונג זאָל נישט אַרויס־רופן קיין מהומה בייַ די איבעריקע אַרעסטירטע חברים אויף דער פאַרזאַמלונג, האָבן מיר אויך זיי אינפאָרמירט וועגן דער גאַנצער מעשה און מיר אַלע האָבן מיט גרויס אומ־געדולד געוואַרט אויף דעם „אויפרוף"...

מיר זיצן אַזוי אויף אַ טערקישן שטייגער אויף אונדזערע נאַרעס און קוקן זיך צו צום שפּיל אין „פּאַטשערייַ" פון אַרו־

מיקן עולם. אונדזערע אויגן אָבער זענען געווען געווענדט אָנגעשטרענגט אויף דער טיר, די אויערן זענען פאַרשפּיצט אויפצוכאַפּן יעדן קלאַנג. אין מיטן טומל — מען רופט מײַן נאָמען. איך לויף האַסטיק צו צו דער טיר. דער אונטעראָפיציר הייסט מיך נעמען די זאַכן און אַרויסגיין אין פאָדערהויז.

אַ שמחה, אַ פרייד, אַ קושערײַ! אַלע גראַטולירן מיר, מען גיט איבער גרוסן און בריוועלעך אין שטאָט. מען געזעגנט זיך האַרציק. נאָך מיר — בירנצווײַג! עס שטימט! הייסט דאָס, אַז דער בעל־דבר האָט וואָרט געהאַלטן. נאָך אים — אַלע איבעריקע חברים פון יענער פאַרזאַמלונג בײַ טעפּליצקין. וואָס זאָל דאָס באַדײַטן? הייסט דאָס, מען באַפרײַט אַלעמען צוליב אונדז צוויי. נאָך בעסער! מיר ״שטייען אין איין געזעמל און וואַרטן, וואָס וועט ווײַטער זײַן. דער אונטעראָפיציר נעמט אַרויס לאַנגזאַם פון אַרבל אַ פּאַפּירל, לייענט נאָך אַ מאָל איבער אונדזערע נעמען און פאַרענדיקט: אויפן סמך פון דעם און דעם אַרטיקל, האָט דער גענעראַל־גובערנאַטאָר באַשלאָסן צו פאַרשיקן די אָנגערופענע פּערזאָנען קיין אַלענצקער גובערניע אויף דער גאַנצער צײַט פון אויסנאַם־צושטאַנד אין פוילן.

אָט האָסטו דיר אַ באַפרײַונג! מיר קוקן זיך אָן איינע די צווייטע מיט אויסגעצויגענע פאַרחידושטע פּנימער און צעלאַכן זיך. אָט ס׳אַראַ סיורפּריז, סאַראַ שיינע מתנה, מיט אַזאַ רחבת־יד! „אויף דער גאַנצער צײַט פון אויסנאַם־צושטאַנד״ — בײַ די דעמאָלטיקע באַדינגונגען האָט דאָס באַדײַט פאַרשיקט ווערן אויף אייביק, ביז דער צאַריזם וועט בלײַבן לעבן.

די ידיעה וועגן אונדזער מעטאַמאָרפאָזע פון פרײַהײַט אויף אייביק פאַרשיקט צו ווערן, האָט זיך בליץ שנעל פאַרשפרייט איבערן גאַנצן קאַזעמאַט. פון אַלע קאַמערן לויפט מען צו די טירן, אַלע שטאַכעטן זענען באַהאָנגען מיט הענט. מען שרײַט עפּעס אומבאַגרײַפלעכס, מען ווונטשט אונדז אַ גליקלעכע רײַזע; די סאָלדאַטן טרײַבן אונדז צו, וואָס שנעלער אַוועקצוגיין; מיר שרײַען אויס דאָס לעצטע מאָל „זײַט געזונט!״

און פלוצלינג, גאָר אומדערוואַרטעט פאַר אונדז, צעגיסן זיך מעכטיקע טענער פון הונדערטער העלדזער, זיי ווערן אַלץ העכער און מוטיקער, זיי רײַסן זיך דורך די אײַזערנע קראַטעס, זיי דעריאָגן אונדז אַפילו אין קאַנצעלאַריע. דאָ שטייען די זעלנער בלאַס, אויפגערודערט, כאַפּן זיך פאַר די ביקסן און לויפן אין אַ בהלה צו די קאַזעמאַטן. פון דאָרטן שטורעמט נאָך אַלץ דער צאָרנדיקער מעכטיקער געזאַנג פון „טשערוואָני שטאַנדאַר". אַזוי האָבן אונדז הונדערטער אין גיהנום פאַרבלײַבענע באַגלייט אויף אונדזער אומבאַקאַנטן נייעם וועג...

שפּעטער האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז אונדזער אונטעראָפיציר איז ערב אונדזער באַפרײַונג דורכגעפאַלן מיט זײַנע פאַלשע בלאַנקן און ער האָט שוין דעריבער בנוגע אונדז נישט געקאָנט האַלטן וואָרט.

שוין באַלד אויף דער גאַס האָבן מיר דערזען די שאַרפע ענדערונג, וואָס ס'איז אויף איר פאָרגעקומען פאַר די לעצטע חדשים. מען פירט אונדז איבער די יידישע גאַסן אין מיטן העלן טאָג. און זעלטן־ווען באַגעגענען מיר אויף זיי אַ לעבעדיקן נפש. ווען־נישט־ווען שלײַכט בלויז פאַרבײַ אונדז אַן אײַנזאַמע געשטאַלט, דערזעט פּלוצלינג מענטשן, אַרומגערינגלט מיט באַוואָפנטע זעלנער, ווערט זי פּשוט פאַרבלעפט פון גרויס אימה און לויפט האַסטיק אַרײַן אין אַ שכנישן הויף.

מיר גייען איבער לײדיקע, ממש אויסגעשטאָרבענע גאַסן, אָבער מיר פילן, מיר שפּירן בחוש, אַז אויף אונדז קוקן הונדערטער אויסגעשטאַרצטע אויגן, געמישט מיט נײַגער און שרעק; זיי קוקן אַרויס פאַרבאַהאַלטענערהייט פון הינטער די פּלויטן, טויערן און האַלב אָפענע פענצטער. אייניקע דרײַסטערע בייגן אַרויס דעם קאָפּ און קוקן אונדז נאָך; ס'שוועבן אַמאָל אויך אַדורך דעם טראָטואַר ציטערדיקע, פלאַטערנדיקע שאָטנס און פאַרשווינדן תּיכּף. אַזוי טעראָריזירט איז די באַפעלקערונג פאַר די לעצטע וואָכן. זינט אין שטאָט איז אײַנגעפירט באַלאַגערונגס־צושטאַנד, און ס'ברעכט אָפּט אויס אַ בלינדע שיסערײַ אָן אַ פאַר וואָס און פאַר ווען.

אויף איינע פון די לײדיקע גאַסן האָבן מיר אויך אָנגע־טראָפן אויף אַ פאַרבײַמאָרגנדיקן עסקאַדראָן קאָזאַקן. אונדז דער־זעען, זענען זייערע אויגן אָנגעלאָפן געוואָרן מיט בלוט, זיי האָבן אויסגעשטרעקט זייערע נאַגײַקעס און זיך געלאָזט גלײַך אויף אונדז מיט אַ ווילדן געשריי: „מורדים, רוצחים!" אָבער אונדזער קאָנוווי האָט זיי געשווינד פאַרצוימט דעם וועג, האָט אויסגעשטעלט אויף זיי די הוילע באַגנעטן און אונדז באַשיצט מיט אַ געדיכטער שטאָלענער וואַנט. „וואָס גייט זיי אָן, די מנובלים, אַז זיי וועלן אײַך אַוועקפּטרן?", האָבן אונדז נאָך דעם די זעלנער דערקלערט זייער האַנדלונג: „זיי וועלן פאַר אײַך נישט ענטפערן. מיר אָבער מוזן אײַך צושטעלן צום פּונקט". אין יענעם מאָמענט האָט אונדז אַפילו אַזאַ פּראַק־טישע אויסרעכענונג שטאַרק באַפרידיקט, און מיט שנעלערע טריט האָבן מיר זיך געלאָזן צום ראָטהויז, וווּ די זעלנער האָבן אונדז געדאַרפט צושטעלן.

דאָרטן האָט מען אונדז געדאַרפט אויסריכטן אין וועג אַרײַן. צוגרייטן פאַר אונדז די פּאַפּירן און אונדז איבערשיקן אויף מאָרגן אין דער טראַנספּאָרט־תּפיסה אויף פּראַגע.

ס'איז כּדאַי צו פאַרצייכענען איין פּרט, וועלכער באַווײַזט, ווי ווײַט באַהאַוונט די דעמאָלטיקע רוסישע באַאַמטע אין פּוילן זענען געווען אין דער געאָגראַפיע פון דער מלוכה, וווּ זיי האָבן פאַרנומען פאַראַנטוואָרטלעכע פּאָסטנס.

צופעליק האָב איך אַרײַנגעקוקט אין פּאַפּיר, וועלכן דער ראָטהויז־שרייבער האָט אויסגעשטעלט פאַר מיר אין וועג אַריין. איך לייען איבער: אָפּשיקן דעם און אַלאַנעצק, אָלאָנעצ־קער גובערניע. איך ווענד זיך צום פּאַרוואַלטער און ווײַז אים אָן אויפן פעלער: די גובערניע־שטאָט פון אָלאָנעצקער גובערניע איז נישט אָלאָנעץ, נאָר פּעטראָזאַוואָדסק. מײַן מעלדונג רופט אַרויס אַ גרויסן חידוש אין דער קאַנצעלאַריע. דער עלטסטער שרײַבער טרעט אַרײַן מיט מיר אין אַ דיסקוסיע מכּוח דעם ענין. איך לאָז אָבער נישט אָפּ און האַלט זיך בײַ דעם מײַ־ניקן. ס'איז פאַרבליבן צו שיקן נאָך אַ לאַנדקאַרטע און דאָרט

נאָכקוקן. אין פאַרלעגנהייט האָט דער פאַרוואַלטער געמוזט שפּעטער נאָכגעבן און פאַראָרדענען איבערצושרייבן אונדזערע פּאַפּירן אויף פּעטראָזאַוואָדסק.

פאַר אונדז איז דאָס נישט געווען בלויז אַן אַבסטראַק־טער געאָגראַפישער וויכּוח. ווען מיר זענען שפּעטער אָנגעקו־מען קיין פּעטראָזאַוואָדסק, האָט מען זיך דאָרטן שטאַרק פאַר־וווּנדערט, וואָס מען האָט אין וואַרשע זיך שוין אויסגעלערנט די רוסישע געאָגראַפיע. ביז אונדז פלעגן טאַקע אַלע פאַר־שיקטע פון פּוילן דורכגיין פּעטראָזאַוואָדסקער תּפיסה און אָפּ־געשיקט ווערן אין אַ קליין פּאָוויאַט־שטעטל אָלאָנעצק, ווייט פון דער גובערניע־שטאָט עטלעכע טעג גאַנג. דאָרט פלעגט מען עפּענען זייערע פּאַפּירן. אָבער היות ווי אַלע פאַרשיקטע גייען איבער אין רשות פון גובערנאַטאָר, פלעגט מען זיי דאַרפן צו־ריק איבערשיקן קיין פּעטראָזאַוואָדסק. אַזוי ווי די עטאַפּן גייען נישט גאַנץ אָפט, פלעגט אַזאַ פּראָצעדור פון אַהין און צוריק אַרומשיקן אָפּנעמען היפּשע עטלעכע וואָכן און געגעבן איבעריקע יסורים.

אַ דאַנק דעם דערמאָנטן צופאַל, האָט אונדז אָפּגעגאָלטן אויסצומיידן איבעריקע נסיעות מיט די רוסישע עטאַפּן, און אויף להבא צו פאַרשפּאָרן פיל אָפּקומעניש אונדזערע צוקונפ־טיקע קאָלעגן.

אין פּראַגער עטאַפּ־טורמע זענען מיר נישט לאַנג גע־זעסן, אָבער גלייך אויף מאָרגן האָב איך דאָרטן באַקומען אַזאַ מתנה, וואָס האָט מיר פיל פאַרגרינגערט דעם שווערן לאַנגן וועג, און האָט מיר מיט יעדן טאָג דערווייטערן זיך פון וואַרשע, אַלץ מער דערנענטערט צו דער פרייהייט. מען האָט מיר דאָרט איבערגעגעבן אַ פּאָר שיך, אין וועלכע ס׳איז געווען פאַרנייט אַ נייער פּאַספּאָרט און עטלעכע הונדערט רובל אויף צום לויפן. אויס מורא, מען זאָל די דאָזיקע שיך ביי מיר נישט אַוועק־גנבענען (אויף די עטאַפּן איז גנבה שטאַרק אין גאַנג), פלעג איך זיי שטענדיק טראָגן אויף די פיס און אַרויסשטעלן פאַרן גנב די בעסערע, נישט געטראָגענע פּאָר.

פֿון פּראַגער תּפיסה איז מיר אויך פֿאַרבליבן אין זכּרון אַ רירנדיקער עפּיזאָד. אימעצער האָט אונדז אַהין אַרײַנגעשיקט אַ טאָפּ לאָקשן און אַ גרויסע געפֿלאָכטענע חלה. איך שנײַד זי אויף – אינעווייניק ליגט אַ געשריבן צעטל פֿון די פּראַגער חברים, וועלכע געזעגענען זיך מיט מיר און מוטיקן אין וואַרעמע, האַרציקע ווערטער אין וועג אַרײַן. דאָס איז געווען געשריבן אין אַ נאַיִווער, פּרימיטיווער פֿאָרם, אָבער אויף מיר האָט עס דעמאָלט געווירקט שטאַרקער, ווי די מליצהדיקע „אַדרעסן", רירנדיקער, ווי די שענסטע רעדעס. און אַזוי איז עס פֿאַרבליבן, נאָך אַזוי פֿיל יאָרן, אַלס ליכטיקער, וואַרעמער שטראַל אין מײַן זכּרון...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אויפֿן עטאַפּן־וועג האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אויף די זעלבע געמישטע, פֿאַרשידנאַרטיקע, און זיך ווידערשפּרעכנדיקע שטימונג בײַ די זעלנער, ווי אין פֿאָרט אַלעקסייעוו.

דאָ נעמט אונדז אויף אַ נגישות־שטרענגער קאָנוווי, די זעלנער אַזוי בייז און אויפֿגעבראַכט, זייער באַגיין זיך מיט אונדז איז אַזוי האַרט און מלא־רציחהדיק, אַז דאָס שטיקל וועג מיט זיי איז אַן אמתע אָפּקומעניש און אַ שווערער נסיון. באַלד אָבער גייען מיר איבער אין רשות פֿון נײַע וועכטער: די זעלנער גוטמוטיק, העפֿלעך, די באַנעמונג – אַ מענטשלעכע און פֿרײַנדלעכע.

פֿון ווילנע ווידער באַגלייט אונדז אַ פּעטערבורגער קאָנוווי: אינטעליגענטע, סימפּאַטישע געזיכטער. די וועגדונג צו אונדז איז אויף „חבר"; די גאַנצע באַציִונג — אַ ריין האַרציקע און חברישע. אין וואַגאָן זינגען מיר צוזאַמען רעוואָלוציאָנערע לידער, דערציילן זיך איינע די אַנדערע פֿאַרשידענע רעוואָלוציאָנערע פּאַסירונגען און פֿאַרברענגען אַזוי די צײַט, גלײַך ווי מיר מיט אונדזערע באַגלייטער וואָלטן זײַן איין רײזן־קאָמפּאַניע, וואָס לאָזט זיך זאָרגלאָז און שטיפֿעריש אין וועג אַרײַן.

אין פעטערבורגער עטאַפּן-טורמע האָבן מיר פאַרבראַכט אַ לענגערע צײַט. דאָרטן האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן, אָנגעוואָרפן און אָנגעפּאַקט, די לעבעדיקע רעשטלעך פון גרויסן שיפבראָך, וואָס די ערשטע רוסישע רעוואָלוציע האָט געליטן; דער גרויסער שטורם האָט אַרײַנגעוואָרפן אַהער, אין דעם דאָזיקן שטיינערנעם שלאָס, שיף-ברוכיקע פון פאַרשידענע קלאַסן, ראַנגען, נאַציעס און עלטער.

דאָ האָט מען געקאָנט טרעפן אָנגעזעענע אָפיצירן, וועלכע מען האָט געבראַכט גאַנצע גרופּעס פון סיביר, ווו זיי האָבן געשפּילט אַ באַדײַטנדיקע ראָל אין די דאָרטיקע מיליטער-אויפשטאַנדן; אַהער זענען אויך מגולגל געוואָרן די „פירשטן" און ע׳טסטע פון די מזרח-פעלקער, צו וועלכע ס׳האָבן זיך דערטראָגן די שטורעמס פון דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע; קאָזאַקן, וואָס זענען געוואָרן פאַרכאַפּט דורכן אָטעם פון דער נײַער צײַט; באַוווסטזיניקע אַרבעטער, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין די לעצטע אויפשטאַנדן, אײַזנבאַנער, אָנגעזעענע פאַרטיי-פירער און סתם צופעליקע מענטשן, וואָס דער בלינדער טעראָר האָט אַהער פאַרוואָרפן.

דאָ האָבן נאָך געצאַפּלט די שוין פאַרשטומטע לעצטע אַקאָרדן פון דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע פון 1905; דאָ האָט זיך נאָך געקײַקלט דער ווידער-קול פון די פריִערדיקע דונערן, וואָס האָבן אַזוי מעכטיק זיך צעטראָגן איבער דער גרויסער רוסישער מדינה.

די דאָזיקע געמישטע, פילשפּראַכיקע אײַנוווינערשאַפט פון אַלע עקן פון ברעגלאָזן רוסלאַנד, האָט אונדז, די נײַע שכנים, באַגעגנט מיט אַ ברייטן „ברוך הבא". „ווער און פון וואַנען, חברים?" „בונדיסטן פון וואַרשע!" דאָ זענען מיר אַ פּנים-חדשות. פון „מערב" זענען מיר די ערשטע פאַרטיע. „די שבועה, די שבועה!" — האָבן מיר אומדערוואַרטעט פאַר אונדז דערהערט פאָדערונגען פון פאַרשידענע זײַטן. הייסט עס, אַז דאָס זענען נישט קיין פרעמדע. אונדזער בונדישע שבועה איז שוין צו זיי פריִער דערגאַנגען. מיר האָבן זיך נישט געלאָזט

לאַנג בעטן, און די פּײַערלעכע טענער פון דער בונדישער שבועה האָבן זיך אַלץ דרײַסטער און פרײַער צעטראָגן איבער דעם שטילן און גרויסן בנין פון דער פּעטערבורגער תפיסה; זיי זענען גיך אונטערגעכאַפּט געוואָרן דורך נאָך צענטליקער מענטשן, וואָס האָבן קיין איין וואָרט נישט פאַרשטאַנען פון יידישן ליד, אָבער צו וועמען די מעלאָדיע האָט גערעדט אַזוי באַגרײַפלעך-האַרציק, אַזוי פאַרשטענדלעך-רירנדיק.

בכלל זענען מיר אַרײַנגעפאַלן אין אַ „תקופה" פון זינגען. די טורמע-אײַנוווינער זענען געשטאַנען אין אַ סכסוך מיט דער אַדמיניסטראַציע צוליב אַ רײַ פאָדערונגען, וועלכע יענע האָט זיי נישט געוואָלט נאָכגעבן. האָט מען באַשלאָסן אָנ-צוהייבן די פּראָטעסט-קאַמפּאַניע מיט זינגען. דאָס זענען גע-ווען די ערשטע חדשים נאָך די „פרײַהײַטן". דער „קאָנסטיטוציע-רעזשים" איז נאָך געווען גאָר יונג, האָט מען נישט געוואָלט פאַרשאַרפן די קאָנפליקטן מיט די אַרעסטירטע און מען האָט דערווײַל נישט רעאַגירט אויף אַזאַ חטא קעגן די תפיסה-כללים.

גאַנצע טעג האָט איבער דער תפיסה געשוועבט אַ גע-זאַנג: רופט מען שפּאַצירן אויפן הויף ווערט דאָס באַגעגנט מיט אַ געזאַנג; קערט מען זיך צוריק אין די קאַמערן — איז ווי-דער געזונגען. בײַ טאָג אַלערליי לידער, אין אָוונט — שיינע צוזאַמענגעזונגענע כאָרן. ס'האָט געמאַכט דעם אײַנדרוק, ווי דאָ וואָלט געווען אַ מוזיק-שול, נישט קיין געפאַנגענען-הויז. „אַ פריי-לעכער פּראָטעסט" — פלעגן מיר אַליין לאַכן.

פאַרענדיקט אָבער האָט זיך נישט אַזוי פריילעך, ווי ס'האָט זיך אויסגעדוכט. סימנים פון דעם, אַז עס דערנענטערט זיך צו אַ צוזאַמענשטויס, האָט מען שוין געקאָנט באַמערקן פריִער. מען האָט אָנגעהויבן אין טורמע צונויפציִען פאַרגרעסערטע מיליטער-פּאַטרולן, און דאָס דווקא פון אַזעלכע פּולקן, וועלכע זענען געווען באַקענט מיט זייער קאָנטררעוואָלוציאָנערער שטעלונג. די הייף, וועסטיבולן און הויפּט-דורכגענג אויף די קאָרידאָרן, זענען געווען באַוואַכט דורך די סעמיאָנאָוועס — אַ פּולק,

וואָס האָט זיך באַרימט געמאַכט מיט זײַן אכזריותדיקן דער־שטיקן דעם מאָסקווער אויפשטאַנד.

אומעטום שטויסט איר זיך אָן אויף פראַנטאָוואַטע אָפּי־צירן מיט רויטע קרעציקע געזיכטער און שוואַרצע צימלעך אויף די לאַצן; אויף אײַך קוקן פון אַלע ווינקעלעך בלוט־דורשטיקע, נקמה־גיריקע אויגן פון אויפגערייצטע זעלנער. עפּעס גרייט זיך דאָ, עס שמעקט מיט מענטשלעך בלוט. און עס איז טאַקע גיך פאַרגאָסן געוואָרן.

מיר שטייען בײַם פענצטער און רעדן זיך דורך מיט די אונטערשטע קאַמערן, אין וועלכע ס'זיצן די פּאָליטישע פרויען. דאָס איז געווען אַ דערלויבטע, געוויינלעכע, טאָג־טעגלעכע דערשײַנונג. קיינער פלעגט אונדז דערין נישט שטערן, קיין פּאַטרול פלעגט דערויף קיין אכט נישט לייגן. אויך איצט רעדט מען אַזוי געמיטלעך מיט איינער, זייער אַ פריילעכער, קינדיש־לאַכנדיקער חברטע מיטן נאָמען סעמיאָנאָווא. מיר זאָגן עפּעס און זי ענטפערט אונדז אָפּ מיט אַ פאַרקלינגנדיקן געלעכטער. פּלוצלינג הערן מיר אַ באַפעל: „אַוועק פון די פענצטער!״ יענע אונטן זאָגט עפּעס דערויף, ס'הערט זיך אַ טרוקענער קנאַל און באַלד נאָך דעם היסטערישע, שרעקלעכע יללות פון די פרויען אונטן: סעמיאָנאָווא איז אויפן אָרט אַוועקגעפאַלן אַ טויטע.

אין טורמע האָט זיך אויפגעהויבן אַ בהלה, אַ ווילדער געשריי, משונהדיקע קולות, טעמפּע קלעפּ אין די טירן. אַלע קאָרידאָרן ווערן באַזעצט מיט באַוואָפנטע זעלנער. מען עפנט די קאַמערן, מען רינגלט אַרום גרופּנווײַז, מען פירט אַוועק די „אונטערהעצער״ אין פאַרשידענע ערטער. אויך אונדז פירט מען אַרויס פון דאַנען און מען ריכטעט אונדז אויס גלײַך אין וועג אַרײַן. מען פירט אונדז אַרויס אין פינצטערע, פאַרקלאַפּטע קאַרעטקעס און מען פירט אונדז גלײַך צום טײַך נעוואַ, וווּ מען לאָדט אונדז אײַן אין אײַלעניש אויף אַ שיף, וואָס גייט ־יך אָפּ קיין פּעטראָזאַוואָדסק.

לכתחילה, באַלד נאָכן אַרײַנשטײַגן אין שיף, האָט זיך צווישן אונדז און אונדזערע וועכטער אױפֿגעשטעלט אַ בלינדע וואַנט פֿון שנאה און בייזקײַט. פֿאַר אונדזערע אויגן האָט נאָך אַרומגעשוועבט די בלאַס-בלייכע געשטאַלט פֿון דער דערשאָסענער יונגער פֿרוי, וואָס האָט נישט דערלאָזט אונדזערע אויפֿגערעגטע געפֿילן זיך צו באַרויִקן; די זעלנער ווידער האָבן נאָך געאָטעמט מיט כּעס און שנאה, מיט וועלכער זיי האָבן זיך אָנגעשטעקט אין טורמע פֿון אונדזערע „באַרויִקער".

זיי האָבן אונדז תּיכּף איזאָלירט פֿון די איבעריקע פּאַסאַזשירן, האָבן אונדז פֿאַרשפּאַרט אין אַ ווינקעלכל פֿון שיף און אונדז דאָרט געהאַלטן שטרענג-בייז אונטערן שלאָס. מיר ווידער האָבן זיך קעגן דעם געווערט, מיר האָבן שאַרף פּראָטעסטירט קעגן אַזאַ באַהאַנדלונג און זיך נישט געוואָלט אונטערוואַרפֿן זייערע באַפֿעלן.

ביסלעכווײַז אָבער, וואָס ווײַטער מיר זענען אָפּגעשוווּמען פֿון שטאָט, און וואָס מער מיר האָבן זיך אַוועקגעלאָזן איבער די ברייטע, ברעגלאָזע וואַסערן, איז דער אָנגעטריבענער ברוגז צווישן מענטש און מענטש, — צווישן מענטש אונטערן שלאָס און מענטש מיטן ביקס, — אַלץ מער אָפּגעגאַנגען; אונדזער גלײַכע שוואַכקײַט לגבי דער מעכטיקער נאַטוראַטיכיע האָט אונדז געמאַכט נאָענטער איינע די צווייטע און די פֿריִערדיקע גראָבע מחיצה צווישן די פֿאַרשלאָסענע און שליסער איז געוואָרן אַלץ מער דינער און נישט צו באַמערקן.

אונדזערע וועכטער ווערן מילדער און עפֿענען אונדז דאָס לאָך, ווו מיר זענען געלעגן פֿאַרשלאָסן; שפּעטער-צו, אַז מיר זענען שוין אָפּגעפֿאָרן אַ שטיק נעוואַ, האָבן זיי אונדז שוין דערלויבט איבערצוטראָגן זיך אויף די נאַרעס אין דער פּאַסאַזשירן-אָפּטיילונג אויפֿן דעק און נאָך שפּעטער האָבן מיר שוין גאָר אומגעשטערט אַרומגעשפּאַצירט איבערן דאַך פֿון שיף, ווי פֿרײַע רײַזנדער.

דער בלויער הימל אין דער הייך, די קילע, פֿרישע לופֿט אַרום, די ברייטע צעגאָסענע וואַסערדיקע רחבֿות און די

גרינע, שפּילנדיקע לאַנדשאַפטן בײַ די ווײַטע ברעגעס, האָבן ווי אַ צויבערשפּרוך פאַריאָגט פון אונדז אַלע בייזע און צאָרנ־דיקע תּפיסה־געפילן; מיר האָבן זיך דערפילט ווי אָפּגעטובלטע, אָפּגעפרישטע מענטשן, ווײַט פון רשעות, אַכזריות און פאַרבי־טערטקײַט. שעהן לאַנג זענען מיר געשטאַנען אויפן שיף און אַרײַנגעשעפּט אין זיך, אַרײַנגעשעפּט מיט אַלע אונדזערע אויפ־געוואַכטע חושים, די רויִקייט, שיינקײַט און די מעכטיקײַט פון דער נאַטור אַרום אונדז.

אַזוי האָבן מיר זיך געשיפט אויפגעמונטערטע, אַנטציק־טע, גאַנצע צוויי טעג. מיר זענען שוין אַרויסגעפאָרן פון פי־נישן אויסגוס, מיר זענען אַרײַן אין די ברייטע ברעגלאָזע וואַ־סערן פון לאַדאָגער אָזיערע. דער רויִקער, גלאַטער וואַסער־שפּיגל באַדעקט זיך אַלץ אָפטער מיט פאַלדן, דער גרינער קאָ־ליר ווערט אַלץ שוואַרצער און שוימיקער; דער טײַך באַקומט אַלץ מער קנייטשן אויף זײַן שטרענגן פּנים און הייבט זיך אָן צו בייזערן.

איך האָב געוווסט, ווי שטורעמדיק ס'זענען געווייגלעך די צוויי אָזיערעס, וואָס מיר האָבן נאָך דורכצומאַכן — לאַ־דאָגער און אָניעגער — אין האַרבסטצײַט און האָב דעריבער באַשלאָסן אַראָפּצוגיין אונטן אויפן דעק, אוועקלייגן זיך און אָפּוואַרטן עד יעבור זעם, איבערשלאָפן דעם פאַרבײַגייענדיקן שטורעם.

איך ליג אויף מײַן ברעטער־געלעגער, די שיף וויגט זיך הין־און־צוריק, לכתּחילה גאַנץ אָנגענעם און געמיטלעך; אָבער דאָס וואַסער צעשטיפּט זיך אַלץ מער, אונדזער שיף הוידעט זיך שוין גאַנץ שטאַרק אַרויף און אַראָפּ, זי וואַרפט זיך אין אַלע זײַטן, אַז ס'גייט דורך אַ סקרוך איבערן גאַנצן לײַב. איך שטרענג זיך אָן אײַנצודרעמלען. אָבער איך כאַפּ זיך אויף פון אַ שטאַרקער קלעמעניש אין ברוסט. איצט הוידעט שוין אַלץ אין מיר אינעווייניק, עס קערט און עס ברעכט, עס ברעכט מיט דער גרינער גאַל. דער אָטעם פאַרכאַפּט, עס שטיקט מוראדיק אין האַלדז. איך רוק אַרויס דעם קאָפּ אין קליינעם פענצטערל פון שיף, און

באַקום פאַר מײַן העזה אַרויסצוקוקן אין אַזאַ צײַט אַ שטאַרקן
פאַטש פון אַ טאַנצנדיקער כוואַליע.
נעבן מיר, אַרום און אונטער מיר וואַלגערן זיך אויך מענטשן,
חברים, פּאַסאַזשירן, די זעלנער; אַלע קײַקלען זיך ווי איין קנויל;
אימעצער האַלט אונדז אויף די הענט און וואַרפט אונדז ווי פּילקעס
אַרויף און אַראָפּ און בעת־מעשה הערט זיך אַ כאָרכלען פון פאַר־
שטיקטע גאָרגלס, קרעכצן פון אָפּגעשוואַכטע, אַ ביטערער געוויין
פון פרויען און קינדער.
ס'האָט קיינעם נישט געשוינט, אַלע זענען אַוועקגעפאַלן
ביסלעכווײַז. אויף די פיס זענען נאָך פאַרבליבן די שיף־דינער־
שאַפט, וואָס מאַכט אָפּט אַזעלכע נסיעות און איין זעלנער אַ גע־
וועזענער מאַטראָז. ער גייט דאָס אַרום אונדז אַלע אַרום און פאַר־
שטייט נישט, צוליב וואָס מיר לײַדן. אָבער דער שטורעם לאָזט
נישט אָפּ, די שיף הייבט זיך אָן צו קערן אויף אַלע זײַטן גאָר
נישט אויף קיין קאַטאָוועס. דער בופעט ווערט צוגעשלאָסן, די
דינערשאַפט באַווײַזט זיך שוין נישט מער און אונדזער מאַטראָז־
סאַניטאַר הייבט זיך אויף אַלץ אָפטער אויפן דאַך צו כאַפּן פרישע
לופט.
אָט אַזוי זענען מיר אָפּגעלעגן אין פּײַנלעכע יסורים כמעט
אַ גאַנצן מעת־לעת. אונדז האָט זיך געדוכט, אַז דאָס דויערט שוין
אַ גאַנצע אייביקײַט. מיר ליגן מידע, אָפּגעשוואַכטע, אַזוי ווי נאָך
אַ שווערער קרענק; אָבער איצט שאָדט אונדז שוין נישט דאָס
הוידען זיך פון דער שיף; אדרבא, דאָס פאַרוויגט אונדז גאַנץ
באַקוועם. פון צײַט צו צײַט בלויז גיט אַ שטאַרקן קיצל איבערן
לייב. אַ שטאַרקער שטראָם גיט אַ קלאַפּ אין קאָפּ, אָבער ס'גייט
תיכף פאַרבײַ. מיר פילן זיך גאָר נישט שלעכט אין אַזאַ וואַרפּנ־
דיקן צושטאַנד.
אויפן שיף ווערט צוריק לעבעדיק. בלאַסע, מידע פּאַסאַזשירן
הייבן זיך אויף פון זייערע געלעגערס; פון אַלעמען לײַכט אַרויס
אַ גלאַנץ פון שמחה, וואָס מען איז איבערגעקומען אַזאַ שווערע
קרענק; מען טיילט זיך מיט איבערלעבונגען, מען רעדט זיך אויס
די הערצער. אין דרויסן האָט זיך דאָס וואַסער נאָך אַלץ נישט

באַרויִקט. עס קערט, עס וואַרפט, עס הייבט די שיף אויף אַלע זײַטן. מיר אָבער זענען שוין צו דעם גלײַכגילטיק, מיר לײַדן שוין נישט מער דערפון קיין פיזישע שמערצן.

אָבער די עלטערע, געניטערע פּאַסאַזשירן ווערן אַלץ בלאַסער און צעשראָקענער, אַ שרעקלעכע נערוועזיטעט באַפאַלט אויך די דינערשאַפט און מאַטראָזן. שטילשווײַגנדיק, ברוגז, שטייט דער רודערער און אַרבעט אַפּהענטיק, פאַרלוירן; דער קאַפּיטאַן קוקט לאַנג אַנגעשטרענגט אין זײַן ים־לאָרגנעט און ענטפערט נישט אויף קיין שום פראַגן.

מיר, די שטאָטלײַט, ווײַט פון וואַסער, האָבן גאָר נישט געשפּירט ווי נאָענט די סכנה איז, מיר רעדן הויך, לאַכן, וויצלען זיך און ווערן באַלד איבערגעריסן דורך אַ בייזן ירגזון פון די איבעריקע פּאַסאַזשירן. וואָס איז געשען? ווו געפינען מיר זיך? מען קלערט אונדז אויף, אַז מיר דרייען זיך אַרום איבער דער אָניעגער אָזיערע; דער שטײַערמאַן האָט פאַרלוירן דעם וועג און דער שטאַרקער שטורעם וואַרפט אונדז אויף אַלע זײַטן. אונדז באַפאַלט אויך די ערנסטקײַט פון די אַרומיקע, געניטערע.

אַלע שטייען אויפן דעק אין געשפּאַנטער אומגעדולד און וואַרטן אויפן קאַפּיטאַן, וואַרטן אויף זײַן לעצט וואָרט, ווי מען וואַרט אויף אַ גזר־דין פון אַן אומבאַשרענקטן מושל, אויף אַ טרייסט־וואָרט פון אַ דאָקטאָר, ווען ער קומט צו אַ געפערלעך קראַנקן. דער קאַפּיטאַן באַווײַזט זיך נישט לאַנג און די אומגעדולד ווערט אַלץ אָנגעשטרענגטער אָנגעצויגענער. די פאַרלוירענע פּאַסאַזשירן טוליען זיך נענטער איינע צו די צווייטע, די שטימען זענען אַזעלכע ווייכע, די באַנעמונג אַזאַ האַרציקע, אַזאַ פרײַנדלעכע. אָבער ס׳הערן זיך טריט פון דאַך. זיי שרעקן שוין בלויז מיט זייער האַסטיקן קלאַפּן. ס׳באַווײַזט זיך דער קאַפּיטאַן, בלאַס, צעשראָקן. ער פאַרשפּאָרט שוין צו רעדן. מיר אַלע פאַרשטייען אויך, אַז ס׳האַלט שלעכט. „מײַנע הערן!“ הערן זיך אַזעלכע משונהדיקע, ציטערדיקע ווערטער: „איך מוז אײַך מתרה זײַן, אַז מיר האָבן פאַרלוירן דעם וועג. איצט קאָן אַלץ געשען. די מאַטראָזן וועלן ברענגען שווים־גאַרטלען פאַר יעדערן“.

וואָס וועלן מיר מאַכן מיט די גאַרטלען ? צי וועלן מיר זיך קאָנען אין זיי ראַנגלען מיט די צעשפּילטע כוואַליעס און זיי ביַי־קומען ? מיר גלויבן נישט דערין, נאָר מיר טוען זיי אָן אויטאָ־מאַטיש, וויַיל אַזוי טוען אַלע אַרום אונדז. די אָנשטרענגונג ביַי די פּריַיע פּאַסאַזשירן האָט געפּלאַצט, זיי אַלעמען באַפאַלט אַ רעי־ליגיעז־הכנעהדיקער פּחד : ס'זוכט זיך אויף צווישן זיי אַ גלח, וועלכער שטעלט זיך אָפּריכטן תּפילות צום בורא־עולם. מען צינדט אָן ליכט, אַלע קניִען און בעטן דעם אַלמעכטיקן, ער זאָל באַרויִקן דאָס וואַסער און זיי מציל זיַין פון אַזאַ אומ־נאַטירלעכן טויט.

און דאָ ביַי דער זיַיט, שטייען מיר, אַ גרופּע פאַרוואָרפענע פון וויַיטע מרחקים. מיר שטייען שטיל, ערנסט, מיט פאַרביסענע ליפּן און וואַרטן אויפן סוף. מיר האָבן נישט ביַי וועמען צו בעטן. מיר האָבן נישט צו וועמען זיך צו ווענדן. גליַיכגילטיק שטיי איך אין רעדל, אַרומגערינגלט מיט זעלנער און טראַכט וועגן די אומ־דערוואַרטעטע ווענדונגען פון שיקזאַל : געדאַרפט מגולגל ווערן אַזוי וויַיט, כדי צו געפינען דעם אייביקן סוף אין די אָפּגרונטן פון אָניעגע־וואַסערן ! נישט אין תּפיסה, נישט פון אַ קויל, נאָר גאָר אומקומען פון אַ שיף־אונטערגאַנג ! דאָס איז גאָר אַן אומ־דערוואַרטעטער סוף.

אַ שטאַרקער שטויס, וואָס האָט אונדז צעשליַידערט אין אַלע זיַיטן, האָט מיר אַרויסגעשלאָגן פון מיַינע רעיונות. איך בין געווען זיכער, אַז דאָס איז שוין דער לעצטער קלאַפּ. אָבער אין דער זעלבער צייַט האָט זיך באַוויזן אויף די טרעפּלעך דער קאַ־פּיטאַן און האָט מיט אַ טריִומפירנדיק קול אויסגעשריגן : „מיר זענען געראַטעוועט !"

ס'וויַיזט זיך אַרויס, אַז אַ שטאַרקער שטורמווינט האָט אונדז צוגעוואָרפן צו אַ ברעג פון אַ דאָרף און די סכּנה איז שוין אין גאַנצן פאַרביַי. מיר קוקן זיך אַרום, אַלע זענען דאָ אויפן אָרט. ס'פעלט נאָר איין זעלנער פון קאָנוווי, וועלכער איז אין מיטן שטורעם פאַרכאַפּט געוואָרן פון אַ כוואַליע און ער האָט שוין אין איר זיַין טויט געפונען...

אין פעטראָזאַוואָדסק האָט מען אונדז מקבל־פּנים געווען מיט גרויס פּאַראַד: בײַם ברעג האָט אונדז שוין אָפּגעוואַרט אַ פּאַר־שטאַרקטע וואַך פון זעלנער און פּאָליציאַנטן, וועלכע האָבן אונדז אַרומגערינגלט ווי אַן אײַזערנע וואַנט און אונדז באַגלייט דעם גאַנצן וועג פון שטאָט ביז אונדזער „ראָמאַנאָווס האָטעל".

לכתּחילה האָבן מיר אפילו נישט פאַרשטאַנען, פאַר וואָס קומט אונדז אַזאַ נישט פאַרדינטער כּבוד, און פון וועלכע אומ־דערוואַרטעטע אָנפאַלער באַשיצט מען אונדז. אָבער אַרײַנקומענדיק אין שטאָט, האָבן מיר זיך תּיכּף געכאַפּט די סיבה פון אַזאַ באַ־זונדער שמירה. פּעטראָזאַוואָדסק האָט פאַרמאָגט גרעסערע וואָפן־פאַבריקן מיט אַ גרויסער אַרבעטער־מאַסע. יענע איז געווען שטאַרק געכאַפּט אין דער מעשה און פלעגט אָפּט אַרויסווײַזן צו נאָענטע קרובהשאַפט מיט די „עטאַפּניקעס". פלעגט טאַקע יעדער אַרײַנ־קומענדיקער „עטאַפּ" נישט גאָר רויִק אַראָפּ.

מיר זענען אַרײַן אין שטאָט גראָד מיטאָגצײַט. שוואַרץ־געדיכטע גרופּעס אַרבעטער האָבן זיך געלאָזן איבער די גאַסן. די ערשטע שטעלן זיך אָפּ פאַרחידושט און קוקן אויף אונדז מיט אָפענעם מיטגעפיל. אַנדערע האַלטן זיך נישט אײַן און פרעגן בתּמימות די אַלטע רוסישע טראַדיציאָנעלע קשיא: „פאַר וואָס, חברים?" זיי וואַרטן אפילו נישט אויף קיין תּשובה פון אונדזער זײַט און גיבן באַלד אַליין דעם תּירוץ: „פאַר דער פרײַהײַט!" און באַגלייטן די דאָזיקע פראַזע אויף מיט אַן אַלט־רוסישן שפּרוכ־וואָרט, פון וועלכן מיר ווערן רויט ביז די אויערן און אונדזער וואַך צעלאַכט זיך מיט אַ מיאוס ציניש געלעכטער.

דאָס צערייצט נאָך מער די פאַרזאַמלטע. ס'האָט זיך שוין אָנגעקליבן אַ גרויסער המון. מען רעדט הויך וועגן די רעפּרעס־יעס. מען וואַרפט זיך דורך מיט זידל־ווערטער מיט די זעלנער פון קאָנוווי: „תּלינים!" „הינט!" יענע ווערן שוין ביין־שווײַגנדיק און אײַלן אונדז צו צו מאַכן שנעלערע טריט. דער געזאַמל וואַקסט. די פּאָליציי־לײַט מערן זיך אויך. די לופט ווערט אָנגעלאָדן מיט אַ הייסער אויפרעגונג. בײַם עולם אין די אויגן פלאַקערן אויף אַלץ מער שטאַרקערע פלעמעלעך.

— צעגייט זיך! — הערט זיך אַ קאָמאַנדע פון די פאָדערשטע רײַטער.

דאָס צעבלאָזט נאָך מער, ווי אַ שטאַרקער ווינטער, די פונקען פון האַס און צאָרן בײַם עולם. די אָנגעזאַמלטע ענערגיע ווערט אויסגעלאָדעוועט. ס׳הערן זיך אויסגעשרייען: „נידער!", „ס׳זאָל לעבן!" זיי ווערן אויפגעכאַפּט פון הונדערטער מענטשן אַרום. דאָס פײַער צעשפּילט זיך אַלץ מער, די קולות ווערן אַלץ דראָענדיקער. קיינער לאַכט שוין איצט נישט. ס׳הערן זיך שוין נישט קיין ציניש ווערטלעך. דער מאָמענט ווערט אַלץ ערנסטער, די לאַגע — אַלץ שפּאַנענדיקער. אונדזערע היטער דרענגען זיך צענויף אַלץ ענגער אַרום אונדז און פאַרדעקן אונדז מיט זייערע שטאָלענע, גלאַנצנדיקע באַגנעטן. די רײַטער־פּאָליציי רייניקט אַלץ שווערלעכער אָפּ דעם וועג פאַר אונדז. מען טרײַבט אונדז כמעט צו לויפן, מען יאָגט אונדז, וואָס שנעלער צו קומען צו דער תּפיסה.

אָט זעען זיך שוין פון ווײַטן די הויכע געלע ווענט פון דעם אַזוי טיפּיש געבויטן בנין. מיר קומען אַלץ נענטער צו דער טורמע. און הינטער אונדז און אַרום אונדז באַגלייטן אונדז מוטערדיקע רופן: „מוט, חברים!" „ס׳וועט קומען זייער טאָג!" און עס הערן זיך שטאַרקע טענער פון די אונדז אַזוי גוט באַקאַנטע רעוואָלוציאָנערע לידער.

די זעלנער שטופּן אונדז אַלץ האַסטיקער. מיר דערלויפן שוין באַלד ביזן טויער. דער געדראַנג ווערט אַלץ ענגער, דער שטויס פון המון — אַלץ העפטיקער. די טויערן עפענען זיך מיט אַ געשווונדער און ברייטער גאַסטפרײַנדלעכקײַט, מיר זענען שוין אינעווייניק און אונדז טיילן אָפּ פון די דעמאָנסטראַנטן מאַסיווע, אײַזערנע טויערן, דערצו נאָך באַוואַכט פון צענטליקער באַוואָפנטע זעלנער. איצט נעמט זיך די רײַטער־פּאָליציי צום פאַרזאַמלטן עולם. מען הייבט אָן שלאָגן מיט די נאַגײַקעס, מען טרעט מענטשן מיט די פערד. עס פליִען שטיינער. עס דערגייען צו אונדז לאַנג קולות־קללות, און מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט מען צו אונדז אין שכנות געבראַכט גאַנצע גרופּעס נײַע לאַקאַטאָרן, וועלכע זע־

נען באַשולדיקט געוואָרן אין שטעלן אַ ווידערשטאַנד דער געזעצ־לעכער מאַכט און אין דער פּראָבע אָפּצושלאָגן אַרעסטאַנטן בײַם קאָנוווי. — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

טעפּליצקי און איך האָבן באַקומען אונדזער ווינאַרט אין ליאַדיינעפּאָליער פּאָוויאַט, און נאָך אַ וואָך „רוען" אין פּעטראָזאַ־וואָדסק, האָט מען אונדז ווידער געשלעפּט צום ברעג, ווידער אַוועקגעזעצט אויף אַ שיף און ווידער געפירט צוריק אין דער זעלבער ריכטונג, פון וואַנען מיר זענען געקומען. דאָס מאָל איז די נסיעה אַריבער בשלום. אויפן צווייטן טאָג זענען מיר אָנגעקומען צום באַשטימטן פּונקט... מען פירט אונדז אַרײַן אין פּאָליציי־קאַבינעט פון אַן אַלטן גרײַזגרויען „איספּראַווניק", מיט לאַנגע, שטעכעדיקע וואָנצן און גוטמוטיקע, פאַרשיכורטע אויגן.

— פון וואַנען? פון וואַרשע? האַ, טעראָריסטן! פאַרן ערשטן ברוך הבא אַ ביסל צו שטרענג. אָבער גלײַך פון דער ערשטער אויסשפּראַך איז קענטיק, אַז מיר האָבן דאָ צו טון נישט מיט קיין גרויסרוס. ער דערציילט אונדז טאַקע, אַז ער אַליין איז אַ פּאָליאַק. ער איז שוין אָבער פון „לאַנד" לאַנג פאַרוואָרפן; ער איז שוין פאַרקאַצאַפּעט געוואָרן דאָ בײַ די „מאָסקאַליעס די קרויט־פרעסער".

אַז דער געשפּרעך זאָל אָננעמען אַזאַ ווענדונג, האָבן מיר גאָר נישט דערוואַרט.

ער פרעגט אונדז, צי מיר האָבן אַ סך „מאָסקאַליעס" אַוועק־געלייגט. איך וויל אים אַנטווישן און דערקלער אים, אַז מיר זע־נען נישט קיין טעראָריסטן. ער גלייבט מיר אָבער נישט. „איר האָט אַזעלכע בייזע אויגן פון אַן עכטן טעראָריסט!" — בלײַבט ער בײַ דעם זײַניקן.

מיר פירן אַריבער דעם שמועס אויף אַן אַנדער טעמע און פרעגן אים, צי מיר וועלן שוין דאָ אין שטעטל קאָנען בלײַבן וווינען. ער טרייסלט זיך אָפּ דערפון צעשראָקן, אַזוי ווי מיר וואָלטן אים וועלן אַרײַנפירן אין אַ גרויסן חטא און שאָקלט מיטן קאָפּ: „ניין, טעראָריסטן, איך טאָר אײַך דאָ נישט האַלטן!" ס'העלפן נישט קיין שום טענות. די, וואָס קומען פון פּוילן, מוזן פאַרשיקט ווערן אין די ווײַטערדיקע דערפער פון פּאָוויאַט. אויך

מיר װע׳ן װוינען אין אַ דאָרף אַ ש ט י, װאָס ליגט בײַם טראַקט־װײַט עטלעכע הונדערט װיאָרסט פֿון שטעטל. ער פֿאַרשפּרעכט אונדז אָבער איבערצופֿירן אונדז צוריק אַהער אין אַ פּאָר חדשים אַרום, אויב מיר װעלן זיך דאָרט גוט אויפֿפֿירן.

ס׳איז גאָר נישט צו מאַכן. די נאַכט װעלן מיר דאָ איבער־נעכטיקן און אויף מאָרגן – װײַטער אין װעג אַרײַן, אין נײַע מקומות, צו אומבאַקאַנטע מענטשן...

װײַטער אַ שיף, נאָך דעם זיך װידער אויפֿגעזעצט אויף אַ פֿור; מען פֿירט אונדז, מיר װאָגלען, מיר רוען און פֿאָרן װײַטער. נישטאָ קיין מידקײַט. ס׳קלעקן גענוג כּחות. אָט קומען מיר שוין אין „אונדזער" דאָרף, אַ גרויסער, שיינער, ברייט־פֿונאַנדערגע־װאָרפֿענער, מיט אַ פֿריש־גרינעם קלויסטער באַלד בײַם אַרײַנפֿאָר. אונדז לויפֿט אַנטקעגן אַ יונגער בחור, געקליידט װי אַ הענד־לער בײַ דער װאָלגע, אין אַ היטל מיט אַ ברייטן דאַשעק און קורץ רעקל. דאָס איז אַ פֿאַרשיקטער אַרבעטער ערגעץ פֿון סאַ־ראַטאָװ. ער איז אונדז מקבל־פּנים מיט נישט קיין פֿאַרבאַהאַל־טענער שׂמחה, ער איז דאָ אויסגעגאַנגען פֿון אומעט.

מיר גייען אַראָפּ פֿון דער פֿור. אָבער איך קאָן נישט שטיין אויף די פֿיס. ערשט איצט, װען מיר זענען געקומען צום ציל פֿון אונדזערע װאַנדערונגען, האָבן מיך די כּחות פֿאַרלאָזן און איך פֿאַל אַװעק װי אַ סנאָפּ אויף דער ערד. איך קאָן װײַטער נישט פֿאָרן. מען פֿירט מיך אַרײַן צו דעם יונגן חבר אין זײַן דירה. דאָס איז אַ קליין, נידעריק שװאַרץ הײַזל בײַם אָנפֿאַנג דאָרף. אין גאַנצן איין גרויסער, טונקעלער צימער מיט הוילע פֿאַררוי־כערטע װענט אין װעלכן ס׳פֿאַרנעמט דאָס גרעסטע אָרט אַ רויט, אָפּלאַקירט בעט מיט שטרוי. די דירה געהערט צו אַ דאָרף־װעכ־טעריך, אַן אַלמנה מיט צװיי קינדער. אין דער הייך, אויפֿן טאַפּ־טשאַן, „װוינט" עס אונדזער נײַער באַקאַנטער חבר.

אין דאָרף האָט געװוינט אַ דאָקטאָר. מען איז תּיכּף אַװעק און אים צו מיר אַראָפּגעבראַכט. ער מעסט מיר אויס די טעמפּע־ראַטור, זי איז זייער אַ הויכע. ער מיינט, אַז דאָס איז אַן ערנסטע אינפֿלוענציע. איך האָב נאָך נישט קיין דירה, נישט קיין װינקל,

ווי דעם קאָפּ אַוועקצולייגן. די דאָרף־וועכטערין אָבער טרעט מיר אָפּ, מיט ליבלעכער גאַסטפרײַנדלעכקײַט, איר בעט מיט שטרוי, און וואַלגערט זיך אַליין מיט די קינדער אין דער הייך אויפן אויוון.

דאָרטן בין איך אַזוי געלעגן אין גרויס היץ אַ פּאָר וואָכן צײַט. דערבײַ האָט די אַלטע פויערטע פון אַ פאַרוואָרפענעם דאָרף ערגעץ אויפן צפון, אַרויסגעוויזן אַזוי פיל מענטשלעכקײַט, אַזוי פיל נישט־געקינצלטע באַרמהאַרציקײַט און באמת וואַרעמע מענטשן־ליבע, וואָס ס'איז זעלטן צו באַגעגענען בײַ די „ציוויליזירטע" געבילדעטע דאַמען פון אונדזערע גרויסע שטעט. נאָך דעם, נאָך מײַן שווערער קרענק און פיל אָפּקומעניש, וואָס די אָרעמע וועכטערין האָט געהאַט צוליב מיר אויסצושטיין, האָט זי זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט צו נעמען בײַ מיר באַצאָלט פאַר דער צײַט און האָט זיך אַפילו אויפריכטיק באַליידיקט פון אַזאַ פאָרשלאָג.

אויסער דעם יונגן אַרבעטער, האָבן זיך אין יענעם דאָרף נאָך געפונען אייניקע אַדמיניסטראַטיוו־פאַרשיקטע פויערן, וועלכע זענען אַהער מגולגל געוואָרן צוליב אַגראַר־אומרועןן. זיי זענען אַפילו געווען גאַנץ ווילע לײַט, זיי האָבן ליב געהאַט אַרײַנצוקומען צו אונדז אין די אָוונטן און הערן „פאָליטישע" געשפרעכן אָדער אַ „קלוג ביכל", וועלכעס מיר פלעגן פאַר זיי פאָרלייענען. האָבן זיי אָבער געקרענקט אויף דער כראָנישער רוסישער חולאת: זיי האָבן ליב געהאַט דעם ביטערן טראָפן.

נישט איין מאָל פלעגן זיי זיך אַ נדר טון, שוין מער דעם „פאַרשאָלטענעם געטראַנק" אין מויל נישט צו נעמען, נישט איין מאָל פלעגן זיי אונדז שווערן מיט אַלע שבועות, אַז זיי וועלן שוין צו משקה זיך נישט צורירן. אָבער פלעגט זיי באַפאַלן דער יצר־הרע, פלעגט זיך צעשפילן אין זיי דער „שטן", פלעגן זיי אָן אַלץ פאַרגעסן און זיך ווידער אָנטרינקען, ביז זיי פלעגן אַוועקפאַלן אין מיטן גאַס, אין אַ גרוב, אויפן פוסטן פעלד, און מען פלעגט זיי שוין ווידער שלעפן „אין קאָזע" אַרײַן אויף אויסניכטערן, מען פלעגט זיי פאַרשפאַרן אויף גאַנצע טעג אין שטעלכל בײַ דער דאָרף־קאַנצעלאַריע.

די געגנט איז געווען אַ פײַכטע, אַ זומפּיקע — די נאַטור — אַן איינטאָניקע. אַן אָרעמע, און די זומפּיקע פײַכטקייט פון די וועלדער אַרום האָט זיך אויך אַרויפגעלייגט פלאַסטנווײַז אויף אונדזער נשמה. צוליב וואָס זיצן מיר דאָ? וואָס וועלן מיר דאָ אויסוואַרטן? ס'איז אַפילו נישט געווען קיין מעגלעכקייט צו פאַרברייטערן דעם קרײַז פון אונדזערע אינטערעסן, צו שליסן נײַע קאַנטשאַפטן און צו געפינען אַ באַפרידיקנדיקע אַרבעט.

אין דאָרף האָט אַפילו געוווינט אַ „זעמסקער" דאָקטאָר, אַ ייִד, אַ פאַרבאַהאַלטענער ליבעראַל. איז ער אָבער געווען אַ פּחדן מיט אַ צאַפּלדיקער האָזן־נשמה, אַ גרויסער קאַריעריסט מיט אַ שטענדיקער אימה פאַרן „פּריסטאַוו", וואָס האָט אויך געוווינט אין זעלבן דאָרף. אָפן האָט ער מורא געהאַט אונטערצוהאַלטן מיט אונדז קענטשאַפט און פלעגט בלויז בשתיקה, דורך זײַן ווירטין, אונדז צושיקן די צײַטונגען, וועלכע ער פלעגט אויסשרײַבן פון פעטערבורג.

פאַר אונדז איז געווען קלאָר, אַז מיר דאַרפן פון דאַנען לויפן וואָס שנעלער, וואָס פריִער. אָבער ווי אַזוי לויפן? מיר וווינען בײַם טראַקט, אין נאָענטער שכנות מיטן „פּריסטאַוו". מען גיט אויף אונדז שטרענג השגחה און מען ציילט אונדז אַפילו צוויי מאָל אַ טאָג. לויפן מיט אַ פור פון דאַנען, וואָלט זײַן אַ ברכה לבטלה. מיר וואָלטן נישט באַוויזן אָפּצופאָרן אַ דריטל וועג, ווי מען וואָלט אונדז מיט חרפּה געבראַכט צוריק אויפן אָרט. אוועקלאָזן זיך צו פוס איבער די וועלדער? דערויף האָט אונדז נישט קיין מוט און נישט קיין כּוח געסטײַעט. מיר האָבן זיך אָנגעהערט גענוג מעשיות פון די עלטערע, ווי אַזוי אייניקע יונגע, דרײַסטע פאַרשיקטע האָבן געוואַגט זיך אַוועקצולאָזן איבער די טיפע, געדיכטע וועלדער קיין וויאַטקע און זענען אין גאַנצן אומגעקומען אין וועג. אַנדערע האָט מען געכאַפּט אויסגעצערטע, אָפּגעריסענע און פאַרשיקט אין ווײַטערע דערפער. אַגב, האָט אונדזער ייִדישער אויסזען אונדז אויך געשטערט צו פאַרמאַסקירן זיך אין וואַנדערנדיקע דאָרפסלײַט, וועלכע לאָזן זיך אין ווײַטן וועג אַרײַן.

ס'איז נישטאָ קיין אַנדער מיטל, סײַדן אַרויסרײַסן זיך פון דאַנען אויף אַן אָפּענעם, לעגאַלן וועג. אָבער ווי אַזוי? איך האָב זיך געווענדט צו מײַנע פרײַנד אין פעטערבורג און געבעטן, זיי זאָלן מאַכן די נויטיקע שריט אין דער הינזיכט. מען האָט זיך שוין משתדל געווען אים פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט, בײַם מי-ניסטער, מען זאָל מיר דערלויבן אָפּפאָרן קיין אויסלאַנד. אָבער פון דאָרטן האָט זיך באַקומען אַ קלאָרע תשובה, אַז זיי קאָנען גאָר נישט טון פאַר מיר, ווײַל איך בין אַרויסגעשיקט לויט סקאַ-לאָנס פאַראָרדענונג, און זיי זענען קעגן אים „מאַכטלאָז". אין קאַנצעלאַריע פון וואַרשעווער גענעראַל-גובערנאַטאָר, ווידער, האָט מען לחלוטין אָפּגעזאָגט אַלע ביטעס פון מײַנע קרובים, צו ענ-דערן די פריִערדיקע פאַראָרדענונג.

גראָד צו יענער צײַט איז דער „איספּראַווניק" דורכגעפאָרן אונדזער דאָרף. ער איז געקומען צו דער קאָמיסיע, וואָס רעקרו-טירט יונגע זעלנער. מיר האָבן אים תיכף אָפּגעשטאַט אַ וויזיט און אים דערמאָנט זײַן הבטחה.

מיט אונדזער אויפפירונג איז ער אפילו געווען צופרידן, נאָר ער האָט סתם נישט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס ציט אונדז אַזוי אין קליין שטעטל: מיט וואָס איז ליאַדיינעפּאָליע בעסער ווי אָשטשי. נאָר אַז מיר האָבן אים אויסדערציילט ס'אַראַ פאַר-ברענטע יעגער מיר זענען און אַז מיר גייען ממש אויס פון בענקשאַפט נאָך „פּאָלאָוואַניע", איז ער איצט אַרײַן אין אונדזער לאַגע און איז מרוצה געוואָרן איבערצופירן אונדז אין פּאָוויאַט-שטעטל.

אין אײַלעניש האָבן מיר זיך אויסגעריכט אין וועג אַרײַן. מען האָט אונדז מיטגעגעבן אַלס שומר אַ „סטראַזשניק", וועלכער האָט אונדז באַדאַרפט צושטעלן צום פּונקט.

מיטן שיף קאָן מען שוין נישט פאָרן און ס'קומט אויס צו-מאַכן די נסיעה פער-אַקס. פאַר אונדז לויפן פאַרבײַ פרעמדע נאָך נישט געזעענע לאַנדשאַפטן: הויכע, בערגיקע נאָדל-וועלדער טיפע, תהומותדיקע טאָלן, — אַ ווילדע, אַן אומבאַרירטע נאַטור. מײַן אויג כאַפּט דאָס אַפילו נישט אויף, מײַנע געפילן זענען דערפון נישט גערירט. איך בין מיט אַלע מײַנע חושים ווײַט פון

דאַנען, מײַן גאַנץ װעזן איז דורכגענומען מיט איין פאַרלאַנג, װאָס שנעלער, װאָס פריִער קומען אין שטעטל און פון דאָרטן – װײַטער, צוריק אין דער אַלטער היים, צוריק צו דער אַרבעט...

ס׳קומט אויס אַזוי משונהדיק. אונדז בײַ דער זײַט זיצט אַ שומר, ער היט אונדזער יעדן טריט, ער באַזאָרגט פאַר אונדז פערד, ער טרײַבט־צו די פורמאַנעס און װייסט נישט, אַז ער איז אונדזער מיטהעלפער אין אונדזערע פּלענער, אַז ער באַטייליקט זיך אין דעם „פאַרברעכן", װאָס מיר באַגייען איצט; ער העלפט אונדז צו אַנטלויפן פון דאַנען.

מיר קומען אָן מידע, צעבראָכענע אין שטעטל. דאָס איז, אייגנטלעך, צװיי־דרײַ גרויסע, לאַנגע גאַסן פאַרבויט מיט הילצערנע געפאַרבטע הײַזלעך, מערסטנס צװיי־שטאָקיקע. דאָ װוינט אָבער די גאַנצע „נאַטשאַלסטװאָ" פון פּאָװיאַט, האָט עס דערפאַר דעם יחוס אָנצורופן זיך אַ פּאָװיאַטשטאָט.

דאָ איז אַפילו פאַראַן אַ לאַנדװירטשאַפטלעכע זעלבסטפאַרװאַלטונג (זעמסטװאָ), װוּ אין שפּיץ שטייען אייניקע גאַנץ ליבעראַלע לאַנדװירטן, װעלכע דערטרינקען, אַגב, זייער ליבעראַליזם אין ביטערן טראָפּן.

פאַרשיקטע זענען דאָ געװען אַ מאָן צען. עטלעכע פּוילישע אַרבעטער, װעלכע האָבן זיך שוין דאָ באַזעצט אויף פעסט, האָבן זיך נישט שלעכט אײַנגעאָרדנט און האָבן זיך געהאַלטן אָפּגעזונדערט פון דער איבעריקער קאָלאָניע. אייניקע קאַװקאַזער און אַ פּאָר ייִדן, פאַרשטייט זיך. די קאַװקאַזער זענען געװען מונטערע, פריילעכע לעביונגען, געװעזענע אָפיצירן, װעמענס הייסער טעמפּעראַמענט איז נישט אָפּגעקילט געװאָרן אַפילו אונטערן קאַלטן, שװינדזוכטיקן הימל פון צפון.

װוּ צו פאַרברענגען איז געװען בלויז איין אָרט – אין זעמסקן קלוב. אַהין פלעגן זיך צונויפקומען אין די אָװנטן די אָרטיקע „טשינאָװניקעס" מיט זייערע טעכטער. די טאַטעס פלעגן פאַרברענגען די שעהן בײַם בופעט, אין ליבעראַלע שמועסן אי־

בער פּאָליטיק און אין טרינקען „ברודערשאַפט" איינער מיטן צווייטן. די טעכטער — אין פלירט און אין טענץ.

אָבער אַזוי ווי די אָרטיקע קאַוואַליערן זענען געווען צו ווייניק „עלעגאַנט" און צו קנאַפּ פאַר די בליִענדיקע לאָדיינע־פּאָליער טעכטער, האָבן זיי נישט געקאָנט אויסקומען אָן די פּאַר־שיקטע. נישט איין מאָל זענען זיי געווען געצוווּנגען דורך דעם „איספּראַווניקס" טעכטער פועלן בײַם פּאָטער, ער זאָל קאָמפּלעטירן די צאָל קאַוואַליערן מיטן אַראָפּברענגען „זײַנע" פאַרשיקטע פון די ווײַטע דערפער.

איך און מײַן קאָלעגע טעפּליצקי זענען אמת נישט געווען אַזאַ געוווּנטשענער עלעמענט פאַר די יונגע לאָדענעפּאָליער דאַמען. אונדז איז געווען פרעמד די טאַנצקונסט, מיר זענען גע־ווען פאַר איר אַ „שלעכטער שטאָף" און האָבן אַפילו נישט גע־געבן קיין האָפענונגען אויף להבא.

דערפאַר אָבער האָבן זיך מיט אונדז „אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם" זייערע טאַטעס. יעדער פון די דאָזיקע אַלטע „טשינאָווני־קעס" האָט געהאַט אין זײַנע יונגע יאָרן זײַן „געשיכטע". געווען אַ מאָל פאַרמישט אין אַ „טריבן" ענין. „געליטן" פאַר די אידיי־ען און איז ענדלעך מגולגל געוואָרן דאָ, אין דעם זומפּיקן תהום. איצט איז אים פאַרבליבן אויסצורעדן זיך דאָס האַרץ, דערמאָנען זיך די „שיינע" צײַטן און פאַרגיסן שיכורע טרערן אין קלוב־בופעט.

אָבער אויסער די דאָזיקע „זומפּיקע" לײַט מיט אַ „קראַנקן געוויסן", זענען שוין געווען אין שטעטל אייניקע יאָדריקע, פעס־טע אָפּאָזיציאָנערן, וועלכע האָבן פאַרנומען אַן אָפענע, קלאָרע שטעלונג צום דעמאָלטיקן רעזשים. דאָס זענען געווען דווקא סוחרים, וועלכע זענען געווען געכאַפּט אין דער מעשה און האָבן זיך געפונען אונטער דער שטאַרקער השפּעה פון פּעטערבור־גער ראַדיקאַלע צײַטונגען, וועלכע זיי פלעגן שטודירן מיט גרויס התמדה.

איינער פון די דאָזיקע סוחרים האָט געהערט אפילו צו אַ קאָמיטעט פון רויטן „קרייץ", וועלכער האָט געהאַט דעם צוועק

צו באַזאָרגן מיט סובסידיעס און בײַהילפֿיק זײַן די, וואָס האָבן באַשלאָסן צו לויפֿן. צו דעם דאָזיקן סוחר האָבן מיר זיך אויך געווענדט מיט אונדזער ענין.

פֿריִער פֿון אַלץ האָבן מיר זיך געמוזט אײַנאָרדענען אַזוי דאָס אונדזער פֿאַרשווינדן ווערן אויף אַ צײַט, זאָל נישט אַרויס־רופֿן בײַ דער מאַכט קיין שום חשד. און דאָס איז געווען גאַנץ לײַכט צו דערגרייכן. דער טעם, צוליב וועלכן מען האָט אונדז דערלויבט צו קומען אַהער, איז דאָך געווען אונדזער לײַדנשאַפֿט צו יאַגד. האָט זי אונדז טאַקע אָנגעהויבן צו צערן מיט אַ כּוח, נישט צום גובר זײַן.

מיר האָבן זיך באַזעצט אין איין הויז מיט די טומלדיקע קאַווקאַזער חברה. יעדן טאָג פֿלעגט דאָרט אימיצער פֿון זיי אויף דער אמתן זיך אַוועקלאָזן אויף „פּאָלעוואַניע״ פֿלעגן מיר כּלומרשט מיטמאַכן מיט זיי די אונטערנעמונג.

בטבע קאָן איך נישט פֿאַרטראָגן דעם ווילדן בלוטדורש־טיקן יאַגד־ספּאָרט. וויפֿל מיר איז נישט אויסגעקומען צו ווינען אין די דערפֿער, פֿלעג איך שטענדיק אָרגאַניש שפּירן אַ שטאַרקע אָפּנייגונג צו אַזעלכע סאָרטן „צײַטפֿאַרווײַלונגען״. פֿלעג איך טאַקע איצט אויך אויסמײַדן דעם פֿאַרגעניגן צו באַגלייטן די יעגער אין וואַלד אַרײַן. איך פֿלעג אויף אַ טאָג אָדער צוויי זיך פֿאַרשליסן בײַ מיר אין צימער, זיך נישט באַווײַזן אויף דער ליכטיקער שײַן. דעם „סטראַזשניק״ פֿלעגט אָפֿט אויסקומען צו ראַפּאָרטירן זײַן „נאַטשאַלסטוואָ״, דאָס מיר געפֿינען זיך אויף יאַגד און יע־נער פֿלעגט פֿאַרן גאַנצן שטעטל זיך באַרימען מיט זײַנע „וואַר־שעווער״, וואָס זענען אַזעלכע פֿאַרביסענע יעגער.

אַזוי האָבן מיר באַאַרבעט אונדזערע אויפֿזעער. זיי האָבן זיך שוין צוגעוווינט צו דעם, אַז מיר פֿאַרשווינדן אויף עטלעכע טעג און באַווײַזן זיך נאָך דעם ווידער בשלום. איצט איז שוין געקומען די רעכטע צײַט צו לאָזן זיך אין ווײַטן וועג אַרײַן. אונדזער סוחר האָט באַשטעלט פֿאַר אונדז אַ זיכערן מענטש מיט אַ פּאָר גוטע פֿערד. יענער דאַרף אונדז צושטעלן צו זײַנעם אַ באַקאַנטן, וואָס וווינט מיט אַ הונדערט וויאָרסט ווײַטער. דאָרטן וועט מען גע־

שווינד בײַטן די פערד און ווײַטער זיך לאָזן צו אַ באַנסטאַציע, וואָס ליגט אויף דער וויאַטקע־פּעטערבורגער ליניע.

באַצײַטנס נאָך האָבן מיר זיך צוגעגרייט מיט פּאַסיקע מלבושים, וועלכע זענען נייטיק אין אַזאַ וועג. דערבײַ קאָן איך עד־היום נישט פאַרגעסן אַזאַ סצענע: אין שטעטל האָט געוווינט אַ יידישע פאַמיליע, וואָס האָט געהאַנדלט מיט פוטער און אַלערליי רויכוואַרג. בכלל האָבן זיך די יידן געהאַלטן פון אונדז אָפּגעזונדערט און האָבן מורא געהאַט אונטערצוהאַלטן מיט אונדז אָפענע באַציִונגען.

בײַ דעם דערמאָנטן סוחר האָב איך געהאַנדלט אַן אַלטן פוטער, וואָס האָט מיר געדאַרפט צוגעבן אַ סאָלידן אויסזען. פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב פון אים פאַרבאַהאַלטן דעם צוועק פון דעם מלבוש און האָב עפּעס פאַרציילט אַ מעשה וועגן אַ נסיעה אין אַ דאָרף וווהין איך דאַרף פאָרן. מײַן סוחר האָט געשוויגן און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

בײַם געזעגענען זיך אָבער האָט מיר זײַן פרוי דערלאַנגט אַ גרעסערע באָמבאָניערקע אין וועג אַרײַן. „איר האָט נישט פאַר אונדז וואָס מורא צו האָבן" — האָט זי מיר באַרויִקט — „מיר פאַרשטייען אַלץ און ווינטשן אײַך אַלדאָס גוטס". איך בין פון דער מעשה נשתומם און גערירט געוואָרן צוזאַמען.

מען האָט זיך געמוזט צעשײַדן מיט דער רײַזע. אונדזער פויער האָט אונדז אָפּגעוואַרט הינטערן שטאָט, אין ערשטן וועלדל. אונדזערע זאַכן זענען פריִער בשתיקה איבערגעטראָגן געוואָרן צו אונדזער ראַדיקאַלן סוחר, ווו אונדזער פורמאַן האָט זיי גענומען צו זיך. מיר זענען אַוועק אויף יאַגד אין אונדזערע געוויינלעכע מלבושים און זיך באַגעגנט מיטן פורמאַן. אַלץ איז אַראָפּ בשלום. די פערד זענען גוט אויסגעפּאַשעט, זיי לויפן זייער שנעל; דער שניי פאַלט שטיקערווײַז און ס'איז זייער אַ גוטער שליטוועגס. אונדזער פורמאַן אָבער איז זייער נישט צופרידן מיטן וועטער. „ איך האָב געוואַרט אויף אַ פרעסטל", זאָגט ער אונדז מיט אַ זויערער, געפאַלענער שטים. מיר זענען נאָך אַלץ נישט תופס דעם

גאַנצן ענין און פאָרן האַסטיק מיט פאַרמאַכטע אויגן און לײַכטן געמיט.

גיך אָבער בלײַבט אונדזער פורמאַן שטיין. מיר עפענען די אויגן און קוקן, וואָס ס'איז געשען. „פאָרן ווײַטער?“ — פרעגט אונדז דער פויער אין גרויס יאוש. מיר קוקן אויף אים פאַרחידושט און פאַרשטייען נישט זײַן פראַגע. „דער טײַך איז נישט זיכער“ — דערקלערט ער אונדז. — „קיינער איז נאָך אויפן אײַז נישט געפאָרן און ער קאָן זיך נאָך איבערברעכן“.

אַזאַ מניעה האָבן מיר גאָר נישט דערוואַרט. דאָס איז שוין געווען אָנהייב נאָוועמבער, ווען געוויינלעך שטייען שוין די טײַכן דאָרט שטאַרק פאַרפרוירן. דאָס מאָל אָבער איז געווען אַ לינדער ווינטער און דאָס אײַז האָט אַ ביסל אָפּגעלאָזן. מיר דאַרפן זײַן די ערשטע און אים אויספּרובירן.

אָבער ס'איז נישט צו מאַכן. „פאָרט!“ באַפעלן מיר שטרענג דעם קווענקלענדיקן פויער. ער צלמט זיך איבער און טוט אַ שמיץ די פערד. דער שליטן גליטשט זיך לופטיק איבערן אײַז. פון צײַט צו צײַט אָבער גליטשט ער זיך עפּעס אַרײַן, ווי אין אַ גרוב. די פערד הייבן די פיס איבערן שניי, לאָזן זיך אָבער אַראָפּ מיט איין פוס אין אַ פּײַכטן לאָך. דער פויער צלמט זיך די גאַנצע צײַט. בײַ אונדז גיסט זיך פון אַנגסטן אַ שטאַרקער שווייס. אַלע מאָל טוט אַ קלאַפּ אין מוח און קערט איבער אַלע אברים אינעווייניק.

צי וועלן מיר זיך אַרויסבאַקומען פון דעם גלאַטן אָפּגרונט, אָדער מיר וועלן שוין דאָ פאַרבלײַבן אונטערן אײַז? אייניקע מאָל בלײַבט דער פויער שטיין אין אומבאַשלאָסנקײַט און וויל ווײַטער נישט פאָרן. „אפשר אומקערן זיך?“ — פרעגט ער בײַ אונדז אין צאַפּלדיקן פחד. מיר אָבער באַפעלן אים צו פאָרן ווײַטער און נישט רעדן.

ענדלעך דערנענטערן מיר זיך שוין צו צום צווייטן ברעג. דער שליטן לאָזט זיך אין איין אָרט שווער אַראָפּ אין אַ צערי־בענעם אײַז, די פערד אָבער ציִען אים מיט אַ געשיקטער פלינ־קײַט אַרויס פון דער גרוב און מיר זענען שוין אויף דער יבשה.

דעם ערשטן טײַך, דעם סוויר, האָבן מיר דורכגעמאַכט און די סכּנה איז שוין פֿאַרבײַ.

איצט וועט אונדז שוין קיינער נישט דעריאָגן. ווײַל, אפֿילו מען זאָל זיך כאַפּן, אַז מיר פֿעלן, וועט קיינער פֿון די שומרים נישט ריזיקירן צו לאָזן זיך איבער אַזאַ געפֿערלעך אָרט. אונדזער פֿויער האָט זיך איצט גענומען צלמען פֿון גרויס שמחה, און ער האָט לכּבוד דעם נס אויסגעטרונקען אַ גאַנצע פֿלאַש בראָנפֿן.

אויף מאָרגן פֿרי זענען מיר שוין געזעסן אין צוג, וועלכער האָט אונדז געפֿירט קיין פּעטערבורג און פֿון דאָרטן קיין ווילנע, וווּ ס'האָט דעמאָלט געהאַט זײַן זיצאָרט דער צענטראַל־קאָמיטעט.




פון רעכטס אויף לינקס: ביינוש מיכאַלעוויטש, ב. וולאַדעק, זיבערט און נח,
בעת ב. וולאַדעקס באַזוך אין פוילן אין יאָר 1923.

# ביינוש מיכאַלעוויטש
# וועגן שרייַבער



# י. ל. פּרץ

יעדער יאָרצײַט פון דעם גרויסן דיכטער דערמאָנט אונדז׳ז מיט פרישן ווייטיק די גרויסע אַבידה, וואָס מיר אַלע און אויפן ערשטן פּלאַץ די ברייטסטע ייִדישע אַרבעטער־מאַסן — האָבן געליטן פון דעם פּלוצלינגן טויט פון י. ל. פּרץ. די ווונד, וועלכע האָט זיך שוין מיט אַ העלפט פאַרצויגן, הייבט אָן פון דאָס נײַ פּריש, שמערצלעך צו טריפן, און בולט פּוסט, מוראַדיק גרויס איז דער חלל, דאָס ליידיק אָרט, וואָס איז פאַרבליבן אין אונדזער ליטעראַטור מיטן טויט פון אונדזער דיכטער און קולטור־שעפער.

דען פּרץ איז געווען נישט נאָר דער מײַסטער פון ייִדישן וואָרט, נישט נאָר דער דיכטער פון ייִדישן עלנט און פּײַן, נאָר אויך דער שעפער, דער קינסטלערישער בויער פון נײַע, און באַרײַכנדיקע וועלטן.

דער ענגלישער פילאָזאָף און קריטיקער קאַרלײַל האָט זיך אַמאָל אויסגעדרוקט, אַז די ברייטע פאָלקסמאַסן — דאָס זענען די טרוקענע דערנער אין לעבנס־מדבר. דער גרויסער מענטש — דאָס איז דער בליץ, וואָס צינדט אָן מיט זײַן ברענענדיק פײַער די דאַרע צווײַגלעך, וועלכע הייבן אָן, אַ דאַנק אים, צו פלאַקערן.

מיר זענען נישט מסכּים מיט דעם דאָזיקן אַפאָריזם. פאַרקערט, מיר מיינען, אַז אין די מאַסן גופא ליגן באַהאַלטן, אַזוי צו זאָגן, פּאָטענציעל, גאַנצע קוואַלן פלאַמענדיקע פײַער. ס׳דאַרף

נאָר קומען דער כּוח פון גרויסן קינסטלער און באַרירן מיט זײַ-
נע פינגער די טרוקענע ערטער — און די דערנער פלאַקערן זיך
פונאַנדער מיט אַ העלישן פײַער און ס'בליצט מיט אַ הימלישן
ליכט, עס שרפהט און ברענט. דאָס לײַכט דער אָפּגלאַנץ פון
פאָלקסלעבן אין דעם א י נ צ י ק ן. דאָס בליצט די גרויסע, קאָנ-
צענטרירטע מאַסע אין נשמה פון דיכטער.

י. ל. פּרץ איז געווען דער, וועלכער האָט זיך אָנגעצונדן
אין באַרירונג מיט די ייִדישע מאַסן, וועלכער האָט אויפגעפלאַמט
פון דעם באַהאַלטענעם, אינעווייניקסטן פײַער. פון די פאַרדאַרטע
צווײַגן האָט ער בליצן אויסגעהאַקט און אויף זייער פײַער נײַע
וועלטן פאַר אונדז געשמידט.

דאָס לעבן פון די מאַסן, זייער האַנדלען און וואַנדלען,
זייערע פריידן און לײַדן, זייערע מחשבות און געדאַנקען זענען
דורך אים איבערגעשאַפן געוואָרן אין שיינע קינסטלערישע גע-
שטאַלטן און ער האָט זיי פאַר די זעלבע מאַסן אַ מתנה געבראַכט.

פון פאָלק גענומען, דעם פאָלק צוריקגעגעבן.

אַזוי האָט דער יונג-אַלטער פּרץ געאַרבעט אין זײַן לאַנגן,
פאַר אונדז קורץ-פאַרשווונדענעם, שעפערישן לעבן.

און איצט, ווען דאָס לעבן איז אַזוי כאַאָטיש פאַרפּלאָנטערט
ווען די יסורים זענען אַזוי ברענענדיק-פּײַנלעך, די שטרעבונגען
אַזוי הויך, די פאַרלאַנגען אַזוי אומבאַשרענקט, — ווען עס פאָ-
דערט זיך אַזאַ נביאיש-מוטיקער גײַסט פאַר די מאַסן, פילן מיר
אַמשטאַרקסטן, ווי עס פעלט אונדז ערשט אונדזער גרויסער פּרץ.
ווי פאַריתומט מיר זענען פאַרבליבן אין יענעם טריבן חול-המועד-
טאָג, ווען עס האָבן זיך פאַרלאָשן די ברענענדיקע שיינע אויגן
פון דעם א י נ צ י ק ן און א ו י ס ד ע ר ו וי ל ט ן.

* * *

יעדע גרויסע פּערזענלעכקײַט, יעדע עפּאָכעמאַכנדיקע אינ-
דיווידואַליטעט, יעדער אויפגעקומענער גײַסט שפּרינגט נישט
אַרײַן אין זײַן דור „פון העלער הויט”, פּלוצלינג, אומדערוואַרט,
אַזוי ווי ווענוס, וואָס דערשײַנט פון ים-שוים.

אין שויס פון דער צײַט גופא, אין די פּאַלבן פון דער געגעבענער עפּאָכע זאַמלט זיך פריִער אָן דער נײַער שטאָף, שאַפט זיך קודם כּל די געגענדערטע מאַטעריע, וועלכע ווערט שפּעטער אין נײַעם גײַסט אומגעוואַנדלט. די גרויסע מענטשן דערהערן בלויז פריִער, ווי די אַנדערע, די נײַע שטים פון דער צײַט, דערזען ווײַטער, ווי די איבעריקע, די גרויסע איבערקערענישן און נײַע באַדערפעניש, וואָס די אָנקומענדיקע צײַט ברענגט מיט זיך. אויף די אַקסלען פון זײַן דור הייבט זיך דער גרויסער מענטש אויף, מיט זײַן ווײַטער ראיה קוקט ער אַרײַן אין די צײַט־טיפעניש און דערציילט אונדז אירע סודות, פאַרקינדעט און טײַטשט אונדז אויס אירע באַגערן און שטרעמונגען. יעדע צײַט האָט איר „גייסט", איר אויסשפּרעכער, איר וואָרט־זאָגער און אידייע־גרינדער.

אָבער די ראָל פון דער גרויסער פּערזענלעכקײַט איז נישט נאָר אַן אויטאָמאַטישע: די צײַט דריקט אויף איר אָן און פון איר שפּרינגען אַרויס אידייען, פאַרברויכבאַר צום געניוס פון מאַרק. די ווירקונג צווישן דער שאַפנדער אינדיווידואַליטעט און דער צײַט איז אַ קעגנזײַטיקע. די סביבה האָט איר אומבאַדינגטע השפעה אויף דעם אינדיווידוום, אָבער אויך ער איבט אויס זײַן השפעה אויף דער סביבה. די עפּאָכע שאַפט „דעם גייסט", אָבער קוים ווערט ער אַרויסגערופן צום לעבן, ווירקט ער שוין אויך „עפּאָכע־מאַכנד". אויב די פּערזענלעכקײַט איז דער אויסדרוק פון דער צײַט, טראָגט די לעצטע אָבער אויף זיך דעם שטעמפּל פון דער פּערזענלעכקײַט, וועלכע דריקט זיך אויס אין קלאָרע געשטאַלטן, דערהייבט זיך צו אַ מדרגה פון העכערע ווערטן און שטויסט זי צו אַ נײַער אַנטוויקלונג, צו געענדערטע פאָרמען.

דאָס איז דער אייביקער וועקסל־פּראָצעס צווישן דער מאַטעריע און גײַסט, צווישן דער מאַסע און דער גרויסער פּערזענלעכקײַט. די ערשטע, איר בענקשאַפט און זוכעניש, איר געראַנגל און שטורעם, אירע לײַדן און פריידן, ווערן פאַרצערט און אויפגענומען, אײַנגעזאַפּט און איבערגעגאָסן אין דער פּערזענלעכקײַט. די לעצטע אָבער ברענגט צוריק אויף אין דער מאַסע, שטראַלט אַרויס פון דער גרויקײַט, שײַנט מיט אַלע פאַרבן פון דער זוני־

קער נשמה אין דער איינטאָניקײט, דונערט אַרויס מיט אַלע בליצן און שטורמען פון דער אײַנשלעפערנדיקער אַלטעגלעכקײט.

די פערזענלעכקײט און די מאַסן. דער צײַט־גײַסט און די צײַט.

פרץ און זײַן דור.

די 90טע יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט זענען געווען „דער שטורעם און דראַנג־פעריאָד" אין דער ייִדישער קולטור. די סאָציאַלע דיפערענציאַציע בײַ די ייִדן אין די מזרח־לענדער איז שוין דערגאַנגען צו אַ הויכער מדרגה. דער פריִערדיקער „עם־הארץ", דער „המון" „די באַלמעלאָכעס" און „חברה פועלים" האָבן זיך אויסגעקריסטאַליזירט אין אַ געזעלשאַפטלעכן קלאַס, מיט אַן אייגנאַרטיקער פיזאָנאָמיע, מיט אַ זעלבשטענדיקער פסיכאָלאָגיע, מיט אַ ברענענדיקן דורשט צו וויסן און פאַרשטאַנד, מיט אַ שטאַרקן דראַנג נאָך נײַע קולטור־פאָרמען. זיי, די ערשטע באַוווסטזיניקע אַרבעטער־קרײַזן פון יענער צײַט, וועלכע האָבן מיט זיך אויסגעדריקט אין דער פאָטענץ די באַדערפענישן פון ייִדישן אַרבעטער־קלאַס, האָבן געמוזט שאַרף איבעררײַסן מיט דער צעשפּאָלטנקײט, מיט דער צוויי־פּנימדיקײט פון דער ייִדישער קולטור. זיי האָט נישט געקאָנט באַפרידיקן די פשרה־קולטור געשאַפן דורך דעם באַלעבאָס און קרעמער פון דער השכלה־עפּאָכע: אַ ייִד אין שטוב און אַ מענטש אין גאַס, אַ שפּראַך פאַר דעם וואָכעדיקן געברויך און אַ יום־טובדיקע קאַפּאָטע, די הייליקע שפּראַך פאַר אַ שבתדיקן גענוס, ביכלעך אויף „עברי־טײַטש", אויף דעם לשון פון דער דינסט, און אַ העכערע ליטעראַטור פון דער גבירטע, דער באַלעבאָסטע. די יידישע שפּראַך — און נאָר זי אַליין האָט געמוזט פאַר זיי פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ קולטור־שפּראַך, במילא אויך אין אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך.

זיי האָבן אין דער ייִדישער ליטעראַטור געזוכט אַן ענטפער אויף די נײַע פראַגן, וואָס האָבן זיך פאַר זיי אַוועקגעשטעלט. זיי האָבן געגאַרט נאָך אַן אָפּשפּיגלונג פון זייער לײַד און פּײַן, פאַרלאַנגט אַ באַהאַנדלונג פון העכערע פּראָבלעמען.

בײַ זיי איז נישט געווען דער דואַליזם צווישן ייִדן און

מענטשן. זיי האָבן דעם מענטשן אין זיך, אין דעם היים, אין דער ענגער געטאָ דערפילט און האָבן געזוכט דעם סינטעז צווישן אים און ייִד. זיי האָבן געוואָלט זײַן גאַנצע מענטשן לויט פאָרם און גאַנצע מענטשן לויטן אינהאַלט. די אַלטע קולטורווערטן, געשאַפן אין דער עפּאָכע פון דעם רבניש־תּקיפישן פעריאָד, האָבן פאַרלוירן פאַר זיי זייער גאַנגבאַרקייט, ווי אַלטע מטבעות, וועלכע קאָנען אין אַ מוזעום אַרײַנגעלייגט ווערן, אָבער טויגן שוין נישט צום מאַרק־געברויך. אַליין יונג, מוטיק און קאַמפּספּעיִק, האָבן זיי געבראַכט מיט זיך אַ נאָכפראַגע אויף אַ יונגע, געזונטע, לעבנסלוסטיקע און קאַמפּס־שטורמישע ליטעראַטור.

און איינער פון די ערשטע, וועלכער האָט זיך אָפּגערופן מיט אַ ברויזנדן שטורעם אויף די דאָזיקע באַדערפענישן איז געווען דער „לעצטער משׂכּיל״ און האַלבער אַסימילאַטאָר, דער העברעיִשער פּאָעט און טיפּישער אינטעליגענט — י. ל. פּרץ. מיט זײַן טיף פילנדן האַרץ האָט ער דערפילט די סאָציאַלע גערעכטיקייט פון דעם נײַ־אויפקומענדיקן קלאַס, מיט זיין טיפן אָדלערבליק האָט ער דערזען די פּאָטענציעלע כּוחות פון די איינצלנע נײַע מענטשן, מיט זײַן שטורמישער התלהבותדיקער נשמה האָט ער זיך באַהעפט מיט די קעמפנדיקע מחנות פון די „נייע ייִדן״. מיט זײַן דיכטערישער אינטויִציע האָט ער אין די דאָזיקע „מאַטעריאַליסטישע״ געשטאַלטן דערשפּירט דעם ניצוץ פון די שבתדיקע, נשמה־יתירהדיקע מענטשן, צו וועלכע ער האָט זײַן גאַנץ לעבן אַזוי געבענקט.

פּרץ האָט דעמאָלט איבערגעריסן שאַרף און אַנטשידן מיט דער אַלטער וועלט, איז געוואָרן איינער פון די מוטיקע און דרײַסטע בויער פון דער נײַער קולטור. האָט אויסגעשפּאָטן גאַליק די, וואָס האָבן גערופן צום שלום. „פאַר שלום״, האָט ער געשריבן אין יענער צייט, „האָב איך מורא״. „פאַר שטילקייט ציטער איך אימת־מות! שלום איז צווישן גנבים, ווען זיי גרייטן זיך צו דער פינצטערער מלאכה״. „שלום און שטיל איז אויפן בית־הקברות״... „שטיל איז נאַכט און טויט״, „שלום איז דער שקר אַליין״.

מיט דער דאָזיקער קאָמפּס־שטימונג האָט זיך פּרץ דורכ־
געדרונגען בעת ער איז צוגעטרעטן צו שאַפן די נײַע מענטש־
לעכע פאָרמען אין דער ייִדישער קולטור. אין זיין פּאָלעמיק, אין
זײַנע אָנפאַלן אויפן חיבת־ציון, אויפן שאָוויניזם און אָפּפרישנדיקן
לשון־קודשיזם, האָט ער נישט געוווסט פון קיין הייליקײַטן, פון
קיין קאָמפּראָמיסן. „ייִדיש" – האָט פּרץ געזאָגט מיט יאָרן שפּע־
טער אויף דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ – „איז אונדזער שפּראַך
און אויף אונדזער שפּראַך ווען מיר זיך דורכלעבן און אונדזערע
קולטור־גיטער באַשאַפן, אונדזער נשמה ווײַטער וועקן. מיר ווילן
קיינעם נישט דינען. פעלקער־לאַקײַען קאָנען קיין קולטור־גיטער
נישט שאַפן, זאָל ייִדיש ווערן צווישן אַלע וועלט־שפּראַכן אַ גלײַכ־
באַרעכטיקטע שפּראַך. מיר ווילן האָבן אַ זעלבשטענדיקן מאָטיוו
אין דער פעלקער־סימפאָניע".

די דאָזיקע אויסגעהאַלטנקײַט, די דאָזיקע קאָמפּראָמיסלאָזע
שטעלונג בנוגע דער ייִדישער קולטור האָט זיך בײַ פּרצן, בלי־
ספק, געשטיצט אויף דער אויפקומענדיקער ייִדישער אַרבעטער־
באַוועגונג, אויף די אַנטשטאַנענע נײַע כּוחות אין ייִדישן לעבן.
אין דער אויבן ציטירטער רעדע איז דאָס פּרץ אַליין מודה: „דאַן
באַווײַזט זיך" – זאָגט פּרץ – „דער ייִדישער אַרבעטער, דער ייִדי־
שער פּראָלעטאַריאַט און שאַפט זיך זײַן אינסטרומענט פאַרן קאַמף,
פאַר זײַן לעבן, זײַן אַרבעטער־קולטור אויף ייִדיש. דער אַרבעטער
באַגעגנט זיך נישט מיט תּחינות און תּפילות פון דער ווײַבער־
שער שול און נישט מיט וווּנדער־געשיכטן אין קלויז. ער וויל און
מוז זיך אויסלעבן אויף ייִדיש. און עס באַווײַזט זיך דאָס ייִדישע
בוך אין דער ייִדישער שפּראַך".

עס באַווײַזט זיך נישט נאָר אַ יידיש בוך, נאָר אַ ריין איי־
ראָפּעיִש בוך אויף ייִדיש. פּרץ איז דער ערשטער, וועלכער האָט
אין דער ייִדישער ליטעראַטור די פענצטער אויף איירָאָפּע ברייט
געעפנט. פּרץ האָט די ייִדישע קולטור נישט נאָר פאַרוועלטלעכט,
ווי עס האָבן געטון די משׂכּילים, נאָר אויך פאַרמענטשלעכט, איי־
ראָפּעיִזירט. פּרץ האָט אין דער ייִדישער ליטעראַטור אָנגעהויבן
צו באַהאַנדלען אַלע פראַגן און פּראָבלעמען, וואָס האָבן אינטע־

רעסירט און געמאַטערט דעם נ ײַ ע ם מ ע נ ט ש ן, אַלס סאָציאָל און פּיכאָלאָגיש וועזן און האָט דערמיט די נײַע ייִדישע קולטור אַוועקגעשטעלט אויף שטאַרקע מאַרמאָר־זײַלן, וועלכע קיין שטורעמס וועלן שוין נישט אומוואַרפן.

פּרץ האָט נישט נאָר צוגעהערט זיך צו די באַדערפעענישן פון זײַן דור. ער האָט אויך בײַ אים נײַע באַדערפעענישן געשאַפן און אַרויסגערופן. מיט זײַן עקל, וואָס ער האָט געוועקט צו אַלע קלײניקײַטן, צו יעדער וואָכעדיקײַט אין לעבן, מיט זײַן ציִען זיך צו דער שיינקײַט פון די הימלען, צו די בערג און זייערע הויכקײַטן האָט ער אויפגערודערט די שטילקייט פון געמויזעכץ, האָט ער געשאַפן בײַ זײַנע לעזער „אַ הייליקע אומצופרידנקייט" און בײַ זיי אַרויסגערופן אַ ברענענדיקע בענקשאַפט נאָך אַ נײַעם לעבנס־שטייגער.

געלעבט אונטער דער שטאַרקער השפּעה פון זײַן סביבה, רעאַגירט און זיך אָפּגערופן מיט זײַן פילנדיק האַרץ אויף אַלע אירע רופן און זוכענישן, האָט ער אין דער זעלבער צײַט אויך געהאַט אַ שטאַרקע השפּעה אויף דער סביבה, האָט זי מיט זײַן שטעמפּל געצייכנט און זי נאָך זיך געצויגן אויף נײַע, אומבאַקאַנטע וועגן.

פּרץ איז אַרײַנגעדרונגען אין די טיפענישן פון די פאָלקמאַסן, און פון דאָרטן האָט ער זײַנע אוצרות געשעפּט, אויפן פײַער פון זײַן הייסן, פלאַקערדיקן האַרץ האָט ער זיי באַאַרבעט אין קאָסטבאַרע מעטאַלן אויסגעלײַטערט און זיי צוריק די מאַסן געבראַכט אַלס שיינע, טײַערע מתּנה, אַלס גענוסבאַרע און רײַכע קולטור־ווערטן. און מיט דעם האָט ער זיך אויסגעבויט אין די הערצן פון די ייִדישע מאַסן אַן אייביקן דענקמאָל, זיכערער ווי יעדער שטיין, פעסטער ווי דאָס שאַרקסטע אײַזן.

* * *

אונדזער פּרץ —

דאָס איז בײַ אונדז נישט קיין פראַזע און נישט קיין באַרימערײַ. מיר מיינען נישט צו פאַרכאַפּן פּרצן, אים בײַ וועמען

עס איז צו „רעקווירירן״. מיר קאָנסטאַטירן בלויז אַ פּאַקט, מיר שטעלן פעסט דאָס, וואָס ס'איז אין דערווירקלעכקייט.

און אַ פאַקט איז, אַז פּרץ האָט זיך האַרמאָניש אַרײַנגעפלאָכטן אין דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג. ער איז געוואָרן דאָרט אַ שטיקל לעבן, — אונדזער יום־טוב, אונדזער באַגײַסטערונג.

ווײַל פּרץ איז געווען דער ערשטער און איינציקער אין זײַן צײַט, וועלכער האָט די ייִדישע ליטעראַטור אַ מעכטיקן שטויס געגעבן פון דעם אַלטן, פאַרשימלטן געמויזעכץ. דרײַסט און שטורמיש האָט ער זי אַרויסגעריסן פון דעם קליינעם, אָרעמען וועגעלע פון רב מענדעלען, פון שלום־עליכמס באַלעבאַטיש־באַשרענקטע כתרילעווקע. ער האָט דער ערשטער אַרויסגעפירט די ייִדישע ליטעראַטור אויף די ברייטע אייראָפּעיִשע שליאַכן פון מענטשן־און וועלט־פּראָבלעמען, און האָט זי מיטן ריטם פון אונדזער צײַט פאַרבונדן.

ווײַל פּרץ איז געווען דער ערשטער און איינציקער אין דער ייִדישער ליטעראַטור, וועלכער האָט דערפילט די פּײַן און נויט פון אַרבעטער־לעבן. נישט די נויט פון גלופּסק און קאַבצאַנסק, נישט די פּײַן פון די צעשראָקענע עדה מילבן, נאָר די אַרבעטער־נויט און די אַרבעטער־פּײַן. ווײַל פון זײַנע ווערק האָבן מיר צום ערשטן מאָל דערהערט אויף ייִדיש אונדזער דורשט נאָך יושר און אונדזער געשריי נאָך דערלייזונג.

ווײַל פּרץ איז געווען דער ערשטער און איינציקער אין דער ייִדישער ליטעראַטור, וועלכער האָט איר געגעבן אַן אידייע, האָט פאַר איר געשאַפן אַ ציל און זי דערהויבן צו דער מדרגה פון אַ קולטור.

ווי האַרמאָניש די צײַט האָט זיי צוזאַמענגעפירט. זיי, די בויער און שאַפער פון דער מאַטעריעלער קולטור, וואָס נייען הובלען און זעגן, מענטשן, וועלכע מען האָט דעגראַדירט צו דער מדרגה פון שלעפּ־פערד און זיי בלויז פאַר „הענט״ געמאַכט, און אים — דעם שטורמער און שעפער פון דער גײַסטיקער קולטור, דעם דיכטער פון די „באָנטשע שווײַגס״, „יוחננס די וואַסער־

טרעגערס״, פון די „סאָטיע פּישערס״ און אַנדערע „שטומע נשמות״.

זיי האָבן זיך אין זייער דראַנג און באַגער צו אַ נײַ לעבן צוזאַמענגעטראָפן, זיך אויפן ווונק פאַרשטאַנען און איינער מיט די אַנדערע אויף אייביק זיך באַהעפט. פּרץ איז געווען דער אויפּברויז, דער זונען־אויפגאַנג, דאָס אויפגעוועקטע געמיט פון די יידישע אַרבעטער־מאַסן.

יעדע שעפערישע צײַט פלעכט צונויף די דערוואַכטע מאַסן מיט די שאַפנדיקע פּערזענלעכקייטן, — מעגן זיי זיך געפינען סאָציאַל אויף אַ ווײַטן מהלך.

אַזאַ שעפערישע צײַט איז אויך געווען אין די 90טע יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט. זיי האָבן געבוירן, אין ווייטיק און שמערץ געבוירן דעם יידישן אַרבעטער־קלאַס, אַ נײַעם קלאַס מיט נײַע אידעאַלן, מיט שטאָלצן באַוווסטזײַן, מיט שעפערישע אַספּיראַציעס. און דער געבורט פון דעם דאָזיקן קלאַס, זײַנע שטרעבונגען און קאַמפן, זײַן העראָישער געראַנגל און פליגלדיקע אידעאַלן האָבן מעגלעך געמאַכט דעם געבורט פון די דרײַ פּערזענלעכקייטן י. ל. פּרץ, וולאַדימיר מעדעם און ווילנער שוסטער, הירש לעקערט.

די אַלע דרײַ, אויסערלעך אַזוי פאַרשידן, דריקן אויס מיט זיך די פילזײַטיקייט און פילפאַרביקייט פון דעם נײַגעבוירענעם, שטאָלצן, שעפערישן ייד־מענטש, ייד־קעמפער, ייד־סאָציאַליסט. פּרץ האָט אַרײַנגעבלאָזן אַ נײַע נשמה אין דער יידישער קולטור. דערמיט האָט ער געעפנט דעם וועג פאַר דער דערוואַכונג פון די יידישע אַרבעטער־מאַסן, וועלכע האָבן איבערגעריסן מיט דער יידישער מיטלאַלטערלעכקייט, מיט דער בית־המדרש־קולטור, מיט די אַלטע חלבֿ־טריפנדיקע טראַדיציעס. פּרץ האָט די יידישע אַרבעטער קולטורעל מחיה־מתים געווען.

ער האָט זיי אָפּגעצויגן פון דער טויטער, מעכאַנישער אַסימילאַציע, ער האָט זיי באַפרײַט פון דעם צוואַנג נאָכצוקרימען אַנדערע, און ער האָט פאַר זיי געעפנט גרויסע מעגלעכקייטן פון אַן אייגענעם נאַציאָנאַלן, מענטשלעכן קולטור־שאַפן.

פריש און מוטיק קלינגען נאָך הײַנט בײַ אונז די שטאָל־

צע ווערטער פון פרץ, וועלכע ער האָט געוואָרפן אויף דער טשער־נאָוויצער קאָנפערענץ אין יאָר 1908:

„מיר ווילן האָבן אונדזער זעלבשטענדיקן מאָטיוו אין דער פעלקער־סימפאָניע".

און דעם מאָטיוו האָט פרץ פאַר אונדז אַזוי שיין, אַזוי פיל־זײַטיק, אַזוי מענטשלעך, אַזוי שטורמיש־טרוימעריש אויסגעזוּנגען אין זײַן רײַכן און שאַפנדיקן לעבן.

און דער דאָזיקער מאָטיוו שפּילט נאָך בײַ אונדז אין די נשמות איצט, יאָרן נאָך זײַן טויט און ער וועט נישט פאַרשטומט ווערן. די רײַכע אוצרות פון זײַן גרויסן, הייסן האַרץ זענען צו־נויפגעזאַמלט אין טויזנטער בענקנדיקע, זיך רײַסנדיקע הערצער.

אָנגעצונדן מיט דעם גרויסן פרץ־ליכט ברענען אונדזערע נשמות און ווערן נישט פאַרלאָשן. דורכגענומען מיט זײַן ברויזנ־דיקן ליד, זינגען אונדזערע הערצער.

פרץ לעבט, ער לעבט און ווירקט אין אונדז, ער, אונדזער פרץ, אונדזער מעלאָדיע, אונדזער עקסטאַז, אונדזער תחית־המתים!

# פרץ־פײַערונגען *)

יאָ, נישט קיין יאָרצײַט פון אַ פאַרשטאָרבענעם פראַוועז מיר אין דער הײַנטיקער וואָך. נישט קיין באַנאַלע הספדים ווערן געמאַכט, נישט קיין טויטער קדיש ווערט געזאָגט נאָכן נפטר. דאָס זענען אין אמתן זינגען פון וואָרט פרץ־פײַערונגען. אַ גרוי־סער יום־טוב פול מיט פרייד און לוסטיקײַט, אַ יום־טוב פון אויפשטייונג, אַ יום־טוב פון תחית־המתים.

ווײַל פרץ איז געווען פאַר די ייִדישע מאַסן זייער אַדאָניס, זייער באַקכוס, וואָס האָט זיי אָנגעזעטיקט מיט פריידיקײַט און לוסטיקײַט, זייער דערלייזער, וועלכער האָט זיי געוויזן דעם וועג צו דער גאולה פון קולטורעלער פאַרשקלאַפונג, זייער זון, וועל־

*) געשריבן צום 10טן יאָרצייט פון י. ל. פרץ.

בער האָט זיי אין משך פון זייער לעבן מיט שטראַלן אָנגעצונדן און מיט אַ שטראַלנדיקער שפּראַך באַשאָנקען.

און די זון שטאַרבט נישט אָפּ. אויסלייזער און משיחים קאָנען פון מענטשנס זכרון נישט אויסגעמעקט ווערן. און אויך פּרץ האָט מיט זײַן טויט זיך אַ נײַ לעבן דערוואָרבן, ער איז אויפגעשטאַנען תּחית־המתים אין אונדזערע נשמות, אין אונדזערע אידעאַלן.

ס'איז נישט קיין צופאַל, וואָס דער 10טער יאָרצײַט פון י. ל. פּרץ פאַלט צונויף מיט דעם 10יאָריקן יובילעום פון אונדזער שול און זייביידע האָבן זיך אין איין גרויסער פּרץ־פײַערונג פאַרוואַנדלט. ווײַל די יידיש־וועלטלעכע שול — דאָס איז דער לעצטער רינג, וואָס דער דיכטער האָט אײַנגעשמידט אין דער גאָלדענער קייט פון זײַן שאַפן, און אין דער זעלביקער צײַט דער ערשטער רינג, וואָס בינדט צוזאַמען די גאַנצע קייט פון אונדזער נײַער קולטור און גיט איר אַן אָנפאַנג און שאַפט פאַר איר אַן אינהאַלט.

די יידיש־וועלטלעכע שול — דאָס איז נישט פאַר אונדז קיין אָפּגעריסענע באַדערפעניש פון עלעמענטאַרער בילדונג פאַר די קליינע קינדער. דאָס איז נישט בלויז אַ פּעדאַגאָגישער כּלל, וועלכער באַפעלט צו לערענען מיט די קינדער אין זייער מוטער־שפּראַך. דאָס איז דער אײַנפאָר צום גרויסן, נײַעם קולטור־היכל, וואָס ווערט געבויט און געשאַפן פאַר און דורך די דערוואַכטע יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן. דאָס איז דער אָנזאָג, דער אויפגאַנג און דער יסוד פון דער נײַער וועלטלעכער קולטור, וועלכע איז אויסגעטרוימט געוואָרן דורך דעם גרויסן דיכטער און ווערט ווײַטער געטראָגן, מיט דער גרעסטער אָנשטרענגונג און מסירת־נפש געטראָגן, דורך די אָנגעלאָדענע און געבויגענע פּלייצעס פון דעם יידישן אַרבעטסמאַן.

די יידיש־וועלטלעכע שול — דאָס איז דער שטילסטער קלאַנג, דער פּיאַניסימאָ פון דעם מאָטיוו, וואָס דער דיכטער האָט אונדז געלערנט אַרײַנצושפּילן אין דער אַלוועלטלעכער וועלט־סימפאָניע אירע צאַרטסטע גאַמעס, וועלכע הייבן זיך אַלץ העכער׳

שטאַרקער, און פאַרוויקלען זיך אין אַ שטורמישן, התלהבותדיקן, ברענענדיקן נגון פון מאַסן־אויפוואַכונג און וועלט־אויסלייזונג.

און דאָס איז דער אמתער זין פון די פּרץ־פייערונגען, וואָס זענען שוין פאַרגעקומען און וועלכע וועלן איצט דערגרייכן זייער העכסטן פונקט. דאָס איז אונדזער דעמאָנסטראַציע פאַר דער נײַער ייִדישער קולטור, אונדזער ווילנסאויסדרוק אויסצולעבן זיך פאַר און אומגעשטערט אין אונדזער שפּראַך, אויף אונדזער שטייגער, אונדזער חדווה־געשריי נאָך אַ נײַ לעבן, נאָך אונדזער מענטשלעכער דערוואַכונג און סאָציאַלער אויסלייזונג.

באַזעלט פון אַזעלכע שטרעבונגען, דורכגעדרונגען מיט דעם אויפלעבונגס־אידעאַל, וועט זיך דער ייִדישער אַרבעטער־קלאַס אין וואַרשע באַטייליקן אין דער פייערלעכער פּראָצעסיע צו פּרצס מאָנומענט. ער וועט קומען אין די טויזנטער אַרײַן צום צוג, וועלכער וועט מאַרשירן צום קבר, אין וועלכן עס געפינען זיך די שטערבלעכע רעשטלעך פון י. ל. פּרץ, און ער וועט ווײַטער טראָגן מיט זיך, אין זיך, אין זײַנע אַלע חושים און פאַרלאַנגען דעם לעבעדיקן פּרץ, דעם ברענענדיקן פלאַקער פון דער נײַער וועלטלעכער ייִדישער קולטור.

* * *

מיר האָבן דעם לעבעדיקן פּרץ־גײַסט דעם קבר נישט אָפּגעגעבן. פאַר אונדז איז דער פּרץ־ענטוזיאַזם מיטן טויט פון י. ל. פּרץ נישט אויסגעלאָשן געוואָרן. י. ל. פּרץ איז פאַרבליבן אונדזער קולטורפאָן, אונדזער רופנדיקער גײַסט צו דערוואַכונג, אונדזער שלאָגוואָרט פאַר דער אויפגעלעבטער ייִדישער קולטור.

פּרץ דער שרײַבער האָט געמעגט פּאָליטיש און סאָציאַל נישט זײַן מסכּים מיט אַלע בליקן און אידעאַלן פון די ייִדישע סאָציאַליסטישע אַרבעטער.

פּרץ דער קינסטלער האָט געמעגט זיך שרעקן פאַר דער „רויקײַט" פון דער מאַסן־באַוועגונג און זיך אָפּגעבן מיט מיסטישראָמאַנטישע וויזיעס.

פּרץ דער קולטור־שאַפער אָבער, פּרץ דער נביא פון אונ־

ווער רענעסאַנס, האָט זיך אויף אייביק פאַרבונדן מיט דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, האָט זיך אַרײַנגעוועבט אין די געפילן און שטרעבונגען פון די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן, און ער לעבט אין אַלע זייערע גרויסע מעשים און אויפטוען.

ווי פּאַראַדאָקסאַל דאָס זאָל נישט קלינגען, אָבער עס איז אַ פאַקט, די יידישע אַרבעטער האָבן צו זייער רויטער פאָן פון קאַמף באַהעפט די שטראַלנדיקע געשטאַלט פון י. ל. פּרץ, אין זײַנע שוועבנדיקע חלומות וועגן דעם גאָלדענעם מאָרגן האָבן זיי אַרײַנגעגאָסן בלוט און פלייש פון אַ פעסטער ווירקלעכקײַט. זײַנע באַפליגלטע געדאַנקען וועגן אַ מאָדערנער יידישער קולטור זענען דורך זיי איבערגעשמידט געוואָרן אין אײַזערנע פאַקטן.

און מעגן אונדזערע באַלעבאַטישע פּרץ־איידעמס שרײַען, אַז מיר האָבן בײַ זיי פּרצן „רעקווייזירט״, אַז מיר ווילן פאַרכאַפּן פאַר זיך „דעם נאַציאָנאַלן שרײַבער״, וועלכער געהערט דער גאַנצער „נאַציע״, מעגן זיי זיך שווערן בײַ אַלע זייערע הייליקײַטן, אַז אויך זיי איז פּרצס אָנדענק נאָענט און טײַער, — דער פאַקט פון אָרגאַנישער באַהעפטונג פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג מיט פּרצן ווערט דערפון נישט פאַרמינערט אויף קיין איין האָר. דער אמת וועגן דעם סינטעטישן צוזאַמענגוס פון פּרצס אידייען מיטן סאָציאַליסטישן אידעאַל ווערט אויף קיין איין אות נישט אָפּגעליי‌קנט.

ווײַל ס׳איז נישטאָ איצט קיין איין גרעסערער שיכט און סאָציאַלע גרופּע בײַ יידן, אויסער דעם יידישן אַרבעטער־קלאַס, וועלכע זאָל שפּירן אַ באַדערפעניש אין אַ מאָדערנער יידישער קולטור, און וועלכע זאָל ערנסט און אויפריכטיק שטרעבן צו אַ קולטורעלער אויפלעבונג.

אונדזערע סוחרים, קרעמער און באַלמעלאָכעס לעבן נאָך אַלץ אין דעם געמויזעכץ פון דער אַלטער טראַדיציע, זיי שטעקן איבער די אויערן אין דער מיטלאַלטערלעכער וועלט פון השגות און באַגריפן, וואָס זענען באַדעקט מיט שימל פון אמונה, באַטריפט מיט חלבנע יאָרצײַט־ליכט און אויסגעווייקט אין דעם הייליקן מקווה־וואַסער.

דאָס לעבן איז בײַ זײ שטויביק און גרוי. די רעאַלע ווירקלעכקײַט איז וואָכעדיק, פאַרבלאָז און פאַרמלאָז. מען לעבט אויף „פּויליש", מען דערנידעריקט זיך אַמאָל צום „זשאַרגאָן" און מען פאַנטאַזירט אין אַ שבת און יום־טוב וועגן „העברעיִשן אוניווערסיטעט".

און ס'איז קײן װוּנדער נישט. אויפן באָדן פון סאָציאַל־פּאָליטישער שפלות קאָן נישט שפּראָצן קײן אַנדער קולטור אויסער דעם משונהדיקן הושענה־געוויקס, וועלכער ווערט באַנוצט פון אײן יום־טוב צום צווייטן און ווערט אָפּגעקלאַפּט ביים ערשטן געברויך. אין נשמות באַשטויבט מיט הונדערטיאָריקן שימל, קאָן נישט אויפגיין און געדייען די שטאָלצע פּרץ־רויז. אין הערצער אויסגעטריקנט פון גראָשעדיקע מסחרים קאָן נישט פלאַקערן די ברוּיזנדיקע פּרץ־בענקשאַפט צו „ערגעץ־לאַנד", צו דער „שטראַלן־שפּראַך", צו „גראָדע מענטשן מיט שטאָלצע שטערנס, פרײַע אויגן, קלאָרע מוחות און ברייטע, אָפענע הערצער".

און אויב די דאָזיקע לײַט האָבן פּרצן אויפגענומען ווי „זייערן", האָבן זיי אים מצרף געווען צו די הונדערטער „ייִדישע גײַסטער", וועלכע ליגן טויט, באַגראָבן אין די בית־עלמינס פון זייערע נשמות. אויב די דאָזיקע „יורשים" שטעלן אַרויס פּרעטענזיעס אויף פּרצס ירושה, איז עס נאָר אויף אַזוי פיל, אויף וויפל זיי ווילן זייערע ביכער־שענק באַפּוצן מיט נאָך אַ צענטליק ווערק: זיי ווילן די לעבעדיקע, ברויזנדיקע פּרץ־ווערטער פאַרוואַנדלען אין הייליקע שמות, וועלכע דאַרפן געבראַכט ווערן אויס פּיעטעט צו קבורת־ישראל...

אַנדערש אָבער איז דער ייִדישער אַרבעטער־קלאַס. אויפגעוואַכט צו אַ נײַעם לעבן אויף דער ערד, האָט ער זײַן קאָפּ צו די קולטור־הימלען דערהויבן. אָנגעצונדן מיט אַ הייליקן צאָרן צו דער רשעות פון דער וועלט, האָט ביי אים אויך די געטלעכע ליבע צום שאַפן אויפגעפלאַמט „געוואַשן זיין נשמה אין בלוט, ריין מענטשן־בלוט, בלוט פאַרגאָסן פאַר דער צײַט, פאַרגאָסן אומזיסט, ריין, הייליק בלוט" — איז זי ייִנגער און העלער געוואָרן. און זי

ווײַסט זיך צו די שטערן, און זי הערט דעם מעכטיקן רוף צום באַרג, צו דער הויך און זי ווערט דורכגעדרונגען „מיט דעם וווּנדערלעכן געריוויש פֿונעם פֿויגל, מיט די גרויסע, ברייטע, ווײַטע און מעכטיקע פֿליגל, וועלכער זינגט איר אַ ליד פֿון אויפֿשטײַן“, אַ ליד פֿון תּחית המתים.

נאָר דער ייִדישער אַרבעטער־קלאַס, וועלכער האָט סאָציאַליסטיש זיך דערהויבן איבער דער איצטיקער גרויער ווירקלעכקײַט און האָט זיך פֿאַרמאָסטן זי איבערצושאַפֿן, האָט געקאָנט אין זיך אויפֿנעמען „דעם לעבעדיקן פֿלאַקער“, דעם שאַפֿנדיקן פּרץ־גײַסט, וועלכער האָט זיך געריסן צו נײַע פֿאָרמען, צו אַ העכערער קולטור, צו די פֿינקלדיקע שטערן און ברייטע האָריזאָנטן פֿון „וווּנדער־לאַנד“.

דער ייִדישער אַרבעטער־קלאַס האָט די פּרץ־ירושה אײַנגעשלאָסן אין די אוצרות פֿון זײַנע נײַע אָנגעזאַמלטע ווערטן, ער האָט זי פֿאַרברייטערט און צעטיילט צווישן די אַלע „שטומע נשמות“ פֿונעם קעלער און דערמיט אַליין האָט ער זי פֿאַרפֿעסטיקט און באַרײַכערט. די ייִדישע נײַע קולטור, וועגן וועלכער פּרץ האָט געטרוימט זײַנע בעסטע חלומות, איז געוואָרן אַ פֿאַקט, אַ לעבעדיקע ווירקלעכקייט אין די ייִדישע שולן, אין די ייִדישע קולטור־אָרגאַניזאַציעס, אין דעם גרויסן פֿלאַמענדיקן דראַנג פֿון די „זייַנוול קאַמאַשנמאַכערס“ און „באָנטשע שווייגס“ צו נײַע, שענערע און האַרמאָנישע לעבנס־פֿאָרמען.

און האָט פּרץ דער נביא געמעגט געפֿלאָגט ווערן פֿון די ביטערסטע ספֿקות אין דעם כּוח און ווילן פֿון די ייִדישע מאַסן צו אַ נײַ לעבן, קלינגען נאָך אָבער ביז הײַנט צו אונדז זײַנע מוטיקע, קרעפֿטיקע ווערטער, מיט וועלכע ער האָט אונדז באַגלייט אין ווײַטן, שווערן קאַמפֿוועג אַרײַן.

„מײַן האַרץ איז מיט אײַך, מײַן אויג ווערט נישט זאַט פֿון אײַער פֿלאַמענדיקער פֿאָן. מײַן אויער ווערט נישט מיד הערנדיק אײַער מעכטיק געזאַנג. מײַן האַרץ איז מיט אײַך. זאַט דאַרף זײַן

דער מענטש און ליכטיק דאַרף אים זײַן און פרײַ מוז ער זײַן און האָבן איבער זיך צו שאַפן, איבער זיך און זײַן אַרבעט !״

דאָס האַרץ פון דיכטער, וואָס האָט זיך צוזאַמענגעגאָסן מיט די טויזנטער הערצער פון קעמפער פאַר אַ פרײַען מענטשן און פרײַער אַרבעט !

# מענדעלע מוכר ספרים

פון קאַבצאַנסק אויפן ברייטן וועלט־שליאַך*)

עס ווילט זיך גאָר נישט גלייבן, אַז אַזאַ קורצער פעריאָד פון 10 יאָר בלויז טיילט אונדז אָפּ פון לעבעדיקן „מענדעלע מוכר ספרים", פון יענעם אַלטן, אַלטן „זיידן", וועלכער האָט אונדז איבערגעלאָזט אַזאַ קינסטלערישע באַשרייבונג פון אַמאָליקע טונעיאַדעווקעס, קאַבצאַנסק און גלופּסק.

אַזאַ ווייטן, גרויסן מהלך האָבן מיר שוין דורכגעמאַכט פון יענעם לעבנס־שטייגער, גענג און השגות, אַז זיי קומען אונדז פאָר ווי אַלטע געשיכטעס פון אַמאָליקע, לאַנג פאַרשווונדענע צייטן.

פון מענדעלעס גאַנצן שאַפן שרייט אַרויס דער אומרו פון דער צעפאַלענער פאַטריאַרכאַלער יידישער וועלט אין דער צווייטער העלפט פון 19טן יאָרהונדערט אין רוסלאַנד. דער אָנקום פון נייע קאַפּיטאַליסטישע פאַרהעלטענישן אין דער לייבאייגנטום־פּריצישער רוסישער מלוכה האָט ווי אַ שטעקל, וואָס ווערט אַריינגעוואָרפן אין אַ מוראַשקע־נעסט, אויפגערודערט די גאַנצע יידישע עדה, וועלכע האָט געלעבט אַרום הויף, ביי מעקלערייַ פונעם פּריץ. דער אַלטער פונדאַמענט פון דער יידישער סאָציאַלער

*) געשריבן צום 10טן יאָרצייט פון מענדעלע מו"ס.

סביבה — דער פּריצישער הויף — איז אונטערגעשווענקט געוואָרן דורך אַ נײַער עקאָנאָמיק און צוזאַמען מיט זײַן טרייסלען זיך האָט זיך אָנגעהויבן שיטן דאָס גאַנצע אידעאָלאָגישע איבערשטיבל פון ייִדישן פּאַטריאַרכאַלן לעבן. די גאַנצע קאַבצאַנסקער מחנה האָט זיך אַ לאָז געטון אין בהלה קיין גלופּסק, ווו עס האָט זיך אַנטפּלעקט אין איר מוטער־נאַקעטקייט די גאַנצע צעפּוילטקייט פון דער פּאַטריאַרכאַלער אידעאָלאָגיע, פון דער שליטה פון רב און די פּני איבער דעם צעשראָקענעם, מבולבולדיקן המון.

אַזוי איז עס שוין. דער זײַן באַשטימט דעם באַוווסטזײַן: כּל זמן די עקאָנאָמישע פֿאַרהעלטענישן פון פּריציש־פּאַטריאַרכאַלן שטייגער זענען געווען פעסט, כּל זמן די ייִדישע עדה האָט געלעבט ברחבות פון אַרענדע, פון הויף, פון מעקלערײַ און פּראָצענט, זענען די אידעאָלאָגיש־פּאַטריאַרכאַלע השגות, וועלכע זענען אויפגעקומען אין יענער סאָציאַלער סביבה, אויך געווען אײַזן־שטאַרק.

די ראשי הקהל, די פּרנסים, די שבעה טובי העיר, זענען געווען די שענסטע חשובע ייִדן. דער רב און בית־דין־שטיבל זענען געווען דער אויסדרוק פון „משפּט יושר און דין צדק", און דער שתדלן האָט זיך גערעכנט פאַר אַ מליץ־יושר פון פאָלק ישראל.

אמת, אויך פיל פריִער זענען געווען בונטאַרישע נאַטורן, וועלכע האָבן זיך אַרויסגעבראָכן פון גדר, האָבן ווידערגעשפּעניקט אין קהל און אין זײַנע מנהגים; זענען דאָס אָבער געווען יוצאים מן הכּלל, אויסנאַמען, וועלכע זענען תּיכּף מיט דער גרעסטער שטרענגקייט אויסגעריסן געוואָרן מיטן וואָרצל.

אַן אַנדער בילד האָט באַקומען דאָס ייִדישע לעבן אין דער צווייטער העלפט פון 19טן יאָרהונדערט. דער קאַפּיטאַליזם האָט לכתחילה אַרײַנגעוואָרפן אַן עקאָנאָמישע בהלה אין דער ייִדישער סביבה. טונעיאַדעווקע האָט אָנגעהויבן זינקען אין תּהום פון אָרעמקייט, פון אונטערגאַנג. זי האָט זיך אַוועקגעלאָזן אין גרויס מהומה נאָך קאַבצאַנסק. אָבער אויך די דאָזיקע ייִדישע שטאָט האָט מער נישט פאַרמאָגט „ווי מלמדים, באַהעלפערס, מעקלערס, בטלנים, צוגעלעגערטע און פריש־צאַפּלדיקע איידעמלעך, ייִדן מיט כּתבים, מיט

מיחושן, זײַדענע, גילדנאָדערדיקע בעלי־תּפילות, שופר־בלאָזער, זאָגערקעס, װײַנערקעס, אָפּשפּרעכערקעס, װײַבער מיט אײער, מיט פּסהדיקע גענזן־שמאַלץ, פֿלעדערן־פֿליקערקעס".

די דאָזיקע מחנה איבעריקע מענטשן מיט לײדיקע מאָגנס איז װידער איבערטראַנספּאָרטירט געװאָרן קײן גלופּסק. דאָרטן זענען אױפֿגעשטעלט געװאָרן „קלײטן, קלײטעלעך, שאַפֿקעס און די באַקאַנטע גנבה־שאַפֿקעלעך, װוּ די בעלי־מלאכות זעצן אָפּ דעם יתור". דאָרט „שטופּן זיך ייִדן און כאַפּן פֿון איטלעכער זײַט דיש־לעס פֿון װאָגנס און פֿאַרקעס. דאָרט הערט מען תּמיד אַ קול: „הײסע באַבקעס! הײסע רעטשאַניקעס, קנאָבל, ציבעלעס. דאָרט שטײען טרעגערס, אַרומגעגאַרטלט מיט גראָבע שטריק, אױסגע־דינטע סאָלדאַטן מיט אַלטע כאַלעװעס און אױסגעריבענע שינעלן, טאַנדעטניקעס מיט אַלטע תּחתּונים, קאַפּטנס, לײַבלעך און נאָך אַלערלײ שמאַטעס".

„דאָרט זיצן שורותװײַז אױסגעזעצט ייִדן מיט מולטערס פֿול אָנגעלײגט מיט בינטלעך קנאָבל, מיט אוגערקעס, קאַרשן, אַגרעסן, װײַנפּערלעך, ארץ־ישׂראל־עפּלעך, כּל־נדרי־באַרעלעך און מיט נאָך אַנדערע זאַכן".

אמת, מיר טרעפֿן שױן אין קאַבצאַנסק אױך אַרבעט־מענטשן. לײזער דער שנײַדער, װעלכער שטאַרבט פֿון הונגער צוזאַמען מיט זײַן פּועל, דעם „דאַרן אױסגעהױקערטן, אױסגעבלײכטן בחור"; „דער פֿרײלעכער קבצן", דאָס שוסטערל, װעלכער האָרעװעט, אַר־בעט איבער די כּוחות, הוסט, שפּײַט מיט בלוט און װערט אױף דער עלטער אָװעקגעפֿירט אין הקדש. אָבער זײ אַלע, די באַל־מעלאָכעס און טאָג־מענטשן טײלן זיך מיט גאָרנישט אױס פֿון דער געדיכטער ייִדישער אָרעמער מאַסע, װעלכע װערט סימבאָליזירט בײַ מענדעלען אין געשטאַלט „פֿון אַ גרױסער ייִדישער טאַרבע", װאָס הענגט איבער קאַבצאַנסק און פֿאַרשטעלט מיט זיך דעם װעג צו דער גרױסער װעלט.

די עקאָנאָמישע דיפֿערענציאַציע ברענגט שױן אפֿילו אַרױס נײַע מענטשן מיט „שײנע" פּרנסות. אין זײַן אַרומװאָגלען איבער די ייִדישע שטעט באַגעגנט זיך שױן מענדעלע אױך מיט ראַכלין

דעם אַקציוניק, מיכאל סאַפיר דעם פּאָדריַטשיק, מיט דאָקטוירים, סטודענטן. אָבער די „טאָרבע" האָט זיך איַנגעגעסן אין מענדעלעס ביינער. ער לעבט „מיט די נויטן און ווייטיקן פון פאָלק". די נויטן פון דער אָרעמער מאַסע זענען זיַנע נויטן, די ווייטאָקן פונעם המון זענען זיַנע ווייטאָקן.

מענדעלע איז דער ערשטער פון די משכּילים־שריַבער, וואָס האָט זיך צוריק אַוועקגעלאָזט צום פאָלק, צו די „עמי־הארצים", ער איז דער ערשטער, וועלכער האָט אין דער יידישער ליטעראַטור פאַרבונדן די פּראָבלעמען פון השכּלה מיט סאָציאַלע פּראָבלעמען, מיט מרידות און פּראָטעסט פון דער אָרעמקייט קעגן די „גבירים, בעלי־עצות, כּלל־פאַרזאָרגער, שתדלנים, קאָכלעפל און טעלער־לעקער".

„מיר זענען, האָט מענדעלע געשריבן, אַן עדה, אַ קופּע מילבן, וואָס אַלע זענען גליַך איינע צו די אַנדערע". אָבער אין דעם מילבן־נעסט האָט זיַן טיף אויג דערזעען די פּאַראַזיטן, וועלכע זויגן און פרעסן די קלענערע און שוואַכערע. מענדעלע איז געווען דער ערשטער יידישער שריַבער, וואָס האָט די סאָציאַלע דיפערענציאַציע ביַי יידן דערזען און זי אין זיַנע קינסטלערישע ווערק פאַראייביקט.

אַזוי דערוויסן מיר זיך פון אים וועגן די כּיתות, אין וועלכע די מענטשן זענען איַנגעטיילט אין גלופּסק. „די כּיתות כאַפּלאַפּער, סאַמע דער צימעס, וואָס געוועלטיקט ביד רמה; די כּיתה בלאָט־האַלטער, וואָס האַלטן שטאָל און איַזן, קריגן זיך און שלאָגן זיך פאַר די כאַפּלאַפּער; די כּיתה וחלקלקער, אַרויפנאַרער אויפן גליטש און וואָס אַליין דרייען זיי זיך אויס גלאַט ווי אַ טעלער, די דאָזיקע ליַיט צעפאַלן אויף קוממיות־זאָגער, וועלטלעכע מענטשן, וואָס האָבן צו זאָגן אין עניני־המסחר, און אויף צבועקאַנער, כּלי־קודש, וואָס האָבן צו זאָגן אין עניני האמונה; די כּיתה גלופּאָט־רוסאָ, בעזיאַזיקאַ־קאַבצאַנער, דער פּראָסטער אָרעמער עולם, וואָס איז שטאַרק נכנע די אַלע איבעריקע כּיתות און באַקומט פאַר זיי דאָס נײַניעריקע קדחת".

און די דאָזיקע כּיתות ווערן ביַי אים אַזוי קינסטלעריש געשיל־

דערט מיטן גאַנצן הילך, תּנועות און אַלע פּיטשעווקעס – פון ר׳ איציק וואָלף ספּאַדיק, דעם פּאַלטשן משכּיל רב יודעלע שטאַנד־האַפּט, דעם קאָכלעפל רב אהרון קנעכטבאַרג, דעם שטאָט־שייגעץ מענדעלע דער געלער, שטאָטישן בעל־טובה ר׳ איסר ווארנער און ר׳ יותנצע דעם רבס. די דאָזיקע גאַנצע „כּנופיה״, „כּאַפּטע״ „קליינע מענטשעלעך״, וועלכע האָט זיך אַרויפגעכאַפּט רײַטנדיק אויפן אָרעמען ישׂראליק און פאַרשמײַסט אים ביזן טויט.

דער המון, די אָרעמע קליאַטשע איז שטום, דערשלאָגן, „בעזיאַזיקאַ־קאַבצאַנער״, אײַזיק זאַיִקע איז אומבאַהאָלפן און מאַכטלאָז קעגן דער תּקיפות פון די איסר ווארנערס. און פאַר איר, פאַר דער יידישער אָרעמקייט, נעמט זיך דאָס אָן דער אמתער ערלעכער משׂכּיל, וועקער, אין דער „טאַקסע״. „די גאַל ווערט צע־זעצט, שרײַט ער אויס, מען קאָן זיך שוין נישט מער אײַנהאַלטן! פאַרפלוכט זאָל זײַן דער וואָס איז אַ טרוס, וואָס האָט מורא צו זאָגן דעם אמת! פאַרפלוכט זאָל זײַן דער, וואָס פאַרשטאָפּט די אויערן נישט צו הערן די יללות און געוויין פון די אומגליקלעכע, פון באַליידיקטע און נויטבאַדערפטיקע; פאַרפלוכט, פאַרשאָלטן אַלע, וואָס פאַרקויפן זייער געוויסן, אַלע, וואָס זענען אימשטאַנד צו העלפן מיט אַ וואָרט, מיט דער פען און שטייען פון דער ווײַטן, טאָמער וועט זיי, חלילה, עפּעס דאָס מינדסטע שאַדן! איך קאָן נישט שווײַגן! איך מוז אַרויסזאָגן דעם אמת גאַנץ פרײַ. זאָל כאָטש די וועלט וויסן!״

און מענדעלע מוכר ספרים האָט שוין מער נישט געשוויגן. און כּדי „די גאַל זאָל אים נישט ווערן צעזעצט״, פון שרײַבן, האָט ער זײַן פען אײַנגעטונקען אין גאַל פון סאַטירע, האָט ער זײַנע קולות פאַרגלעט מיט אַ „גיפטיק שמייכעלע אויף זײַנע פאַרשפיצטע ליפּן״, און ער האָט אונדז געלאָזן – אַזאַ רײַכע ירושה פון מײַס־טערהאַפטע ווערק, וועלכע שילדערן נישט בלויז סאָציאַל־קולטורעל די פאַרגאַנגענע עפּאָכע, נאָר וועלכע האָבן אַ גרויסן קונסט־ווערט פאַר אַלע צײַטן.

מענדעלען איז באַשערט געווען צו דערלעבן אַ נײַע עפּאָכע אין יידישן לעבן. קאַבצאַנסק האָט עקאָנאָמיש דורכגעמאַכט אַ

ווײַטערדיקן עטאַפּ אין זײַן אַנטוויקלונג. דער „דאַרער אויסגעהויקערטער, אויסגעבלייכטער פּועל בײַ ישראל שנײַדער" האָט צוזאַמען מיט זײַנע חברים אַרבעטער אַ לשון באַקומען. ער איז געוואָרן אויס „זאַיִקע" און האָט אָנגעהויבן ווײַטער טון וועקערס אַרבעט. אָבער שוין נישט סתם „כּדי די וועלט זאָל וויסן". ער האָט אָנגעהויבן פירן אַן עקאָנאָמישן קאַמף קעגן זײַנע אונטערדריקער און אין דער זעלביקער צײַט אַ סאָציאַל־קולטורעלן קאַמף קעגן די איסר וואַרנערס און די ר' יוחנצעס. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ סאָציאַליסטישע באַוועגונג.

דער וועג פון נײַעם קאַבצאַנסק פירט שוין נישט מער קיין גלופּסק, נאָר גייט מיט אַ ברייטן שליאַך אין דער גרויסער וועלט אַרײַן.

אין די ייִדישע סאָציאַליסטן, וועלכע זענען אויסגעוואַקסן אין אַן אַנדער סאָציאַל־קולטורעלער סביבה, האָט מענדעלע דערקענט זײַנע אייניקלעך און ער האָט פון דער ווײַטנס זיך געפרייט מיט זייערע קאַמפן און זיגן.

ווײַל דאָס, וואָס מיר, ייִדישע סאָציאַליסטן, טוען איצט אויף דער ייִדישער אַרבעטער־גאַס איז אַ דירעקטער המשך פון די קאַמפן, וועלכע מענדעלע און זײַן דור האָבן געפירט מיט די תּקיפים, אונטערדריקער און נאַכט־וועכטער פון זײַן צײַט.

# שלום עליכם

## קינסטלער און מענטש אַ בינטל זכרונות

יאָרן לאַנג האָב איך געהאַט אַ פאַרבאַהאַלטענעם פאַרלאַנג צו באַקענען זיך נאָענט מיט ש ל ו ם ע ל י כ מ ע ן: איך האָב געדולדיק געוואַרט אויף אַ געלעגנהייט, וועלכע וועט מיך צונויפברענגען פערזענלעך מיט אונדזער געניאַלן הומאָריסט.

פון מײַן דערפאַרונג מיט אַנדערע שרײַבער, האָב איך געוווּסט, אַז די קינסטלערישע אינדיווידואַליטעט פאַלט זיך זעלטן צונויף מיט דער מענטשלעכער פערזענלעכקײַט, אַז גאַנץ אָפט איז בערראַשט אײַך דער שאַרפער קאָנטראַסט צווישן דער גרייס פונעם קינסטלער און דער קלײנקײַט פונעם מענטש. איין אויסנאַם איז מיר שטענדיק געשטאַנען פאַר די אויגן: דאָס איז געווען י. ל. פרץ. זײַן מענטשלעכע פערזענלעכקײַט איז געווען אַ סך רײַכער איידער דער קינסטלער אין אים, זײַן אינדיווידואַליטעט האָט געפינקלט מיט אַ סך קאָלירן...

און מיך האָט שטאַרק אינטערעסירט, ווי אַזוי זעט אויס פערזענלעך דער געניאַלער אָפּשפּעטער פון אונדזערע כתרילעווקער און מנחם מענדלס? צי האָט ער זיך מיט זײַן פסיכיק, מיט זײַן געמיט דערהויבן איבער די העלדן פון כתרילעווקער געמויזעכץ מיט זייערע קליינע באַלעבאַטישע השגות און אידעאַלן, און זיי זענען בלויז קינסטלערישע געשטאַלטן פון זײַן שעפערישן גייסט, אָדער ער אַליין שטעקט נאָך אין דער אַלטער כתרילעווקע, און נאָר אַ דאַנק זײַן קינסטלערישער אָביעקטיווקייט קאָן ער אונדז אַזוי ריכטיק, אַזוי גוטמוטיק איבערדערציילן אַלץ, וואָס עס

פּאַסירט אַרום אים און מיט אים, פאַרגעבעריש אויסלאַכן זיך און זײַנע נאָענטסטע, — „לאַכן מיט יאַשטשערקעס״ ?

מיר איז אָבער אַ לאַנגע צײַט נישט אויסגעקומען זיך צו טרעפן מיט שלום עליכמען. ער איז אַפילו איין צײַט אַרומגעפאָרן איבער די ייִדישע שטעט און שטעטלעך און געלייענט זײַנע ווערק. אונדזערע אָרגאַניזאַציעס האָבן נישט איין מאָל אײַנגע־לאַדן שלום עליכמען אויף „אָוונטן״. אָבער גראָד בין איך צו יע־נער צײַט געווען אָדער פאַרשפּאַרט הינטער די קראַטעס, אָדער פאַרוואָרפן פון יעדן ייִדישן ישוב ערגעץ אין אַ דאָרף אויפן ווײַטן צפון.

ערשט אין יאָר 1912 האָב איך באַקומען אַ דערלויבעניש פון פּאָליצײ־דעפּאַרטאַמענט אַרויסצופאָרן קיין אויסלאַנד זיך קו־רירן. אויף דער אײַנלאַדונג פון פאַרשטאָרבענעם פישל קאָיגען (יונה) בין איך אָפּגעפאָרן אין די שווײַצאַרישע בערג, קיין לײ־זען — איינער פון די בעסטע קוראָרטן פאַר לונגען־קראַנקע אין דער שווייץ, מער ווי 2000 מעטער די הייך, אַ פּאָר שעה רײַזע פון לאָזאַן.

דאָרטן האָב איך, אינעם הויז פון אַ ייִדיש־רוסישער פאַ־מיליע ג. (ער אַ געשמדטער ייִד, זי אַ רוסין), „אויף אַ יאַלקע״ (כאַנוּקע) אין דער נאַכט פון קריסטוס־געבורט, לויט דעם פּראַ־וואָסלאַוונעם לוח, זיך געטראָפן מיט דעם „ייִדישן שרײַבער סאַ־לאָמאָן נאַומאָוויטש ראַבינאָוויטש״, דעם פאַר מיר אַזוי נאָענטן און באַליבטן שעפער פון טוביה דעם מילכיקן און מנחם מענד־לען — דעם האַרציקן שלום עליכם.

ער האָט יענעם ווינטער געוווינט מיט זײַן פאַמיליע אין לאָזאַן. זײַן עלטסטער זון, מישאַ, (אַ סטודענט, שפּעטער געשטאָרבן אין דער שווײַץ) האָט זיך דערשפּירט קראַנק אויף די לונגען: שלום עליכם אַליין האָט זיך אויך נישט איבעריק גוט געפילט, — איז ער געקומען מיט זײַן זון אויף די ווינטער־חדשים צו פאַר־באַהאַלטן זיך פון די רעגנס און באַצילן אויפן זוניקן און לוי־טערן באַרג אין לאָזאַן.

און באַלד פון ערשטן געשפּרעך מיט דעם דאָזיקן ייִד מיט

די בלויע, ליכטיקע אויגן, מיט די געקרײַזלטע קאַשטאַנהאָר, מיט די פאַרטראַכטע, צאַרטע קנייטשן צווישן די ברעמען און שטענ־דיקן שמייכל צווישן די מויל־ווינקעלעך, האָב איך דערשפירט, אַז פאַר מיר זיצט אַ מענטש מיט אַ געמיש פון טוביהס נאַיִווער גוטמוטיקייט און מנחם־מענדלס צערודערטער פאַרלוירנקייט, אַ פאַראייניקונג פון עקסטאַז פון אַ נאַיִוו קינד מיט אָביעקטיווער קאַלטער חכמה פון אַ מענטשן, וואָס האָט שוין אַלץ אויסגעפּרוּ־בירט.

— איך בעט אײַך, וואָס האָב איך צו טון מיט אַ יאַלקע?— האָט ער זיך געווענדט צו מיר מיט זײַנע קלאָרע אויגן און סאַרקאַסטישן שמייכל אויף די ליפּן. דער דאָזיקער פּרעגצייכן אָן ווערטער פלעגט אַרויסגלאַנצן פון זײַנע בלאָע אויגן און אַרומ־שווימען איבער זײַנע מויל־ווינקעלעך אַלע מאָל, ווען ער איז גע־ווען אין אַ געוויסער פאַרלעגנהייט. — ווען איך האָב אים דער־ציילט, אַז זײַן קליין ייִנגל (אין לאָזאַנע) האָט נישט געוואָלט מיט מיר אַנדערש רעדן ווי רוסיש; ווען ער פלעגט אויפנעמען בײַ זיך מיטן גאַנצן עטיקעט „פּאָרנעמע געסט”, וואָס זענען געקומען באַזוכן „דעם באַרימטן שרײַבער”; אָדער ווען ער פלעגט זיך דאַרפן זעצן צום טיש אין דער ערשטקלאַסיקער סאַנאַטאָריע צווישן שטײַפע מענער אין שוואַרצע פראַקן און אָנגעפּודערטע אָנגעבלאָזענע דאַמען־ליאַלקעס.

ער איז געווען זייער פילבאַר צום קאָמישן אין מענטשן. ער פלעגט תיכּף רעאַגירן אויף יעדער באַמערקטער לעכערלעכ־קייט, און ער פלעגט זיך דעריבער מוזן שטאַרק אָנשטרענגען, אָדער ער האָט זיך געפילט ווי אַ שטיפעריש קינד, וואָס איז געצוווּנגען צו זײַן „אַרטיק”, ווען אים פלעגט אויסקומען צו זײַן ערנסט, געקינצלט.

די דאָזיקע אייגנשאַפט איז בײַ אים געווען אויף אַן אָרי־גינעלן אופן געפּאָרט מיט אַ צווייטער טבע — אַרײַנצופאַלן אין קינדערשע התפעלות פון זאַכן, וואָס זענען אים געפעלן געוואָרן.

איך קאָן נישט פאַרגעסן, ווי ער, דער מײַסטער פון ייִדישן וואָרט, דער קאָמפּאָזיטאָר פון אונדזער ליטעראַרישן סטיל, האָט

געסמאַקעוועט — שיער נישט ווי אַ פּראָווינצער לעזער — אַ גע־ווײנטלעך בילדל פון אַן אָנפּאַנגער, וואָס האָט מיך געבעטן, איך זאָל זיין זאַך פאַרלײיענען פאַר שלום עליכמען.

„סאַראַ לשון! סאַראַ סטיל!" האָט ער זיך נישט געקאָנט באַרויִקן. — „איר האָט גאָר קיין אָנונג נישט", האָט ער מיט מיר אײַנגעטענהט, „וואָס פאַר אַ פאַרגעניגן איך האָב איצט פון אונדזער בידנעם מאַמע-לשון! ווי ער איז פאַר מײַנע אויגן אויסגעוואַקסן פאַר די 30 יאָר! מיר, אַלטע, האָבן אַזוי ייִדיש נישט געקאָנט שרײַבן"... האָט ער מיט קיין נישט-גע־מאַכטער באַשיידנקייט פאַרענדיקט זײַנע התפעלות.

אַ צווייט מאָל האָב איך אים געטראָפן אין אָוונט בײַ אים אין צימער אין דער לוקסוס-סאַנאַטאָריע זייער אויפגערעגט און צערודערט.

— וואָס איז געשען? — האָב איך געפרעגט דערשראָקן.

— איך האָב הײַנט באַקומען אַ זעלטענעם בוך, איבער וועלכן איך האָב געוויינט ווי אַ קינד, און קאָן זיך נישט באַרויִקן.

דאָס זענען געווען די „זכרונות פון יחזקאל קאָטיק".

אַז ער איז געוויר געוואָרן, אַז איך קען דעם מחבר, האָט ער מיך שוין נישט אָפּגעלאָזן. איך האָב אים געמוזט דערציילן אַלע פּרטים וועגן דעם אַלטן קאָטיק, וועגן זײַן קאַריערע, וועגן זײַן גאַנצער סביבה (אונדזער דעמאָלטיקן געשפּרעך האָט ער שפּעטער באַשריבן אין אַ בריוו צו קאָטיקן, אָפּגעדרוקט אין 3-טן באַנד פון זײַנע זכרונות).

אָבער דער גאַנצער פלאַקער אין אים פלעגט אויסגע־לאָשן ווערן, ער פלעגט פאַרבלײַבן אומבאַהאָלפן שטאַמלדיק און בלאַס, ווען ער פלעגט זיך באַגעגענען מיט נײַע דער־שײַנונגען, וואָס זענען איבערגעוואַקסן איבער זײַן גדר, וועלכע האָבן זיך נישט אַרײַנגעפּאַסט אין זײַן אײַנגעפונדעוועטע וועלט־אָנשויונג און האָבן צעשטערט זײַן האַרמאָניע.

—ווי קאָנען גאָר ערנסטע מענטשן גלויבן אין סאָציאַליזם.—האָט ער מיר איינמאָל אַ זאָג געטון — איך פאַרשטיי פּאָליטישע פרײַהײַטן,

אַ דעמאָקראַטישע רעפּובליק. דאָס זענען זאַכן, וואָס זענען מעגלעך און וועלן געוויס זײַן אין רוסלאַנד. אָבער סאָציאַליזם? דאָס איז דאָך קעגן מענטשלעכער טבֿע. דאָס איז אַ פֿאַנטאַזיע.

און נישט נאָר סאָציאַליזם איז פֿאַר אים פֿאַרבליבן אומפֿאַרשטענדלעך. ער פֿלעגט אויך נישט קאָנען באַגרײַפֿן ווי אַזוי מענטשן פֿאַרמאָגן אין זיך אַזויפֿיל געוואַגטקייט און דרײַסטקייט צו זיצן אין טורמעס, צו ווערן פֿאַרשיקט און אַזוי פֿיל אָפּקומען אין לעבן. ער פֿלעגט אויסהערן אַלערליי מעשיות וועגן מסירת-נפֿש און העלדנטום פֿון רעוואָלוציאָנערן, ער פֿלעגט שטוינען פֿון פֿאַרווונדערונג, אָבער דאָס אַלץ פֿלעגט נישט רעדן צו זײַן האַרץ.

— איך וועל אײַך זאָגן דעם אמת – פֿלעגט ער צוגעבן פֿאַרטראַכטערהייט – איך פֿאַרשטיי אײַך נישט, איר זײַט גאָר אַנדערע מענטשן, קנאים זײַט איר, אַכזרים איבער זיך אַליין.

אַז איך בין איינמאָל געקומען זיך געזעגענען מיט אים, ווײַל איך האָב געדאַרפֿט אָפּפֿאָרן קײַן רוסלאַנד, האָט ער מיר לאַנג געדרוקט די האַנט און געזאָגט „יברכך!"

— ניין, זאָג איך צו אים אין שפּאָס: איך נויטיק זיך איצט גיכער אין אַ „וישמרך"...

— אַזוי? –האָט ער זיך אויפֿגערודערט – מען קאָן אײַך גאָר אַרעסטירן? אין אײַערע יאָרן האָבן צוטון מיט פּאָליציי? גלויבט מיר, דאָס איז נישט פֿאַר אײַערע כּוחות...

מיר האָט זיך בעת מעשה אויסגעדוכט, אַז דער גוט-מוטיקער טוביה איז אַרויסגעשפּרונגען פֿון אַ ביכל, וואָס ליגט אויף דער עטאַזשערקע אין דעם לוקסוס-צימער און לייענט פֿאַר מיר איינעם פֿון זײַנע מאָנאָלאָגן.

אָפּטמאָל פֿלעגן מיר זען פֿאַר זיך אויך אַ לעבעדיקן מנחם-מענדל, אַ געניאַלן מנחם-מענדל, וואָס פֿלעגט זיך קאָנען שטעלן אין אַ זײַט און צוקוקן צו זײַנע אייגענע שוואַכקייטן און לעכערלעכקייטן, אָבער, וואָס האָט זיך פֿון זיי נישט גע-קאָנט באַפֿרײַען.

— וואָס איז דער מער מיט מיר? – האָט ער מיר איינ-

מאָל אין אַ געשפּרעך אַ זאָג געטון:- איך האָב אַ שאַרפן אויער, אַ גוטן זכרון און קאָן איבערדערציילן, וואָס איך האָב גע-הערט און געזען...

און ער אַליין פּלעגט זיך טאַקע אידענטיפיצירן מיט זיין קלאַסישן העלד, דעם אומשטערבלעכן מנחם-מענדל.

איך דערמאָן זיך אַזאַ עפּיזאָד: מיר איז אויסגעקומען צו לייענען אין לאָזאַן אַ רעפעראַט וועגן דעמאָלטדיקן באָיקאָט אויף יידן אין פּוילן. האָב איך אין דער פּאָלעמיק באַנוצט אַ פראַזע פון מנחם-מענדלס בריוו, וואָס שלום עליכם פלעגט דעמאָלט דרוקן אין „היינט" און דערביי זיך אויסגעדרוקט וועגן מנחם מענדלען אַלס טיפּ גישט מיט קיין איבעריקער חשיבות.

אויפן רעפעראַט זענען דעמאָלט געווען שלום-עליכמס טעכטער און מקורבים. מיר איז גאָרנישט איינגעפאַלן, אַז מיינע ווערטער זאָלן האָבן פּערזענלעך אַ שייכות צו שלום עליכמען. אויף מאָרגן, ווען איך בין געקומען צו שלום עליכמען מיט אַ באַזוך, האָב איך גלייך דערקענט אין זיין פּנים, אַז ער איז עפּעס אָנגעצויגן, אַז ער איז מיט מיר נישט צופרידן. נאָך אַ קורצן זיפטיקן אַריינפיר האָט שלום עליכם אַ ברוגזער אַ זאָג געטון:

— און איר האָט גאָר מיך נעכטן געזידלט אויף אַ פאַרזאַמלונג?

איך האָב אויסגעשטעלט אַ פּאָר אויגן.

— איך? ווען און ווו?

— איר האָט דאָך גערעדט מיט אַזאַ ביטל וועגן מנחם-מענדלס מיינונג איבערן באָיקאָט!

— צי טראָגט איר, שלום עליכם, די אחריות פאַר אַלע מנחם-מענדלשע נאַרישקייטן? — האָב איך בתמימות געפרעגט.

— יאָ, מיין פריינד. איר קאָנט גיכער מיך זידלען, אָבער מיין מנחם מענדלען דאַרפט איר נישט טשעפּען, — האָט שוין שלום-עליכם געמאַכט דערפון אַ שפּאַס.

ער האָט זיך אָבער נישט געקאָנט איינהאַלטן און האָט

טאַקע אין אַ צווייטן בריוו אין „הײַנט" פּאָלעמיזירט אונטער מנחם מענדלס אונטערשריפט מיט מײַן לאָזאַנער רעפּעראַט.

דאָס האָט אָבער נישט געשטערט, אַז שלום עליכם זאָל זיך אין יאָר 1913 שטאַרק דערפרייען, ווען ער האָט זיך ווידער באַגעגנט מיט מיר אין וואַרשע אין יידישן טעאַטער אויף קאַראָווע.

— נו, מײַן ברכה האָט אײַך געהאָלפן? — האָט ער מיט אַ פֿײַערל אין די אויגן אַ פרעג געטון.

— דערווײַל אויסגעצייכנט!

דער יונגער אַרבעטער-עולם האָט דערקענט דעם באַליבטן שרײַבער און האָט אים געמאַכט רוישיקע אָוואַציעס.

— איר זעט, ווי די „שוואַרצע העמדלעך" און „די פּעפּערלעך" פאַרשטייען און שעצן אײַך?

— יאָ, אָבער וואָס איז די פּעולה? איר דאָ פאַרמאָגט נאָר ענטוזיאַזם, אָבער נישט קיין קליינגעלט. מען מוז, ליבער פרײַנד, „מאַכן אַ לעבן". איך קלײַב זיך מיט מײַן פאַמיליע אָפּפאָרן קיין אַמעריקע.

קיין לעבן אָבער האָט שלום עליכם אין אַמעריקע שוין נישט געמאַכט. אין אַ פּאָר יאָר אַרום האָט די קאַלטע ערד פון ניו-יאָרקער בית-עולם אײַנגעשלונגען דעם קערפּער פון דעם גרויסן קינד און שמייכלדיקן לעבנס-פילאָזאָף — דעם געניאַלן יידישן שרײַבער, וואָס האָט מיט זײַן געלעכטער אונדז געלערנט אויך צו פאַרשטיין...



# אברהם רייזען

## דער נאָענטער, דער האַרציקער*)

ד עכער 30 יאָר שוין, אַז א. רייזען שאַפט אין דער ייִדישער שפּראַך (אגב־אורחא, דער 30־יעריקער יובילעום פון זײַן שאַפן, וואָס מיר האָבן דאָ געפּראַוועט מיט אָנדערהאַלבן יאָר צוריק, איז געווען שוין אַ שטיקל נדחה, ווײַל די ערשטע זאַך האָט א. רייזען אָנגעשריבן שוין אין יאָר 1891 — מיט 35 יאָר צוריק). הונדערטער זאַכן זענען שוין אַרויס פון אונטער זײַן פעדער, מיר האָבן פאַר זיך גאַנצע 30 בענדער פון רייזענס ווערק, — און דאָך איז זייער שווער צו באַשטימען גענוי דאָס אָרט, וואָס רייזען פאַרנעמט אין דער ייִדישער ליטעראַטור, אַזוי ווי עס איז שווער צו אַנאַליזירן און אויפקלערן אין ווערטער די געפילן, וואָס מיר טראָגן אין זיך צו אונדזער אַ נאָענטן קרוב אין דער משפחה, צו אַ געטרײַען פעטער, אָדער אַ ליבהאַרציקן עלטערן ברודער.

און דאָס איז טאַקע דאָס כאַראַקטעריסטישע פאַר רייזענען. אברהם רייזען געהער נישט צו יענע קינסטלער־„אכזרס", וועלכע „פײַניקן" די לעזער, רויבן בײַ זיי אַוועק די רו, גריבלען זיך אין זייערע איבערלעבונגען און רוקן אַרײַן זייערע מעסערס טיף אין די ווונדן פון זייערע „פּאַציענטן".

פאַרקערט, א. רייזען באַציט זיך צו זײַנע העלדן ווי אַ „באַרמהאַרציקער ברודער", וועלכער גייט אַרום מיט ליבע און פאַררחמנות אַרום זײַנע קראַנקע, טוט אַלץ, כדי זיי נישט צו פאַרשאַפן קיין שום שמערץ, טרייסט זיי אין זייער ווייטאָק און פאַרלײַכטערט זיי דעם איבערגאַנג צו געזונט־ווערן.

---

*) געשריבן צום 50־יעריקן געבורטסטאָג פון אברהם רייזען.

רייזען האָט ליב דעם מענטשן מיט אַ פּשוטער מאַמע־שער ליבע. דאָס לעבן איז אַזוי קורץ, דער מענטש איז אַזוי שוואַך, בטבע איז ער אַזוי גוט, אַזוי שיין, אַז מען דאַרף אים נישט פאַרסמען די יאָרן מיט „פּראָבלעמען", מיט גריבלערײַען, מיט ספקות און פּעסימיסטישע רעיונות.

און רייזען באַהאַנדלט טאַקע זײַן העלד פּשוט, איינפאַך, ווי אַ מאַמע איר קינד, ווי אַ ברודער אַ צווייטן ברודער. ער גלעט אים צערטלעך איבער די האָר, ער שמייכלט מיט פאַר־געניגן, ווען יענער האָט הצלחה אין לעבן, ער בייזערט זיך, ווען נאַרישקייט און אומזין פאַרשטעלן פאַר אים דאָס גליק, און טרייסט אים גוטמוטיק, ווען יענער לײַדט אַ שיף־ברוך.

די גרעסטע מידה פון העראָיזם, האָט אַנומלט געשריבן ראָמען ראָלאַן, איז – רחמנות, נישט דער איינפאַכער רחמנות, וואָס גיט אַ ציפּ דעם מענטשן ביים האַרצן און הויבט אויף זײַן האַנט צו צדקה און שטילט זײַן געוויסן מיט פילאַנטראָ־פּיע — אַזאַ רחמנות איז טאַקע מער נישט ווערט ווי דער אָפּ־געריבענער גראָשן, מיט וועלכן מען קויפט זיך אויס, – נאָר יענער פײַנלעכער געפיל פון באַרמהאַרציקייט, וואָס קוואַלט אַרויס פון די טיפעגישן פון מענטשלעכן האַרץ, וואָס שלאָגט פונעם אינעווייניקסטן פאַרבאַנד־מקור, אין וועלכן אַלע מענטש־לעכע לײַדן גיסן זיך צוזאַמען, וואָס ווערט באַלויכטן מיטן באַוווסטזײַן, אַז אַ מענטש איז פאַרן צווייטן מענטשן נישט קיין וואָלף, נאָר אַ ברודער, אַ ברודער אין לײַדן, אין גענוס, אין לעבן.

אָט מיט דעם דאָזיקן גרויסן הומאַניטאַרן געפיל איז גע־בענטשט געוואָרן אויך אונדזער אברהם רייזען. ער טראָגט אַרום בײַ זיך אין האַרצן גאַנצע זונען מיטלײַד, באַרמהאַרציקייט און ליבע צו אַלע שטילע, קליינע און לײַדנדיקע באַשעפענישן־ברודער אויף דער וועלט, און וואָס נידעריקער „דער ברודער" איז, וואָס געפאַלענער, וואָס דערשלאָגענער — אַלץ נענטער, אַלץ האַרציקער, אַלץ מער טרייסט־ווערטער געפינט פאַר אים

רייזען דער בעל־החיים, רייזען דער גוטמוטיקער, רייזען דער ענטוזיאַסט.

רייזען פאַרמאָגט אַ גרויסן גלויבן אין מענטשן, אין לעבן. ער האָט אין זיך אומדערשעפּלעכע אוצרות פון בטחון און ענטוזיאַזם. אָבער דאָס איז נישט קיין אויבנאויפיקער גלויבן פון אַ נאַיוון מענטשן, וועלכער קוקט בכלל דורך ראָזע ברילן אויפן לעבן. ניין, רייזען איז אַ קינסטלער, און פון זײַן קינסטלער־אויג זענען נישט פאַרבאָרגן אויך די שאָטן־זײַטן, די שוואַרצע פלעקן, דער אומגעלומפּערטער אומזין. אָבער ער מײַדט זיי בכיוון אויס. ער גייט זיי פאַרבײַ — הלמאי זאָל מען נאָך שיטן זאַלץ אויף די וווּנדן פון די קראַנקע מענטשן?

און דערפאַר טאַקע ווערט זײַן ענטוזיאַזם אַזוי אָפט באַגלייט מיט אַ האַלב־פאַרבאָרגענער איראָניע. איר פילט אין זײַנע דערציילונגען, אַז דער מחבר דערזאָגט נישט אַלץ, אַז ער פאַרבאַהאַלט פון אײַך עפּעס, אַז ער אַליין איז גאָר נישט אַזוי בײַ זיך „פריילעך”. דאָס דערקענט איר אין דעם דינעם שמייכעלע, וואָס שלענגלט זיך אַזוי דיסקרעט איבער זײַנע לאַנגע וואָנצעס, דאָס דערציילן אײַך זײַנע טיפע אויגן, פון וועלכע עס קוקן אַרויס אַזוי פיל אומעט און פּײַן.

רייזען איז נישט קיין באַנאַלער שפּאַציר־מאַכער איבערן לעבן, נישט קיין לײַכטזיניקער עפּיקורייער, נאָר אַ הומאַניסט־קינסטלער, בײַ וועמען די שוואַרצע געשפּענסטער פון לעבן קאָנען נישט אויסלעשן די זוניקע קוואַלן פון לעבנס־ענטוזיאַזם. און טאַקע דערפאַר איז א. רייזען אַזוי נאָענט, אַזוי ליב, אַזוי קרוביש צו זײַנע לעזער.

* *
*

שוין רייזענס גרונדשטריך — זײַן באַרמהאַרציקייט — האָט אים נישט געקאָנט מאַכן פאַר דעם דיכטער פון שטורעם, פאַר דעם זינגער פון דעם האַרטן אומבאַחמנותדיקן קאַמף מיט דעם אַלטן לעבן. אברהם רייזען איז נישט קיין „פּראָלעטאַרישער דיכטער” אין דירעקטן זינען פון וואָרט, ער איז

נישט קיין שרײַבער־קעמפּער, אָבער ווײַל אים זענען אַזוי נאָענט אַלע לײַדן, ווײַל ער איז אַזוי „פאַרברידערט" מיט דער נויט, זענען אים אַמנאָענטסטן און אַמליבסטן די אַמערסטן געליטענע, די אַמשטאַרקסטן באַעוולטע — די אַרבעטער.

ער מאַכט נישט מיט מיט זיי זייער קאַמף. פון זײַן ענגן צימער בלויז רײַסט ער זיך צו „ליכט און פרײַהייט". צײַטנווײַז פאַלט ער אַרײַן אין אַן עקסטאַז און זינגט זײַן ליד „צו די דעמאָנסטראַנטן", ציט אין זײַן „פרײַהײַטס־גלאָק". ער קלאָגט אַמאָל אויך, ווען ער גייט אַרויס אין גאַס און זעט, ווי אַלע זײַנע פרײַנד זענען פאַרשפּאַרט אין די תּפיסות. אָבער נישט די דאָזיקע פרײַהײַטס־לידער זענען די גרונד־מאָטיוון פון זײַן שאַפן, נישט זיי מאַכן אים אַזוי נאָענט פאַר דעם קעמפנדיקן אַרבעטער־קלאַס.

אבֿ־הם רייזען איז א ו נ ד ז ע ר ד י כ ט ע ר, ווײַל ער האָט זײַן חלק אין דעם גרויסן באַפרײַונגס־קאַמף פון דער מענטשהײַט; ער פירט דאָרט אויס די שליחות פון אַ באָרעמ־האַרציקן ברודער, ער האַלט אונטער דעם גלויבן אין מענטשן, אין גליק אין לעבן.

אברהם רייזען איז אונדז נאָך טאָפּלט ליב, ווײַל ער איז פון די איינציקע יידישע שרייבער, וועלכע זענען אַזוי מיט לײַב און זעל צונויפגעבונדן מיט דער נײַער ייִדישער קולטור, האָט אין זײַן גאַנצן לעבן נישט געשלאָסן קיין קאָמפּראָמיסן מיט די „טראַדיציעס פון אונדזער עבֿר", גלויבט אַזוי פעלזנ־פעסט אינעם כּוח פון דער ייִדישער אַרבעטענדיקער מאַסע, אין דער צוקונפט פון איר לעבעדיקער שפּראַך.

* *
*

אָפּט ציִען צו זיך די הויכע בערג מיט זייער אימ־פּאָזאַנטער מאַסיווקייט. עס לאָקן צו זיך די נײַע אומבאַקאַנטע וועגן מיט זייערע טונקעלע געהיימנישן, עס איבעררײַשן די מעכטיקע וואַסערפאַלן, עס רודערן אויף די שטורעמס, עס הויבן דעם געמיט די מעכטיקע ים־כוואַליעס.

אָבער נאָך די אַלע שטאַרקע און טיפֿע איבערלעבונגען, ווערט היימיש און וואַרעם אויף דער נשמה, ווען מען קערט זיך אום צו זיך אין דער אַלטער היים און מען הערט ווידער דעם שטילן געמיטלעכן געמורמל פֿון דעם היימישן וואַסערל אַרום דעם אייגענעם שטעטל, ער וועקט אויף פֿיל אַלטע איבערלעבונגען, ער דערמאָנט אַזוי פֿיל ליבע און גליקלעכע מאָמענטן פֿון דער אַלטער פֿאַרשוווּנדענער צײַט.

אברהם רייזענס ווערק זענען דאָס שטילע פֿליסטערן פֿון אונדזער היימישן, ריינעם טײַכל, וועלכער קוועלט שוין גאַנצע 35 יאָר אין דער ייִדישער אַ ליטערטור, אַ טײַכל, אין וועלכן עס האָבן זיך אויסגעבאָדן נישט איין אומריינע מחשבה, און וועלכן עס זענען געלייטערט און גערייניקט געוואָרן געגוג לעבנס־שמוץ און לעבנס־זינד...

זאָל־זשע פֿליסן דאָס דאָזיקע וואַסערל נאָך יאָרן, יאָרן־לאַנג זאָל דער רייזען־ענטוזיאַזם און די רייזען־ליבע לאַנג נאָך באַלויכטן און באַצירן אונדזער ייִדישע ליטעראַטור.

# יונה ראָזענפעלד

### דער שרײַבער פון דעם נאַכטיקן איין מענטשן.

דאָ נישט לאַנג איז געװאָרן 20 יאָר זינט עס האָט אָנגעהויבן שרײַבן איינער פון די הײַנטיקע אָנגעזעענסטע ייִדישע בעלעטריסטן, יונה ראָזענפעלד.

דער דאָזיקער שרײַבער, ווי אַ סך פון אונדזערע ייִנגע, שטאַמט פון די טיפענישן פון פאָלק; ער איז געקומען צו דער ליטעראַטור פון שנײַדער-װערקשטוב, אָבער מיט איין חילוק: יענע זענען געקומען צו דער ליטעראַטור דורך דער ליטעראַטור, דורכן לייענען ביכלעך, נאָך זייער באַקענט װערן מיט ייִדישע שרײַבער. בײַ יונה ראָזענפעלדן איז גאָר אַנדערש צוגעגאַנגען. ביז איין און צוואָנציק יאָר האָט ער, ווי ער אַליין דערציילט אין זײַן אויטאָביאָגראַפיע, קיין ביכל אין האַנט נישט גענומען. באַקענט האָט ער זיך מיט דעם ענין שרײַבן דורך אַ צופאַל. אַז ער איז אַלט געװען 21 יאָר, איז ער געקומען אין אַ שטעטל זיך שטעלן צום פריזיוו. דאָרט האָט ער געטראָפן אַ קוזינע „אַ כלה-מיידל“. האָט ער זיך אַזוי אַװעקגעזעצט שרײַבן אַ גרוס צו זײַן קוזינס חתן.

„מיר איז אַליין, דערציילט ער, נישט געװען קלאָר, וואָס איך וועל דאָ טון. עפּעס האָט מיך אַרומגעכאַפּט אַ בלינדער באַגער אויף אַ שטומען שרײַבנדיקן אופן אויסצוגיסן דאָס האַרץ

מײַנס. איך האָב געפילט, אַז מיט מונדלעכע ווערטער קאָן איך עס נישט און אַז ווערטער וועלן מיך נישט באַרויִקן. און איך האָב קיין אַנדערע שליטה נישט געהאַט צו דער פען, סײַדן דורך אַזאַ געלעגנהייט. איך האָב געכאַפּט די פען אין האַנט און מיט אַ האַרץ, וואָס איז געווען פול פאַרלאָפן מיט בלוט, מיט אַ האַרץ, וואָס האָט שיער נישט געפּלאַצט פון ווייטאָק, האָב איך זיך אַוועקגעזעצט שרײַבן צו אַ ווילד פרעמדן מענטש, צו אַ מענטש, וואָס איך האָב אויף מײַן לעבן אין די אויגן נישט אָנגעקוקט און נישט געוווסט, וואָס איך גיי צו אים שרײַבן. און דאָ איז געשען עפּעס אויסערגעוויינלעכס: די האַנט, וואָס האָט פון צוועלף יאָר אָן קיין פען נישט גע-האַלטן איז אַוועק אַ גאַנג".

אַזאַ „סטיכישער" צוגאַנג צו ליטעראַטור, אַזאַ נאַטירלע-כער דראַנג צו דער פעדער קאָנען שוין נישט ברענגען מיט זיך קיין פּוסטע ווערטער, קיין הוילע פראַזן. זיי מוזן זײַן אַן אויסדרוק פון אַ טיפער, צאַפּלדיקער נשמה, וועלכע רײַסט זיך צום וואָרט, וויל זיך „אויסרעדן", אַרויסברענגען דאָס אינעווייניקסטע, דאָס פאַרבאָרגנסטע אין מענטש.

שוין אין זײַן ערשטן דעביוט האָט ראָזענפעלד געהאַט די געלעגנהייט זיך איבערצוצײַגן, ווי אַזוי „שרײַבן" קאָן ווירקן אויף מענטשן. „ווען איך האָב פאַרשריבן, דערציילט ער, איין בייגעלע פּאַפּיר און זיך גענומען צום צווייטן, האָט זיך די קוזינע מײַנע פאַרנומען צו לייענען דאָס פאַרשריבענע בויגעלע און שרײַבנדיק האָב איך געהערט, ווי זי לאָזט פון צײַט צו צײַט אַרויס אַזעלכע מאָדנע אויסרופן. אָבער איך האָב ווינציק געלייגט אַכט אויף דעם. איך האָב ביז יענע צײַט נישט גע-ווּסט און קיין אָנונג נישט געהאַט, אַז ס׳איז פאַראַן עפּעס אַ מין „שרײַבעכץ", וואָס איינער אַן מענטש זאָל אָנשרײַבן און ס׳זאָל האָבן אַ ווערט פאַר אַ סך מענטשן... איך האָב געוווּסט פון אַזאַ שרײַבן, וואָס קאָן נאָר האָבן אַ ווערט, ווען ס׳שרײַבט ווער צו וועמען אַ בריוו. פון אַ שרײַבן אין דער וועלט אַרײַן,

שרײַבן צו קיינעם נישט און דאָס זאָל האָבן אַ גרויסן ווערט, וועגן דעם האָב איך ביז דעמאָלט נישט געהערט".

און געוויר ווערנדיק וועגן דער דאָזיקער גרויסער מתּנה, וואָס ער פֿאַרמאָגט אין זיך, האָט שוין יונה ראָזענפֿעלד אונדז אָנגעהויבן באַשרײַבן נישט בלויז דאָס, וואָס איז געווען פֿאַרבאַהאַלטן אין זײַן נשמה, ער האָט זיך אָנגעהויבן גריבלען אויך אין דער נישט נאָרמאַלער פּסיכיק פֿונעם מענטש, אין די פֿאַרפֿלאָנטערטע ווענקלעך און נאַקעטיקע געסלעך פֿון מענטשלעכן געהירן און זיי שילדערן פֿאַר אונדז אין אַ גאַנצע רײ פּרעכטיקע בילדער, פֿון גאַנצע זעקס בענדער.

יונה ראָזענפֿעלד איז אַ טיפֿער פּסיכאָלאָג, אַ גרויסער קענער פֿון דער קראַנקער מענטשלעכער נשמה; אַ מײַסטער איבערצוגעבן אין ווערטער און בילדער די פֿאַרדרייטסטע און פֿאַרקריפּלטסטע אָפּנייגונגען פֿון דער מענטשלעכער פּסיכיק.

דער באַקאַנטער קריטיקער ש. ניגער כאַראַקטעריזירט אַזוי דאָס שאַפֿן פֿון ראָזענפֿעלדן:

„אינטעלעקטואַליזם, באַוווסטזיניקייט, שכלדיקייט, — דאָס איז דער שאַרפֿסטער סימן פֿון זײַן שטייגער שרײַבן, פּונקט אַזוי ווי פֿאַרקערט, דאָס ווילדע, אומפֿאַרשטענדלעכע און „אונטערבאַוווסטזיניקע" איז זײַן הויפּטטעמע".

ער האָט אָנגעהויבן שרײַבן אין איין צײַט מיט י. מ. ווייסענבערגן, און אין דעם פּרט, ווי אין אייניקע אַנדערע פּרטים, איז ער פּונקט דער היפּוך פֿון ווייסענבערגן. ווייסענבערגן ציט צום געזונטן, פּולבלוטיקן און קלאָרן לעבן, און די שטאַרקסטע זײַט פֿון זײַן שרײַבן איז דאָס פּלאַסטישע און דאָס בילדלעכע, נישט דאָס געדאַנקלעכע. ראָזענפֿעלד, פֿאַרקערט, האָט זיך ליב אָפּצוגעבן מיט די קרענקלעכע, פֿאַרקריפּלטע, פֿאַרדרייטע, טונקעלע נשמות, און טאַקע דערפֿאַר אפֿשר דורשט ער אַזוי נאָכן ליכט פֿון באַוווסטזײַן.

פֿון די טונקעלע, נאַכטיקע טיפֿענישן פֿון לעבן רײַסט ער זיך צו קלאָרקייט. ער וויל, ער מוז טרעפֿן די רעטענישן, וואָס קוקן אויף אים פֿון אַלע זײַטן מיט זייערע ספֿינקס-געזיכטער.

ער זעט אומעטום געהיימנישן, אַלץ איז אין זײַנע אויגן סתירהדיק, צוויי־פּנימדיק, איראַציאָנעל, אומלאָגיש. זוכט ער רעטונג בײַ לאָגיק, און אַ באַהאַלטעניש וויל ער געפינען אין די רײַכע קנייטשן פון זײַן בויגיקן, שלאַנגיקן געדאַנק.

אַזוי ווי מיסטיק האָט זיך אָפּט געפּאָרט מיט מאַטעמאַ־טיק, אַזוי פּלאָנטערט זיך דאָס געהיימע און אומבאַוווסטע בײַ יונה ראָזענפעלדן אין די נעצן פון לאָגיק, שכלדיקייט און באַוווסטזײַן.

און אָט דאָס איז איינע פון די סיבות, פאַר וואָס ער חקרנט זיך אָפּט, פאַר וואָס ער מוז זיך חקרענען, פּלפּולען און שרײַבן לענגער, ווי עס איז נויטיק פאַר דער עצם מעשה, וואָס ער דערציילט. וואָס אומגעריכטער, אומפאַרשטענדלעכער און טונקעלער עס איז די סיטואַציע, וואָס ער מאָלט, אַלץ מער מוז ער זיך מאַטערן עס צו געבן אונדז צו פאַרשטיין. וואָס מער ער פאַרפּלאָנטערט דעם לעזער, אַלץ מער מוז ער וועלן אים אויפקלערן.

אָבער נישט געקוקט אויף דעם, וואָס זײַן געדאַנק פּלאָנ־טערט אָפּט צופיל און גיט אָפּט צו פיל צו פאַרשטיין, איז ער דאָך איינער פון די פײַנסטע אינסטרומענטן און טיפסטע קוואַלן פון זײַן שאַפן.

עס איז זעלטן צווישן שרײַבער, וואָס קומען פון פאָלק און שעפּן אַלץ פון זיך אַליין, אַזאַ רײַכקייט פונם געדאַנק־לעכן לעבן און אַזאַ שאַרפקייט פון אינטעלעקט: מענטשן, וואָס האָבן נישט קיין אויסערלעכע בילדונג, זענען געוויינלעך אינסטינקטן־ און פאַנטאַזיע־מענטשן. אויב זיי האָבן טאַלענט צום שרײַבן, גייט אַרויס אויף זייער שרײַבן פון דעם געפיל און דער פאַנטאַזיע. יונה ראָזענפעלד איז אין דעם פּרט אַן אויסנאַם. ער איז (אינערלעך) אַ מענטש פון זייער אַ פײַנער אינטעלעקטועלער קולטור. ער איז, אויב מען קאָן דאָס זאָגן, אַ וואָלינער ליטוואַק.

אין אָנהויב האָט עס זיך געפילט נאָר אין דעם אינ־האַלט, נישט אין דעם סטיל פון זײַנע ווערק. צו די געדאַנ־

קען און געפילן, וואָס ער האָט געשילדערט, האָט זיך נישט געפּאַסט די פּרימיטיווקייט און נישט־געהויבעלטקייט פון דעם אופן, ווי אַזוי ער האָט זיי געשילדערט. וואָס ווײַטער אַלץ שוואַכער ווערט די סתירה, וואָרום וואָס ווײַטער, אַלץ מער ווערט אויך זײַן סטיל און זײַן שפּראַך פּאַרצויגן מיט אַ הײַטל פון אינטעלעקטואַליטעט און געדאַנקלעכקייט.

און מען קאָן שוין איצט דערקענען יונה ראָזענפעלדס אַ דערציילונג לויט איר סטיל (און לויט דער אייגנאַרטיקער, נישט שאַבלאָנער צייכענונג פון איר קאָמפּאָזיציע) נישט נאָר לויט איר מאָטיוו און טעמע.

יונה ראָזענפעלד ווערט אַלץ באַוווּסטזיניקער קינסטלעריש, און ער איז איצט שוין אָפט דרײַסט אין דעם אופן, ווי אַזוי ער דערציילט זײַנע מעשיות און פּלאָנטערט זײַנע פּלאָנטערס, נישט נאָר אין דעם מאַטעריאַל, וואָס ער באַנוצט פאַר זיי.

מיר ווינטשן דעם פּראָלעטאַריער־קינסטלער, אַז ער זאָל מאַכן אַ ווײַטערדיקן שריט אין זײַן שאַפן און זאָל אָנהויבן אונדז צו מאָלן נישט נאָר די נאַכטיקע וועגן פון דער מענטש־לעכער נשמה, נאָר אויך די ליכטיקע שטעגלעך, וואָס פירן דעם מענטש צו העראָיזם, צו סאָלידאַריטעט, צו אַ זוניקן האַרמאָ־נישן לעבן.

אין אַזאַ שרײַבער נויטיקט זיך מער ווי אין אַלץ דער ייִדישער אַרבעטער־קלאַס.

# מאָריס ווינטשעווסקי

דעם זיידן צו זײַן יום־טוב *)

דזײַנטיקס יאָר האָט די יידישע סאָציאַליסטישע ליטעראַטור צו פאַרצייכענען אַ גרויסן יום־טוב; אַלע יידישע אַרבעטער־לעזער וועלן זיך באַטייליקן אין דער געמיינזאַמער שמחה; דאָס איז דער יום־טוב פון דעם ערשטן יידישן סאָציאַליסטישן שרײַבער אין יידיש, דאָס איז די שמחה פון דעם אונדז אַלעמען באַליבטן און טײַערן „זיידע" מ אָ ר י ס  ו ו י נ ט ש ע ו ו ס ק י.

צוויי „זיידעס" פאַרמאָגן מיר אין דער יידישער ליטעראַטור: מענדעלע מוכר ספרים אין דער אַלגעמיינער און מאָריס ווינטשעווסקי (צו לאַנגע יאָר!) אין דער סאָציאַליסטישער. ביידע גלײַך זענען זיי געשטאַנען בײַם ליטעראַרישן בראשית, ביידע האָבן זיי פון אַ תהו ובהו אַ וועלט געשאַפן, ביידע האָבן זיי געטלעך באַפעלעריש געזאָגט זייער „יהי אור" (עס זאָל ווערן ליכט!) און אַ פעסטע זיכערע יבשה פאַר די מענטשן אַוועקגעלייגט.

צוויי פיאָנערן, צוויי „זיידעס", אָבער מיט איין חילוק אין דער צײַט, ווען מענדעלע איז פאַרבליבן אַ „זיידע" און

*) געשריבן אין יאָר 1923 צו דעם 50־יאָריקן יובילײַ פון מ. ווינטשעווסקיס ליטעראַרישער טעטיקייט.

איז נישט אַוועק ווײַטער פון זײַן פּיאָנערן־פאָרם און „זיידישן" סטיל; אין דער צײַט ווען ער איז שוין זײַן גאַנץ לעבן אַרומגעפּאָרן מיט זײַן פערד און וועגעלע איבערן יידישן גלופסק און קאַבצאַנסק און האָט די ווײַטערדיקע אַנטוויקלונג איבערגעלאָזט פאַר זײַנע זין און אייניקלעך, האָט אונדזער צווייטער „זיידע", ווינטשעווסקי, זיך אַליין ווײַטער אַנטוויקלט צו אַן „אייניקל"; ער איז נישט אָפּגעשטאַנען פון דער צײַט און אירע ענדערונגען און האָט מיט איר צוזאַמען דורכגעמאַכט אַלע גלגולים, וואָס זי האָט איבערגעלעבט פון די 70־סטע יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט ביזן הײַנטיקן טאָג.

און אויך איצט אַ 68־יאָריקער זקן, שטייט ער פאַר אונדז יוגנטלעך־מונטער, פלאַמענדיק־ברויזנד און מאַרשירט אין די ערשטע רײַען פון דעם קעמפנדיקן אַרבעטער־קלאַס, פאַרנעמט אַזוי מונטער, מוטיק דעם דרײַסטן רוף פון צײַט און פרײַהײַט־גייסט.

נאָך אַלס יונגער ייִנגל האָט ער דורכגעמאַכט דעם פּראָצעס פון יידישן משכיל פון יענער צײַט, אָבער די השכלה מיט איר אידעאַל־פּוסטקייט איז נישט געווען אימשטאַנד זײַן אמת־זוכנדיקע און קעמפערישע נאַטור בײַ זיך לאַנג צו פאַרהאַלטן. ער באַקענט זיך מיטן סאָציאַליזם פון די רוסישע רעוואָלוציאָנערן פון יענער צײַט און לאָזט זיך אין „פאָלק" צווישן די רוסישע פּויערים צו פּראָפּאַגירן די רעוואָלוציאָנערע אידייען.

ליבערמאַנס סאָציאַליסטישער אויפרוף „אל שלומי בחורי ישראל" טרעפט צו דעם יידישן האַרצן פון דעם יונגן „פאַרפויערשטן" סאָציאַליסט, און ער נעמט זיך צו פּרעדיקן סאָציאַליזם צווישן די יידן. אָבער קיין יידישע אַרבעטער, „יידישע הענט", ווי ער אַליין דריקט זיך אויס, זענען נאָך דעמאָלט נישט געווען. האָט ער זיך געווענדט מיט זײַנע סאָציאַליסטישע אַרטיקלען צו דעם יידישן מח, צו דער יידישער אינטעליגענץ, צו די יידישע ישיבה בחורים און אידעאַליסטישע יוניגעלײַט אויף העברעיש. ווינטשעווסקי הויבט אָן אַרויסצוגעבן אַ

העברעיִש-סאָציאַליסטישן זשורנאַל „אספּת חכמים“ אין קעניגס-בערג.

נאָך דעם ווי אין דײַטשלאַנד ווערן אַרויסגעגעבן די אויס-נאַם-געזעצן קעגן די סאָציאַליסטן (אין יאָר 1878), ווערט ווינ-טשעווסקי אַרעסטירט און שפּעטער אַרויסגעשיקט פון פּרײַסן. פון 1879 יאָר באַזעצט זיך ווינטשעווסקי אין לאָנדאָן. דאָ טרעפט ער זיך צום ערשטן מאָל מיט דער „יידישער האַנט“, מיט דער יידישער אַרבעט און גיט זיך איר איבער מיט לײַב און זעל. ער לאָזט אַרויס אַ יידישן זשורנאַל „דער פּוילישער יידל“, שפּע-טער דעם „אַרבעטער-פרײַנד“.

ווינטשעווסקי פאָרט איבער פון לאָנדאָן קיין אַמעריקע. דאָ שטעלט זיך אײַן אַ יידישע אַרבעטער-באַוועגונג, וועלכע ווינטשעווסקי באַדינט די גאַנצע צײַט מיט זײַן פּעדער. ווינ-טשעווסקי ווערט דער דיכטער פון דער יידישער אַרבעט, דער שליח-ציבור פון איר באַוועגונג, דער וועקער צו מוט און קאַמף; ווינטשעווסקי שרײַבט בײַסנדיקע סאַטירישע פּעליעטאָ-נען, דערציילונגען און דראַמען. און פון אַלע זײַנע ווערק שטראַלט אַרויס זײַן וואַרעם, הייס האַרץ צו די לײַדנדיקע, צו די געפּלאָגטע, זײַן פלאַמענדיקער באַגער צו אמת און פרײַהייט.

ס'איז נישטאָ קיין לעזער פון די יידישע אַרבעטער-קרײַזן, ווער ס'זאָל נישט זײַן באַקענט מיט די אָריגינעלע און גײַסטרײַכע געדאַנקען פון „משוגענעם פילאָזאָף“. ס'איז נישטאָ קיין אײן יידישער סאָציאַליסט, וועמען ס'זענען פאַרבליבן אומ-באַקענט די שטורמישע און קאַמפּסלוסטיקע לידער פון דעם אייביק יונגן זיידן. גאַנצע דורות אַרבעטער-קעמפער זענען באַ-גײַסטערט געוואָרן צום קאַמף דורך זײַנע לידער; טויזנטער יידישע לעזער פון ביידע זײַטן ים האָבן זיך געקוויקט מיט זײַנע פּעליעטאָנען און אַרטיקלען.

און ווען צום „זיידן“ קיין אַמעריקע האָבן זיך פאַר-קייקלט גרוסן וועגן אַ יידישער אַרבעטער-באַוועגונג אין רוס-לאַנד, ליטע און פּוילן, ווען ער האָט זיך באַקענט מיט אַט

דער האַרמאָנישער און מסירות-נפשדיקער אַרבעט, האָט דער אַלטער סאָציאַליסטישער דיכטער אויפגעלעבט אַ צווייט מאָל; ער האָט דערזעען פאַר זיך די פרוכטן פון זײַן לאַנגער אַרבעט, אין אים האָט אויפגעשײַנט דער נחת פון זײַנע הונדערטער און טויזנטער אייניקלעך אויף יענער זײַט ים און ער האָט זיך געווענדט צו זיי מיט זײַן רוף: „נעמט מײַן נשמה” און ער האָט פאַר זיי געזונגען דאָס ליד „פון לוינשקלאָף”.

און הײַנט, אין דעם יום-טוב פון זײַן 50-יעריקער ליטע-ראַרישער אַרבעט, אין דער שמחה פון זײַן פרוכטבאַרן ווירקן און שאַפן, שיקן מיר, זײַנע טויזנטער אייניקלעך, תּלמידים און לעזער, אים אונדזער האַרציקע ברכה פון דערווײַטנס און ווינטשן אים, ער זאָל נאָך לאַנג, לאַנג נישט צוויסלאָזן זײַן פעדער-שווערד פון זײַנע הענט און זי זאָל אים נאָך דינען אויף לאַנגע יאָר צו באַרײַכערן די יידישע ליטעראַטור, צו באַגײַסטערן די מאַרשירנדיקע מחנות מיט זײַן הילכיקן רוף פון „פרײַהייטס-גײַסט”.

# אסתר רחל קאמינסקי

דער בלאנדזשנדיקער שטערן.

דהאָבן מיר שוין אויך אסתר רחל קאַמינסקי באַגראָבן. איינער נאָכן צווייטן ווערן פאַרשווונדן פון אונדזער האָריזאָנט די, וואָס האָבן זיך די ערשטע, ווי ליכטיקע שטערן, באַוויזן אין אונדזער חושך און מיט אזאַ פאַרגעם באַרייַכערט אונדזער קולטור־לעבן.

שטאָק־פינצטער איז געווען אויף דער יידישער גאַס מיט אַ 30—40 יאָר צוריק. פינצטער ווי אין אַן ארון־קודש, אָרעם ווי אין אַ הקדש.

אונדזער גאַנצע קולטור איז געווען דורכגעזאַפּט מיטן הייליקן בוימל פון דער בלינדער אמונה, באַשטויבט מיט די פאַרעלטערטע השגות פון מיטלאַלטער, זיך גענערט און געשפּייַזט מיט די רבנישע שיריים פון 16טן און 17טן יאָרהונדערט.

מיר האָבן נאָך דעמאָלט בכלל קיין וועלטלעכע קולטור נישט געהאַט. דאָס יידישע וואָרט איז געווען רוי, פּרימיטיוו און וואָכעדיק און איז עס באַנוצט געוואָרן אין דרוקפאָרם, איז עס געווען אַן איבערגעניטשעוועטער, צונויפגעשטיקעוועטער פון די באַלעבאַטישע לשון־קודשדיקע מלבושים, אַ פאַרטוך פאַרן קיך־געברויך. און איז עס געברויכט געוואָרן מינדלעך, — איז עס געווען אַ שיחת־חולין, אַ „פּורים־שפּיל", אַ מוסר אָדער פאַרווייַלונג פאַר די דינסטמיידן און עמי־הארצים.

קינדיש הילפלאָז זענען געווען די ערשטע שריט פון דער

ייִדיש־וועלטלעכער קולטור. גראָב און רוי זענען געווען אירע ערשטע אויסדרוקן: שמר מיט זײַנע שונד־ראָמאַנען — אין דער ליטעראַטור, גאָלדפאַדן מיט זײַנע פּרימיטיווע פּיעסעס — אין טעאַטער.

אין דאָזיקן קולטורעלן תהו ובהו האָבן זיך מיט אַמאָל מײַסטער, שעפער באַוויזן. זיי האָבן געזאָגט זייער באַפעלערישן — „ויהי", „עס זאָל זײַן!" און עס איז טאָג געוואָרן, עס איז אַ יבשה באַשאַפן געוואָרן, עס איז אַ קולטורעלע וועלט אויפגעקומען.

מענדעלע מוכר ספרים, שלום עליכם און פרץ אין דער ליטעראַטור און אסתר רחל קאַמינסקי צוזאַמען מיט אַנדערע בלאָנדזשנדיקע שטערנס — אין ייִדישן טעאַטער.

שווער, טראַגיש שווער איז געווען דער גורל פון די דאָזיקע ערשטע שטערנס פון דער ייִדישער בינע. זיי האָבן טאַקע געמוזט אין בוכשטעבלעכן זין פון וואָרט אַרומבלאָנדזשען פון איין שטעטל אין צווייטן, פון איין מדינה אין אַן אַנדערער. זיי זענען נאָך געווען פעסט פאַרבונדן מיט די באַגריפן און געשמאַקן פון דעם אומאַנטוויקלטן עולם, פאַר וועמען זיי האָבן אין די שטאַלן און שאַפּעס „געשפּילט טעאַטער".

דער שרײַבער, דער מחבר, דער ראָמאַניסט איז בעתן שאַפן זעלבשטענדיק, קיינער דיקטירט אים בעת־מעשה נישט — ווי אַזוי און וואָס ער זאָל שרײַבן. ער האָט פאַר זיך נישט בעת זײַן אַרבעט דעם עולם, דעם „האָכגעשעצטן לעזער" פאַר וועמען ער שרײַבט. איז ער פרײַ אין זײַן שאַפן, נישט געבונדן מיט אָנגעוואָרפענע געשמאַקן. קאָן ער זיך אויפהייבן העכער פון דער לעזער־סביבה. קאָן ער זיך דערלויבן אויף אַ נײַ וואָרט, אויף אַ שאַרפן געדאַנק, אויף אַ סובטילן רמז.

אַנדערש איז אָבער דער אַקטיאָר, ער האָט פאַר זיך אַ שטענדיקן קריטיקער בעתן שפּילן, דאָס טעאַטער־פּובליקום. זײַן יעדער וואָרט, זײַן יעדע העתּיה, זײַן קער און שטעל קומען פאַר פאַר די אויגן פון הונדערטער. זיי רעאַגירן תיכּף אויפן אָרט אויפן שאַפן פונעם אַרטיסט. זיי דריקן אים באַלד אויס

זייער באַגײַסטערונג, אים געלונגט זיי צו געווינען אויף זײַן זײַט. און זיי פּראָטעסטירן אויף דער שטעל, אויב דער אַקטיאָר איז נישט נושא חן אין זייערע אויגן. איז ער טאַקע שטאַרק געבונדן מיט די השגות און געשמאַקן פון דער טעאַטער-מאַסע, קאָן ער צו ווײַט פון איר זיך נישט אָוועקלאָזן, מוז ער טון אַלץ, כּדי איר וויל צו געפעלן, זיך האַלטן בײַם שאַבלאָן צו באַפרידיקן די וווּלגאַרע נאָכפראַגע פון די טעאַטער-קונדן.

און נאָר דער אַרטיסט מיטן געבענטשן טאַלענט, נאָר דער אמתער, געבווירענער קינסטלער קאָן אַ הייב טון די קינדערשע נשמה פונעם „משה", קאָן אין איר אויפוועקן נײַע באַדערפעניש פון שיינקייט און אַנטוויקלען נײַע באַגריפן וועגן קונסט. און דאָס האָט אויך געטון די פאַרשטאָרבענע אסתר רחל קאַמינסקי.

אסתר רחל קאַמינסקי איז נישט געקומען צום טעאַטער מיט באַזונדערע פּראָבלעמען, זי האָט דערבײַ נישט געהאַט קיין טיפערע כּוונות, זי האָט זיך נישט געשטעלט קײַן ווײַטערדיקע צילן. די יינגע פאַרקויפערין אין אַ שיך-געשעפט האָט געפילט אין זיך אַ שטאַרקע באַדערפעניש „זיך-אויסשפּילן", אַזוי ווי אַ פויגל דאַרף זיך אויסזינגען.

און ווײַל דאָס איז געווען בײַ איר אַן אינעווייניקסטע באַדערפעניש, ווײַל „טעאַטער" איז געלעגן בײַ איר טיף אין די בלוטן, ווײַל זי האָט די קונסט באַגריפן אינטויִטיוו אין די טיפענישן פון איר נשמה, האָט זי פאַר אונדז געשאַפן נײַע ווערטן, האָט זי דערצויגן דעם טעאַטער-באַזוכער צו אַ העכערער קונסט, האָט זי דערהויבן דעם יידישן טעאַטער צו אַ קולטור-מדרגה.

גראָב און רוי איז געווען דאָס יידישע וואָרט, שטאַמלדיק — די פּראָזע, מבולבלדיק און שרײַיק דאָס לשון.

איז געקומען אסתר רחל אויף דער בינע און האָט גערעדט צו אונדז געטאָקטע ווערטער, געפּערלטע זאַצן, געמאָסטענע און וואָגיקע דיבורים. זי האָט אַרײַנגעטראָגן סטיל אין אונדזער בינע-לשון, זי האָט אַרײַנגעבראַכט קולטור אין אונדזער טעאַטער-שאַפן. און דאָס איז איר באַדײַטונג, דערמיט האָט זי זיך אײַנגעשפּינט אויף אײ-

ביק אין דער גאָלדענער קייט פון אונדזער מאָדערנעם קולטור־שאַפן, אין דער געשיכטע פון דער נייער יידישער קולטור וועט צווישן די נעמען פון אירע מייסטער און שעפער אויך אַרויס־לייכטן דער „בלאָנדזשנדיקער שטערן" פון דער יידישער בינע — דער שטערן, וואָס האָט אויף אונדזער ערד געטראָגן דעם נאָמען — אסתר רחל קאַמינסקי.

1926.

# ברוך שפּינאָזע

צו זײַן 250סטן יאָרצײַט

## 1

אין דער גרויסער ישיבה „כתר תורה" אין אַמסטער־דאַם איז אין די יאָרן 1645—1650 אַ נײַער שטערן אויפגעגאַנגען: עס האָט זיך דאָרט געהאָדעוועט און גע־וואַקסן אַ גרויסער עילוי: ברוך, דער זון פון סוחר מיכאל שפּינאָזע, אַן אייניקל פון אַמסטער־דאַמער ראש־הקהל, רב אברהם דעספּאַנאָזע. דער דאָזיקער ר' אברהם איז געווען פון די מאַראַנען (אַ געצוווּנגענער קריסט), איז געקומען פון אָנפאַנג פון 17־טן יאָרהונדערט קיין אַמסטער־דאַם און איז דאָרטן צוריק געוואָרן אַ פרומער ייִד.

זײַן אייניקל ברוך האָט אַרויסגעוויזן גרויסע חריפות אין תלמוד און פלפול. לויט די זיטן פון יענער צײַט, האָט מען אים געלערנט אויך שפּראַכן (שפּאַניש, האָלענדיש און לאַטיין) און צייכענען. ער איז געווען אַ קראַנק ייִנגל, (גערשנט פון דער מוטער שווינדזוכט), האָט ער נישט געטויגט צו מסחר, און זײַנע עלטערן האָבן אים דערצויגן אַלס צוקונפטיקן רב. גרויסע האָפענונ־גען האָט געלייגט אויף אים דער ראש הישיבה רב שאול לוי מאַרטיירא. ברוך איז געווען זײַן בעסטער און פעיִקסטער תלמיד.

אָבער זײַנע פעיִקייטן און שאַרפער שכל האָבן אַרויסגע־

רופן בײַ זײַנע מלמדים אויך גרויסע זאָרג. דאָס ייִנגל האָט שוין צופיל געקלערט, האָט אַרײַנגעקוקט צו ווײַט און געשטעלט צו געפערלעכע קשיות. די דערציִער הויבן אָן חושד צו זײַן ברוכן אין אפיקורסות, אין כפירה. מען שיקט צו אים אונטער זײַנע חברים, זיי זאָלן בײַ אים אויספרעגן, וואָס ער טראַכט וועגן גאָט, וועגן נשמה, וועגן מלאכים און אַנדערער הייליקייטן.

דער ייִנגער שפינאָזע איז פאָרזיכטיק. ער האָט מורא צו געבן אַ קלאָרע תשובה, אַזוי ווי זײַן שכל זאָגט אים אונטער. ער געדענקט נאָך גאַנץ גוט דעם ביטערן סוף, וואָס אוריאל אַקאָסטאַ האָט געהאַט אין יאָר 1640: ער האָט געהאַט דעם מוט צו לייקענען אין השארת הנפש, אין דעם אַז מענטשן לעבן אויף יענער וועלט, איז ער דערפאַר אַרײַנגעפאַלן געוואָרן אין חרם; 7 יאָר צײַט האָט ער געליטן די גרעסטע יסורים, ביז ער האָט באַשלאָסן „תשובה צו טון", מודה זײַן זיך פאַר גאַנץ קהל אין זײַנע זינד. די פאַרטריקנטע רבנים מיט זייער ענגהאַרציקער „ליבע" צום מענטשן האָבן אים געצוווּנגען דורכמאַכן דעם גאַנצן ריטואַל פון תשובה מיט מלקות, מיט שפּײַען אין פּנים, טרעטן מיט די פיס. דער שטאָלצער אוריאל האָט עס נישט אויסגעהאַלטן, און ער האָט זיך אַליין דערשאָסן.

ברוך שפינאָזע איז געווען פאָרזיכטיק און האָט פאַר זײַנע חברים נישט אויסגעזאָגט אַלץ, וואָס זײַן שכל האָט אים אונטערגעזאָגט. אָבער דער חשד אויף אים איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער די פאַנאַטיקער האָבן פאַרלאַנגט פון אַמסטערדאַמער ראַבינאַט אַ שנעלע שטראָף, למען ידעו.

בפרט, ווען שפינאָזע האָט אָנגעהויבן אַרויסגיין לתרבות רעה. ער איז נישט געווען קיין פרעמדער אין האָלאַנד ווי אוריאל אַקאָסטאַ, ער האָט געהאַט פיל פרײַנד צווישן קריסטלעכע סטודענטן און איז באַזונדערס באַפרײַנדעט געוואָרן מיט זײַן לערער פון לאַטײַן, מיטן דאָקטאָר וואַן-דער-ענדע. שפינאָזע האָט זיך אַרײַנגעלאָזן אין די „ספרים חצונים" און האָט געשלונגען מיט גרויס דורשט די פילאָזאָפישע ווערק פון יענער צײַט, אין וועלכע

ער האָט געזוכט צו שטילן זײַנע ספקות. וואָס די רבנים האָבן נישט געקאָנט פאַרענטפערן.

די ייִדישע געטאָ האָט געשפּירט, ווי ברוך שפּינאָזע גייט אַלץ ווײַטער אַוועק פון איר. און די ראשי־הקהל און רבנים שיקן נאָכן צוואַנציקיאָריקן עילוי, לייגן פאָר צו צאָלן אים 1000 גילדן אַ יאָר „שווײַגגעלט": ער זאָל מיט קיינעם נישט רעדן וועגן זײַנע נײַע געדאַנקען, ער זאָל קומען אַלע שבת און יום־טוב אין שול אַרײַן, און זאָל נישט אַרויסווײַזן זײַן אַפּיקורסות. שפּינאָזע האָט דאָס אָפּגעוואָרפן מיט פאַראַכטונג. דעמאָלט, כדי אויסצו־מײַדן אַ סקאַנדאַל, האָט מען זיך אָנגעכאַפּט פאַר אַן אַנדער מיטל.

אין אַ פינצטערער נאַכט פון יאָר 1654, ווען דער 22יאָרי־קער שפּינאָזע האָט זיך אומגעקערט פון אַמסטערדאַם אין ייִדישן קוואַרטאַל, איז אים אַ פאַרבאָרגענע געשטאַלט אַנטקעגנגעקומען, און שפּינאָזע האָט אין דער לבנה־שײַן דערזען אַ מעסער פאַר זיך. שפּינאָזע האָט האַסטיק פאַרדעקט זײַן געזיכט מיטן מאַנטל, וועלכער איז דורכגעשטאָכן געוואָרן מיטן קינדזשאַל, אָבער שפּינאָזען האָט עס נישט געשאַדט. דאָס האָבן די אַמסטערדאַמער פאַנאַטיקער אונטערגעשיקט באַצאָלטע מערדער, כדי פּטור צו ווערן פון דעם געפערלעכן אַפּיקורס.

שפּינאָזע איז פאַרבליבן לעבן. דאַן איז שוין נישט געווען פאַר די אַמסטערדאַמער רבנים קיין אַנדער ברירה, ווי אויסצונוצן זייער לעצט מיטל — דעם גרויסן חרם. ליכט האָבן אין דער גרויסער שול געברענט, דער שופר האָט געבלאָזן, און דער אַלטער רבי רב שאול לוי מאָרטיירא, אײַנגעוויקלט אין קיטל און טלית, האָט פאַרשאָלטן און מחרים געווען דעם ווידערשפּעניקן, אַז זײַן נאָמען אונטערן הימל זאָל פאַרטיליקט ווערן, קיינער זאָל מיט אים נישט האָבן קיין מגע ומשא, מ׳זאָל אים אויסמײַדן 4 איילן ווײַט, נישט לייענען זײַנע „געשריבענע און פאַרפאַסטע כתבים", און אַזוי ווײַטער אין נוסח פון ייִדישן חרם.

אָבער דאָס איז נאָך געווען פאַר זיי ווייניק. שפּינאָזע האָט געהאַט פיל פרײַנד צווישן די קריסטן. האָט דער ראַבינאַט זיך

משתדל געווען בײַם אַמסטערדאַמער מאַגיסטראַט, אַז מען זאָל אים פון שטאָט אַרויסשיקן.

שפּינאָזע באַזעצט זיך אין אַ קליין שטעטל רינסבורג, גיט זיך אין גאַנצן אָפּ מיט וויסנשאַפטלעכע און פילאָזאָפישע סטודיען, און ציט זײַן חיונה פון שלײַפן גלעזלעך צו ברילן. ער ווערט אַלץ מער באַרימט אין דער קריסטלעכער וועלט, אַלס געלערנטער און פילאָזאָף. ער באַקומט פיל פרײַנד צווישן די רײַכע און מעכטיקע פון פאַרשידענע לענדער. זיי ווילן אים אויסהאַלטן אויף זייער חשבון. אָבער שפּינאָזע זאָגט זיך דערפון אָפּ. ער וויל זײַן מלאכה נישט אַוועקוואַרפן.

שפּעטער, ווען זײַן פילאָזאָפישע פּאָפּולאַריטעט איז אַזוי געוואַקסן, אַז דער קורפירשט פון פאַלץ האָט אים אײַנגעלאַדן אַלס פּראָפעסאָר אין היידעלבערגער אוניווערזיטעט מיטן תנאי ער זאָל נישט מיסברויכן מיט דער פרײַהײַט צו פילאָזאָפירן אויף צו שעדיקן די עקזיסטירנדיקע רעליגיע, האָט שפּינאָזע געענטפערט, אַז ער ווייסט נישט „אין וועלכע גרענעצן קאָן מען אַרײַנפירן די פרײַהײַט צו פילאָזאָפירן, אַז זי זאָל נישט אומברענגען די עקזיסטירנדיקע רעליגיע". און דערפאַר זאָגט ער זיך אָפּ פון דער פּראָפעסור.

און אַזוי האָט ער זײַן לעבן פאַרבראַכט אין שלײַפן גלעזלעך אויף אַ בוידעם אין האַאַג בײַ אַ מאַלער-אַרבעטער און אין שרײַבן פילאָזאָפישע ווערק, וועלכע ער האָט נישט געקאָנט אונטער זײַן נאָמען אָפּדרוקן, אָדער וועלכע זענען בײַ זײַן לעבן אין גאַנצן נישט דערשינען.

זײַן אַרט לעבן אין דעם שטויב פון די גלעזלעך האָט גיך אונטערגעריסן זײַן שוואַכן אָרגאַניזם, און ער איז געשטאָרבן אין האַאַג צו 45 יאָר, — פון יידן פאַרשאָלטן, פון דער ברייטער וועלט דערוויַטערט און נישט פאַרשטאַנען.

## 2

וואָס זשע האָט אַזוינס געלערנט דער דאָזיקער פילאָזאָף פון 17-טן יאָרהונדערט, וואָס האָט געוואָרפן אַזאַ שרעק אויף

אַלע גײַסטלעכע פון אַלע אמונות און אַרויסגערופן צו זיך די שנאה פון אַלע גלויביקע, אָן אונטערשיד פון רעליגיע?

עס איז אוממעגלעך צו פאַרשטיין די באַדײַטונג און ווערט פון אַ געדאַנק, אויב מען זאָל אים נעמען אָפּגעריסענערהייט, נישט צוזאַמענגעבונדן מיט דער צײַט, ווען ער איז אויפגעקומען, נישט וויסנדיק בכלל דעם מצב פון דענקען צו יענער צײַט.

אויך שפּינאָזעס לערע און געדאַנקען דאַרפן באַטראַכט ווערן היסטאָריש, אין פאַרבינדונג מיט די סאָציאַלע אומשטענדן פון יענער צײַט, אין שײַכות מיט דער גאַנצער פילאָזאָפיע פון זײַן דור.

טויזנט יאָר האָט די אמונה, אַלס גײַסטיקער אויסדרוק פון די פעאָדאַלע פאַרהעלטענישן, געהערשט אומבאַשרענקט איבערן מענטשלעכן שכל. זי איז געווען די תפיסה, אין וועלכער דער מענטשלעכער פאַרשטאַנד איז געווען פאַרשפּאַרט, און די כלי־קודש, די קירכע, זענען געווען די וועכטער, וועלכע האָבן שטרענג השגחה געגעבן, דער אַרעסטאַנט זאָל זיך נישט אַרויסרײַסן פון זײַן ענגער טורמע.

מיטן אויפקומען פון אַ נײַעם קלאַס פון שטאָטישן ביר־גערטום, הייבן זיך אָן די אײַנגעפונדעוועטע לעבנס־פאַרהעלטע־נישן צו ענדערן. דער מאַטעריעלער איבערגעוויכט גייט איבער פון פריץ צום סוחר, די פּאָליטישע השפּעה פונם פעאָדאַל פאַלט אַלץ מער, און עס הייבן זיך אָן פּאָליטישע געראַנגלען, וועלכע דערפירן, נאָך הונדערטער יאָרן קאַמף, צום פולן נצחון פון דעם נײַעם קלאַס, פונם „דריטן שטאַנד“.

און אין דער גײַסטיקער וועלט האָט זיך אָנגעהויבן דער געראַנגל קעגן די אַלטע אמונה־אויטאָריטעטן, קעגן „גרעסטן פריץ אין הימל“, און דער עיקר קעגן זײַנע ביידע וועכטער אויף דער ערד. פון דער רענעסאַנס־צײַט אָן קומט פאַר אין פאַרשידענע פאָרמען אַ קאַמף פאַר דער פרײַהײַט פון מענטש־לעכן געדאַנק, פאַר זײַן אומאָפּהענגיקייט פון דער טעאָלאָגיע פון דער אמונה, פון די „הייליקע“ אויטאָריטעטן.

די כלי־קודש פון דער הערשנדיקער אמונה, די קאַטוילישע

גײַסטלעכע האָבן זיך מיט אַלע כוחות געווערט קעגן דער דאָזיקער גײַסטיקער רעוואָלוציע, און האָבן זי געוואָלט מיטן וואָרצל אויסרײַסן. דער פּראָצעס קעגן גאַליליי, דאָס פאַרברענען דעם פרײַדענקער דזשאָרדאַנאָ ברונאָ, „די מעשים טובים" פון דער אינקוויזיציע, האָבן געגנוג טעראָריזירט דעם געפאַנגענעם מענטשלעכן שכל און האָבן געוואָרפן אַן אימה אויף אַלע דענקער און געלערנטע פון יענע צײַטן.

אין די לענדער, וווּ די האַנדלס־קלאַסן האָבן זיך באַפרײַט פון דער קאַטוילישער שליטה, — ענגלאַנד, איטאַליענישע רעפּובליקן, האָלאַנד — איז די נײַע וויסנשאַפט געווען פריִער אין איר פאָרשונג און איז געדולדעט געוואָרן דורך דער מלוכה, אַלס אַ נוצלעך מיטל פאַרן „מאַטעריעלן וווילשטאַנד".

אין ענגלאַנד האָט אַן ענגלישער מלוכה־קאַנצלער בעקאָן שוין אָפט אָנגעוויזן אויפן „נײַעם אָרגאַן" פון גײַסט, אויף דער מענטשלעכער דערפאַרונג און באַאָבאַכטונג, די אמונה האָט אויפגעהערט צו זײַן די אויבערהערשערין אין גײַסטיקן לעבן. דער שכל איז פון איר אַנטלאָפן צו דער ווירקלעכער וועלט, צו די אייגענע איבערלעבונגען און דערפאַרונגען.

שפּעטער האָט ער באַקומען נאָך אַ גרעסערן אָנזען אין דער לערע פון דעקאַרטן, וועלכער האָט דאָס דענקען געמאַכט פאַרן הויפּט־באַווײַז פון עקזיסטענץ אויף דער וועלט. „איך דענק — הייסט עס, איך עקזיסטיר". דעקאַרט באַטראַכט שוין נישט די מאַטעריע, דעם חומר, אַלס אַ נידעריקע זינדיקע זאַך. די גאַנצע נאַטור, מענטשן און צמחים ווערן דורך אים באַטראַכט אַלס אַ מעכאַניזם, וועלכער ווערט אָנגעפירט דורך געזעצמעסיקייט, דורך אומפאַרענדערלעכע סבות.

די פילאָזאָפיע האָט זיך באַפרײַט פון די קייטן פון דער אמונה. זי האָט זיך דערשלאָגן דאָס רעכט זעלבסטשטענדיק צו דענקען און צו פאָרשן אין אירע ארבעטצימערן. אָבער זי האָט דעם מענטשלעכן געדאַנק פון די אמונה־קייטן נישט באַפרײַט. זי האָט איבערגעלאָזן פאַרן מענטשן צוזאַמען מיטן שכל אויך דעם גלויבן אין די „אומבאַרירלעכע הייליקייטן", די קעגנ־

שטאַנדן, וואָס שטייען העכער פון שכל. די פילאָזאָפיע האָט באַטראַכט די אמונה אַלס אַ שוועסטער, מיט וועלכער מען קאָן פרידלעך הויזן. מען קאָן אין דער וואָכן שרײַבן פילאָזאָפישע ווערק איבערן מענטשלעכן דענקען, און זונטיק גיין אין קירכע גאָט בעטן.

שפּינאָזע איז געווען דער ערשטער בירגערלעכער דענקער וועלכער איז פאַרלאָפן זײַן צײַט אויף הונדערטער יאָרן. האָט צעשמעטערט מיט אומפאַרגלײַכלעכן מוט די תפיסה פון דער אמונה, און האָט דעם מענטשלעכן פאַרשטאַנד ארויסגעלאָזט שוועבן פרײַ איבער דעם אומענדלעכן וועלט־קאָסמאָס.

שפּינאָזע האָט פאַרענדיקט מיט דעם „בורגפרידן" צווישן דער אמונה און פילאָזאָפיע. ער האָט נישט געוואָלט ווי אַנדערע דענקער זיך אײַנקלעמען אין די גרענעצן פון „פילאָזאָפישער פרײַהײַט", וועלכע זאָל דער רעליגיע נישט שעדיקן. פאַרקערט, ער האָט מיט זײַן שאַרפער קריטיק, מיט זײַן לאָגיק, מיט זײַן וויסנשאַפטלעכער קאָנסעקווענץ חרוב געמאַכט די אַלע „הייליקייטן", וועלכע זענען אײַנגעשטעלט געוואָרן דורך דעם קלער פון אַלע אמונות; ער האָט נישט איבערגעלאָזן פאַרן גלויביקן קיין שום טרייסט אין אַ „פּערזענלעכן" גאָט־פאָטער, וועלכער האָט השגחה איבער דער וועלט...

## 3

די גרונד־געדאַנקען פון ברוך שפּינאָזע זענען געקומען צום אויסדרוק אין צוויי הויפּט־ווערק: אינעם בוך, „דער טעאָלאָגיש־פּאָליטישער טראַקטאַט" (געשריבן אין יאָר 60–1670) און אין אַ קלענערן לויט דער גרייס, אָבער אַ פיל גרעסערן לויטן אינהאַלט, ב״כל, „די עטיק, דערוויזן אויף אַ געאָמעטרישן אופן".

דאָס ערשטע בוך איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין אַמסטערדאַם אָן נאָמען פון מחבר און מיט אַ פאַלשן אַדרעס — האַמבורג (אויף אונדזער לשון — אומלעגאַל). שפּינאָזע האָט געקענט די מענטשן פון זײַן דור, און ער האָט פאָרויסגעזען, וואָס פאַר אַ העצע זײַן נאָמען וועט אַרויסרופן קעגן מחבר.

אין דעם „טעאָלאָגיש־פּאָליטישן טראַקטאַט טרעט שפּינאָזע אַרויס זייער שאַרף קעגן די כּלי־קודש פון אַלע אמונות און באַשולדיקט זיי, אַז זיי זענען די סיבה פון אומטאָלעראַנץ און רעליגיעזע רדיפות. ער האָט דאָרט דער ערשטער געוואַגט אָפּצולייקענען די „הייליקייט“ פון תּנ״ך און אונטערוואַרפן די ביבל אַ גרינטלעכע קריטיק. ער דערווײַזט, וויפל ווידערשפּרוכן עס זענען פאַראַן אין טעקסט פון חומש און ווי פאַלש איז דער געדאַנק, אַז די תּורה איז אַ „געטלעך ווערק“.

אין צווייטן טייל גייט ער איבער צו דער מלוכה. ער רוקט דאָרט אַרויס דעם געדאַנק פון אַ פרײַער בירגערלעכער רעפּובליק. די מלוכה, מיינט שפּינאָזע, קאָן רעגולירן בלויז די מענטשלעכע מעשׂים, אָבער נישט זייערע געדאַנקען. געדאַנקען קאָן מען בכלל נישט קאָנטראָלירן, נאָר דערשטיקן. פאַרקערט, די מלוכה איז פאַראינטערעסירט אויסצונוצן „די פילאָזאָפיע“ פאַר אירע צוועקן.

אָבער דאָס איז נאָר געווען אַ פּראָבע־בוך. קאָנסעקווענט און ביזן סוף דערפירט איז זײַן פילאָזאָפיע אין „דער עטיק“, וועלכע איז ערשט דערשינען נאָך זײַן טויט. געשריבן איז זי אין דער אַלטער מעטאַפיזישער פאָרם: דעפיניציעס, אַקסיאָמעס, גרונטזאַצן און שלוסזאַצן. דער ערשטער טייל הייסט „וועגן גאָט“, די פאָרם און סטיל קאָנען אָפּשרעקן אַ הײַנטיקן לעזער. אָבער, אַז מען זאָל זיך אָנטון כּוח, בײַקומען שוועריקייטן פון דער פאָרם, אַרײַנדרינגען אין תּוך פונעם בוך — עפנט זיך אויף פאַר אונדז אַ נײַע וועלט פון געדאַנקען און בליקן, וועלכע האָבן נאָך זייער עכטקייט און גילטיקייט נישט פאַרלוירן ביז הײַנטיקן טאָג, און זיי ווערן באַטראַכט ווי גרונטשטיינער פון אונדזער הײַנטיקער פּאָזיטיוויסטישער וועלט־אָנשויונג.

פּונקט ווי שפּינאָזע האָט דער ערשטער פאַרענדיקט מיטן דואַליזם פון דענקען און גלויבן און האָט פעסטגעשטעלט די איינהייטלעכקייט פון מענטשלעכן שׂכל, — אַזוי האָט ער אין דער פילאָזאָפיע גופא פאַרענדיקט מיטן דואַליזם, מיט דער וועלטצעשפּאָלטנקייט אויף מאַטעריע און גײַסט, אויף דענקען און „אויס־

שפּרייטונג״. ער האָט דער ערשטער קאָנסעקווענט דורכגעפירט דעם מאָניזם, דעם איינהייטלעכן לעבנס־פּראָצעס, וואָס דערשײַנט פאַר אונדז אין צוויי פאָרמען אַלס מאַטעריע און דענקען, אָבער זענען אין תּוך אַטריבוטן (אייגנשאַפטן) פון דעם אומענדלעכן לעבן.

אמת, שפּינאָזע רעדט ווי די מעטאַפיזיקער פון זײַן צײַט וועגן אַן אַבסאָלוטער, אומענדלעכער סובסטאַנץ, אַן עצם, וועלכן ער רופט אַן גאָט. אָבער דערבײַ וואָרנט ער גאַנץ קלאָר, אַז מען זאָל זײַן גאָט נישט פאָרשטיין מענטשלעך, ווי אַ פאָטער, אַ קיניג, אַ מעכטיקער מושל און בורא. בײַ אים האָט נישט די אומענדלעכע סובסטאַנץ נישט קיין ווילן, נישט קיין האַס, נישט קיין פּלאַן, נישט קיין ציל.

דאָס איז אין גרונט גענומען אונדזער הײַנטיקע אויפפאַסונג פון דער וועלט־גערעכטיקייט, וועלכע אַנטפּלעקט זיך אין פאַרשי־דענע פאָרמען „על פּי הכּרך״, נויטווענדיקערווײַז, לויט דעם אי־נערלעכן דראַנג פון די אייגענע כּוחות.

דער דאָזיקער מאָניזם האָט עס בײַ שפּינאָזען געשאַפן די אַזוי גערופענע פּאַנטעיִסטישע רעליגיע, די פאַרגעטלעכונג פון דער גאַנצער נאַטור, „גאָט איז נאַטור״ — האָט שפּינאָזע פּראָק־לאַמירט דעם געדאַנק, וואָס האָט געוואָרפן אַ שרעק אויף אַלע טעאָלאָגן פון אַלע אמונות. גאָט און וועלט זענען איינס, און אין איר יעדער דערשײַנונג קומט צום אויסדרוק אַ געטלעכער כּוח.

בײַ שפּינאָזען איז נישט נאַטור, ווי בײַ דעקאַרטן, בלויז אַ צוזאַמענהאַנג פון בלינדע מעכאַנישע כּוחות, נאָר דאָס גאַנצע זײַן, מאַטעריעלע און גײַסטיקע, שכל און געמיט, שעפערישע כּוחות און געשאַפענע — דאָס אַלץ, וואָס לעבט און רופט אַרויס לעבן, דאָס איז אַן איינהייט־פּרינציפּ, דורך וועלכן שפּינאָזע פאַסט אויף די גאַנצע וועלט־עקזיסטענץ. „גאָט״ הייסט בײַ אים דאָס לעבן פאַר אונדז, אין אונדז און אַרום אונדז — די לאַנגע אומ־ענדלעכע קייט פון אורזאַכן און רעזולטאַטן, פון שינויים און צו־זאַמענהאַנגען — די וועלט־געזעצלעכקייט.

און דער מענטש איז נישט אין דער וועלט און פאַר דער וועלט עפּעס אַ באַזונדערער יחסן, אַן „אתּה בחרתּנו״.

ער איז אומגערגעוואָרפן די זעלבע געזעצן און דעם זעלב צוואַנג, וואָס אַנדערע באַשעפענישן. ווען אַ שטיין וואָלט געקאָנט דענקען, זאָגט שפּינאָזע, וואָלט ער געוויס אויך געמיינט, אַז דאָס פליט ער אַליין, בעת מען וואַרפט אים.

אָבער דער דאָזיקער דעטערמיניזם, דער דאָזיקער בליק אויף דער נויטווענדיקייט, אויפן „בעל־כּרחו״ נעמט אָבער בײַם מענטשן נישט אָפּ די מעגלעכקייט פאַר פרײַער האַנדלונג. נאָר דאָס הייסט פרײַ זײַן, לערנט שפּינאָזע, וואָס עס עקזיסטירט לויט די מעגלעכקייטן פון דער אייגענער נאַטור און איז בלויז דורך איר באַשטימט צו האַנדלען.

דער מענטש איז אַ רינג אין דער אומענדלעכער קייט פון דער קאָנצענטרירטער נאַטור־פאַרשפּרייטונג. זײַנע ליידנ־שאַפטן, זײַן געמיט, זײַנע „אַפעקטן״ דאַרפן באַטראַכט ווערן „ווי ליניעס, פלאַכקייטן און קערפּערס״. זיי זענען אַלע געזעצ־מעסיק. יעדער אַפעקט הערט אויף צו פאַרשאַפן יסורים אויף וויפל ער ווערט באַהערשט דורכן באַוווסטזײַן, ער ווערט דורכן שכל באַגריפן.

אויך דער שכל רופט אַרויס בײַ אונדז „אַפעקטן״, פאַר־שאַפט אונדז פאַרגעניגן און נחת. און עס איז נישטאָ קיין גרעסערע גליקזעליקייט, מיינט שפּינאָזע, ווי אַרומצונעמען מיטן שכל אַלע מענטשלעכע באַגערן און שטרעבונגען; דעם מענטשן און די נאַטור אין צוזאַמענהאַנג. דאָס רופט אָן שפּינאָזע אויף זײַן מעטאַפיזישן לשון „די אינטעלעקטועלע ליבע צו גאָט״, וואָס פאַרשאַפט דעם גרעסטן נחת־רוח.

אויך די מאָראַל איז בײַ שפּינאָזען נישט קיין זאַך פון מצוות און עבירות. עס זענען נישטאָ קיין גוטע און שלעכטע האַנדלונגען. זיי אַלע ווערן דיקטירט דורך „מאַכט־געלוסטן״ פון מענטשן, דורך שטרעבונגען צו פאַרגעניגן און גליק. זיי ווערן אָבער ווי די איבעריקע אַפעקטן דערפירט צום העכסטן „עטישן״ פּרינציפּ — צום צוזאַמענלעבן פון מענטשלעכן כּלל.

אַזוי ווערט פאַר אונדז אויסגעשפּרייט דער גרויסער אומענדלעכער קאָסמאָס, אין וועלכן דער מענטש איז מער נישט

ווי איין פינטעלע, אָבער וועלכער קאָן מיט זײַן שכל און פאַר־שטאַנד זיך באַהעפטן מיט דעם אומענדלעך גאַנצן, זיך דער־פילן אַלס באַיוּוסטזיניקער כוח אין לעבן און זיך גליקלעך פילן ווי א טייל פון דער גרויסער אומענדלעכער שעפערישער און געשאַפענער וועלט...

עס איז זיך ממש נישט אָפּצוּוווּנדערן, ווי אַזוי דער גע־ניאַלער דענקער פון 17טן יאָרהונדערט האָט באַוויזן אַזוי זיך צו דערהויבן הויך איבער זײַן צײַט און אָנצייכענען אַ בילד פון אַן איינהייטלעכן, קאָנצענטרירטן לעבנס־פּראָצעס, וועגן וועלכן די מענטשן פון זײַן צײַט האָבן אפילו נישט געחלומט. אוודאי, דער צושטאַנד פון דער וויסנשאַפט צו יענער צײַט, די פרי־קאַפּיטאַליסטישע באַציִונגען פון דעמאָלטדיקן לעבן האָבן נישט געגעבן שפּינאָזען אַזאַ שטאָף, אַז ער זאָל זײַן אומשטאַנד זיך אין גאַנצן אָפּוואַרפן פון מעטאַפיזישע פאָרמולעס, זיך אָפּ־זאָגן פון איבערגעטריבענער מאַכט פון „שכל" און לייגן אַכט אויף די סאָציאַלע כוחות אין מענטשלעכן לעבן. אָבער זײַנע גרונט־געדאַנקען, זײַן געניאַלער וויסנשאַפטלעכער בליק, זײַנע מאָ־ניסטישע און דעטערמיניסטישע פּרינציפּן זענען פאַרבליבן אַלס פעסטער פונדאַמענט פון דער הײַנטיקער פּאָזיטיוויסטישער פי־לאָזאָפיע.

און דערפאַר איז די גילטיקייט פון שפּינאָזעס לערע פאַרבליבן איבער דורות און הונדערטער יאָרן, און ביז הײַנ־טיקן טאָג נאָך שפּײַזט זיך די מענטשהייט מיט די לעבעדיקע געדאַנקען פון גרויסן דענקער פון 17טן יאָרהונדערט.

# מאָליער

## דער מיזאַנטראָפּ־מענטשנפרײַנד*)

שוין מער ווי מיט אַ פערטל יאָרטויזנט צוריק, האָט געלעבט אין פראַנקרײַך אַ קאָמעדיען־שרײַבער און אַקטיאָר אונטערן פּסעוודאָנים מאָליער. אַליין אַ טאַפּיצירער און קאַמערדינער פון דעם גרויסן פראַנצויזישן דעספּאָט לודוויק דעם 14טן — דעם „קעניג — די זון", ווי מען האָט אים דעמאָלט טיטולירט, -- האָט דער לוסטיקער אַקטיאָר געהאַט דעם כבוד משמח צו זײַן מיט זײַנע קאָמעדיעס זײַן בייזן הערשער מיטן גאַנצן הויף – דאַמען און פּריצים.

וואָס האָט דאָס צו טון מיט אונזער דור? וואָס גייט ער אָן די הײַנטיקע מענטשן מיט זייער גאַנץ אַנדערן לעבן, ציִלן און קאַמפן? פאַרוואָס ווערט זײַן 300־יעריקער געבורטסטאָג געפּײַערט פון דער גאַנצער קולטור־וועלט, אָן אונטערשיד פון קלאַסן? צי איז מאָליער נישט געווען אַ קינד פון זײַן צײַט, צי האָט ער אין זײַנע קאָמעדיעס נישט באַהאַנדלט פראַגן פון זײַן דור, אויסגעלאַכט מענטשן פון זײַן סביבה? פאַרוואָס־זשע איז אַזוי גרויס אונדזער אינטערעס צו דעם דאָזיקן קאָמעדיען־שרײַבער פון פאַר 300 יאָר צוריק?

יאָ, מאָליער געהערט, אָן ספק, צו זײַן צײַט. קיינער ווי ער, האָט נישט אַזוי פאַרביק, אַזוי פעסט און בולט אַרויסגעלייגט דעם „לאָקאַלן קאָליר" אויף זײַנע פּערסאָנאַזשן, טיפּן און פיגורן, וועלכע ער האָט אונדז געמאָלט. מאָליער געהערט

*) געשריבן צו דעם דרייהונדערטיאָריקן געבורטסטאָג פון מאָליער.

אָבער צו אַ ל ע צײַטן, ווײַל ער האָט זיך נישט באַגענוגנט מיט דער אויסערלעכער פאַרב פון בילד, נאָר האָט „געגרונטעוועט" אַ סך טיפער, האָט געזוכט בײַ די מענטשן טיפע כאַראַקטער־שטריכן, וועלכע ווערן נישט אָפּגעווישט פון אַ נײַער צײַט, נײַע אומשטענדן און נײַע לעבנס־אופנים.

אודאי איז מאָליער אַ קינד פון זײַן עפּאָכע. זײַנע קאָ־מעדיעס זענען פּשוט אַ לעבעדיק שטיק קולטור־געשיכטע וועגן דער עפּאָכע פון אומבאַשרענקטן אַבסאָלוטיזם אין פראַנקרײַך. אין זײַנע ווערק שפּאַצירן אַרום פאַר אונדז, ווי לעבעדיקע, די מאַרקיזן — בעלי גאווה פון יענער צײַט, די אומגלויביקע הויפ־לײַט, די קאָמישע קאָקעטקעס, די אויפגעקומענע „מיעשטשאַנעס", וועלכע ס'האָט אַזוי שטאַרק געצויגן צום פריצישן יחוס. אָבער אין דער זעלבער צײַט איז מאָליער העכער פון זײַן דור, ברייטער פון זײַן עפּאָכע, טיפער פון זײַן צײַט, סביבה. ער איז אוניווערסאַל, ער געהערט דער גאַנצער מענטשהייט.

און אין דעם טאָקע ליגט דער סוד פון מאָליער'ס זשעני, פון זײַן אומפאַרגעסלעכקייט און פרישקייט. איר זיצט אין טע־אַטער, פאַר אײַך טרעטן אַרויס אַדלײַט פון 17טן יאָרה., פאַר־פוצטע פרויען־ליאַלקעס, לאָקײַען, קאָמעדיאַנטן און משונהדיקע אומבאַקאַנטע ברואים, — טויטע, שוין לאַנג פאַרשווונדענע געשטאַלטן. מען זעט שוין, דוכט זיך, נישט אַזעלכע, מען הערט עס שוין נישט אין אונדזער צײַט. הערט איר זיך אָבער צו צו זייערע ווערטער, קוקט איר זיך צו צו זייער האַנדלונג, עפענען זיך אײַך „פון העלער הויט" די אויגן, עס אַנטפּלעקט זיך פאַר אײַך אַ פאַרבאַהאַלטן ווינקל פון אײַער אייגענער נשמה, און איר דערקענט זיך אַליין, אײַערע באַקאַנטע און צײַטגענאָסן אין די אַלטע, משונהדיקע פיגורן, פונקט ווי עפּעס אַ דיכטער פון אונזער צײַט האָט אונזערע אייגענע־חסרונות און פעלערן, אונ־דזערע אייגענע טיפּשות און אומגעלומפּערטקייט פאַרקליידט אין אַלטע קאָסטיומען, פאַרפודירט און באַפאַרבט מיט אַמאָליקער שמינקע, און מיר לאַכן, לאַכן פון גאַנצן האַרצן איבער זיך אַליין, איבער אונדזער אייגענע שוואַכקייטן און לעכערלעכקייטן.

מאָליער איז געווען נישט בלויז אַ קאָמעדיען-שרײַבער, נאָר אויך אַן אַקטיאָר. ער האָט אַליין געשפּילט די קאָמעדיעס, וואָס ער האָט געשריבן פאַר זײַן רעפּערטואַר. מען דערציילט, אַז בעת ער האָט געשפּילט די ראָל פון „אײַנגערעדטן קראַנקן" (אין דער קאָמעדיע מיטן זעלבן נאָמען) איז אים ווירקלעך באַפאַלן אַ שטאַרקער האַרצשלאַג. דער קראַנקער אַרטיסט האָט שטאַרק געקרעכצט און געהוסט, און דער טעאַטער-עולם האָט זיך בעת מעשה געהאַלטן בײַ די זײַטן פון געלעכטער. זיי זענען געווען זיכער, אַז דאָס זענען זיי פאַר זיך דעם פריילעכן אַקטיאָר, אָבער נישט קיין לײַדנדיקן, גוססדיקן חולה. אויף מאָרגן ערשט האָט זיך פאַריז דערוווּסט, אַז דער שפּילנדיקער אַקטיאָר האָט אין אמתן אויסגעשפּיגן זײַן קראַנקע נשמה.

דאָס זעלבע מזל פון מאָליער דעם אַקטיאָר, האָט געהאַט מאָליער דער דיכטער. ער האָט מיט גרויס קונסט אויסגעשפּאָט די לעכערלעכע אָבער מעכטיקע פיגורן פון זײַן צײַט. אַלע זײַנע צײַטלײַט האָבן מיט אים מיטגעלאַכט איבער די לעבעדיקע פּערזאָנען, וועמען זיי האָבן דערקענט אין זײַנע קאָמעדיעס. אָבער מאָליערן גופא האָט זיך גאָרנישט געלאַכט. זײַנע „לוסטיקע" פּיעסן האָט ער געשריבן מיטן בלוט פון זײַן האַרץ, מיטן זאַפט פון זײַן נשמה. מאָליער גופא וועלכער האָט געמאַכט גאַנץ פאַריז לאַכן, איז אַליין גאָר נישט געווען קיין לוסטיקער, פריילעכער מענטש. אדרבא, ער האָט אין זײַן לעבן געהאַט זייער ווייניק פריילעכע מינוטן, איז געווען געפּלאָגט פון אַ שוואַרצער מעלאַנכאָליע און האָט זיך געפילט שטאַרק געקרענקט און באַליידיקט אין לעבן.

אַליין אַ קינד פון פאָלק, וואָס האָט זיך דערהויבן צו די העכסטע שפּיצן פון דער דעמאָלטדיקער פריציש-קאָטוילישער מלוכה, אַלס ליבלינג פון לודוויק דעם 14טן, האָט מאָליער אָנגעהויבן גלײַך אין זײַנע ערשטע ווערק אויסצושפּאָטן די פּוסטע גאווה פון דעם דעמאָלטדיקן אדל, האָט פּראָקלאַמירט די גלײַכע רעכט פון דער פרוי אַלס מענטשלעכע פּערזאָן, און געפּריידיקט אַ פאַמיליענלעבן, געבויט אויף יסודות

פון קעגנזײַטיקן צוטרוי און אכטונג. דאָס זענען אַ ך געווען פּראָזן, וועלכע האָבן אַרויסגעקוועלט פון זײַן אייגן לעבן און אייגענע לײַדנשאַפטן. די אַלע פּראָבלעמען, וואָס ער האָט באַרירט אין זײַנע ערשטע קאָמעדיעס, האָבן אים גופא געפּלאָגט און געמאַטערט. ער האָט אָבער פאַרמאָגט אין זיך די גרויסע מאָס אָביעקטיווקייט, וואָס דערלויבט דעם קינסטלער איבערגיסן סוביעקטיוו זײַן לעבן אין אַן אַלמענטשלעכער פאָרם. — יענעם גרויסן אײַנדרוקס-זכרון, וואָס זאַפּט אײַן אין זיך דאָס אינדיווידועל געהערטע און געזעענע, כדי דאָס איבערצושאַפן אין אוניווערסאַלע ווערטן. און ס'איז לחלוטן נישט זײַן שולד, וואָס דאָס איבערגעשאַפענע לעבן האָט זיך באַקומען אַזוי העסלעך, לעכערלעך און קאָמיש, קאָמיש ביז טרערן.

די פּערזאָנען אָבער, וועלכע האָבן זיך דערקענט אין מאָליערס ווערק, די אַלע פּוסטע קאָקעטקעס און הויפלײַט, וועלכע האָבן זיך דערזען אין דעם שפּיגל, וואָס מאָליער האָט זיי צוגעטראָגן, זענען אים געוואָרן בלוטיקע שונאים, האָבן אין אים דערשפּירט אַ געפערלעכן פײַנט פון דער גאַנצער הייליקער אָרדענונג, ווי דער אַדל האָט פאַרנומען דעם אויבנאָן. זיי צוהילף איז געקומען די אָפיציעלע רעליגיע, די קאַטוילישע קירכע, וועלכע האָט זיך אויך שטאַרק דערשראָקן פאַר די יסודות, וועלכע דער לאַכעדיקער קאָמעדיאַנט גראָבט אונטער מיט זײַן לצנות. פאַר מאָליערן ווערט אַלץ די געזעלשאַפטלעכע באַדײַטונג פון זײַן סאַטירע קלאָרער, ער פאַרברייטערט אַלץ מער די באַזע פון זײַן אָפּענסיווע. ער שרײַבט דעמאָלט אָן זײַן באַרימטע קאָמעדיע — „טאַרטיוף" (צבועק), ווו ער רופט אַרויס די גאַנצע אָפיצאַלע אמונה אויף אַ שלאַכט. מיט אַן אויסערגעוויינלעכער דרײַסטקייט פאַר יענער צײַט ווערט דאָרט אַרויסגעפירט דער גלח צבועק, וואָס פאַרגלאָצט תּמיד די אויגן צום הימל, בעת ער באַגייט די געמיינסטע זאַכן אויף דער ערד, אָבער דאָס איז שוין געווען אַ צו רעוואָלוציאָנערער שריט אפילו פאַרן קייזערס ליבלינג. אויף מאָרגן נאָך דער ערשטער אויפפירונג פון „טאַרטיוף" (דעם 6טן אויגוסט 1667) איז דאָס דאָזיקע שטיק פאַרווערט געוואָרן דורכן העכסטן מלוכה-באַאַמטן.

מאָליער האָט איצט געהאַט קעגן זיך די הויפּלײַט, די קאַטויליש כלי־קודש און אפילו די קייזערין־מוטער אויך. עס האָט אים נישט געהאָלפן די גאַנצע התקרבות פון דעם קעניג־הערשער פון פראַנקרײַך. יאָרנלאַנג איז פאַרווערט געווען אויפצופירן „טאַרטיוף" אויף דער בינע, אפילו נאָך די באַדײַטנדיקע ענדערונגען, וואָס זענען אין אים געמאַכט געוואָרן. דאָס האָט מאָליערן שטאַרק געקרענקט, און ער וואַרפט אין געזיכט דער גאַנצער דעמאָלטדיקער געזעלשאַפט זײַן פּיעסע „מיזאַנטראָפּ". דער העלד פון יענעם שטיק, וועלכער איז פאַרליבט אין אַ שיינער אָבער פוסטער דאַמע (אַ רמז אויף זײַן אייגענעם קאָנפליקט מיט זײַן יונגער פרוי, פון וועלכער ער האָט פיל געליטן אין לעבן), וויל אַנטלויפן פון דער בלאָטע פון דער הײַנטיקער וועלט, שלײַדערט איר אין פּנים דעם ריינעם אמת, קערט זיך אָפּ פון גאַנצן שקר, צביעות און געמיינהייט פון לעבן, אַלע אַרום האַלטן אים פאַר אַ „מיזאַנטראָפּ", פאַר אַ מענטשן־שונא. די דאָזיקע דרײַ פּיעסן: „דאָן זשואַן" (ווו ער שילדערט די גאַנצע אויסגעלאַסנקייט פון אַדל), „טאַרטיוף" און „מיזאַנטראָפּ" קאָנען פאַררעכנט ווערן פאַר אַ טרילאָגיע, ווו די גרונטבליקן פון מאָליער דעם דענקער ווערן דורכגעפירט מיט אַזאַ אָפנהאַרציקייט און פשטות.

באַזונדערס שאַרף האָט ער אויסגעשפּאָט די פּאָלקסמענטשן, די אויפגעקומענע בורזשויען, די זשאַרזשדאַנדעס און „מיעשטשאַנעס־פּריצים", וועלכע האָבן נאָך נישט פאַרשטאַנען זייער כח און ווערט אין לעבן, און האָבן געוואָלט נאָכמאַלפּעווען די הויכע אַריסטאָקראַטיע. אַלע האָבן געלאַכט פון זייער טראַגיש־קאָמישן פּרצוף, וועלכן דער סאַטיריקער האָט פאַר זיי אויסגעמאָלט, זיי אַליין האָבן זיך פאַרטראַכט איבער זייער מצב און האָבן אָנגעהויבן פירן אַ קאַמף קעגן אַדל, ביז ס'איז געקומען צום אויסדרוק מיט הונדערט יאָר שפּעטער (אין דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע) זייער שטאָלצער דעוויז: „מיר זענען גאָרנישט און מיר ווילן אַלץ".

מאָליער איז געווען דער ערשטער, וועלכער איז מיט

זײַן סאַטירע און געלעכטער באַפאַלן די הייליקע יסודות פון דער מאָנאַרכיסטישער וועלט. נאָך אים זענען געקומען די ענציקלאָפּעדיסטן, וועלכע האָבן אין לאָגישע, פילאָזאָפישע אמתן געגעבן דער וועלט דאָס, וואָס פריִער איז אין אַ קינסטלערישער פאָרם געקומען צום אויסדרוק אין מאָ־יערס ווערק. נאָך זיי זענען געקומען די קעמפער פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע און דאָס אַלץ איבערגעשאַפן אין מעשים. אין רעוואָלוציאָנערע אַקטן, אַזוי אַרום האָט זיך מאָליער, דער „קאָמעדיאַנער פון לודוויק דעם 14טן”, אײַנגעקניפּט און זיך פאַרבונדן מיט דעם שפּעטערדיקן דור, וועלכער האָט לודוויקס אייניקל אַוועקגעשיקט אויפן עשאַפאָט און זײַן טראָן אויף שפּענדלעך צעבראָכן.

מאָליער איז געווען דער דיכטער פון דער אויפקומענדיקער בורזשואַזיע, אָבער מיט זײַן טיפן אַרײַנדרינגען אין דער מענטשלעכער פּסיכאָלאָגיע און אין די מענטשלעכע זײַטן, האָט ער זיך אויפגעהויבן איבער זײַן קלאַס און איז געוואָרן דער דיכטער און זשעני פון דער גאַנצער נײַער מענטשהייט. ווי פריש אַקטועל קלינגען נאָך זײַנע ווערטער אין „דאָן-זשואַן” צום בעטלער: „דו פאַרברענגסט דײַן לעבן דערמיט, וואָס דו בעטסט גאָט און שטאַרבסט פון הונגער, נעם דאָס געלט, איך גיב דאָס דיר אויס ליבע צו דער מענטשהייט”.

די דאָזיקע ליבע צו דער מענטשהייט האָט אַרויסגעטריפט פון אַלע ווערק פון דעם כלומרשטן „מיזאַנטראָפּ” און דערפאַר געדענקט אים איצט די גאַנצע מענטשהייט, און וועט נאָך לאַנג, לאַנג זיך קוויקן פון די גרויסע קונסטווערק, וועלכע ער האָט איר בירושה איבערגעלאָזן.

# מאַקסים גאָרקי

## פון פערזענלעכקייט צו קאָלעקטיוו*)

מיט מרה־שחורה און אומעט איז געווען דורכגעזאַפּט די רוסישע ליטעראַטור פון די 80סטע און 90סטע יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט. געבראָכנקייט און רעזיגנאַציע האָבן אַרויסגעשריגן פון אירע אַלע ווערק, פאַרלוירנקייט און אויסזיכטלאָזיקייט זענען געווען אירע לייטמאָטיוון.

די געזעלשאַפטלעכע אידעאָלאָגיע פון די 70סטע יאָרן, וואָס האָט געפּריידיקט ליבע צום פויער, האָט פאַרגעטערט דאָס דאָרף, און האָט גערופן די אינטעליגענץ תשובה צו טון פאַר די זינד פון אירע טאַטעס, די פּריצים, און אַוועקגיין „צום פאָלק“, אין דאָרף אַרײַן צו באַצאָלן דעם פאָלק דעם

*) געשריבן צו מאַקסים גאָרקיס 60יאָריקן יובילײ.

חוב וואָס אים קומט, און אײַנשטעלן אין רוסלאַנד אַ גערעכטע אָרדענונג אויף יסודות פון דאָרפישער גלײַכהײַט און האַרמאָניע,— האָט שוין צו יענער צײַט פאַרלוירן איר גילטיקײַט און גאַנג־באַרקײַט. די שטורמישע עפּאָכע פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" מיט איר גלאַנצנדיקן העראָיִזם און איבערמענטשלעכע גבורות האָט געליטן אַ שיפבּרוך און איז אין גאַנצן צעקלאַפּט געוואָרן אָן די מעכטיקע פעלזן פון צאַרישן רעזשים.

די ליטעראַטור איז געוואָרן פול מיט בעלי־בכיהס, וועלכע האָבן נישט אויפגעהערט צו קלאָגן און וויינען איבער דער שוואַכ־קײַט פון דער גערעכטיקײַט און דער פאַרריסענער אַכזריות פון די זיגער־אונטערדריקער. די ליטעראַטור האָט געלעבט מיטן שיי־נעם אָפּגלאַנץ פון די אומגעקומענע העלדן און האָט געוועקט רחמנות און מיטגעפיל צו די געבראָכענע און צעטרעטענע פון דער הײַנטיקער צײַט. עס איז געווען די עפּאָכע פון קאַלטן בין־השמשות מיט אירע שײַנענדיקע פײַערלעך, אומעטיקע נגונים און צעקראָכענע לאָזונגען פון „קליינע מעשים".

אין יענער צײַט האָט אַרומגעוואָגלט אַ יונג בחורל פון ניזשני־נאָוויגראָד איבער דעם גרויסן אומענדלעכן רוסלאַנד — אַ האַלבער אַנאַלפאַבעט, וואָס האָט זיך אויסגעלערנט אַליין לייענען פון זײַן טאַטנס תהילים. ער האָט זיך געוואָרפן אויף פאַרשידענע פּראָפעסיעס: געווען אַ שיקייִנגל אין אַ שיכגעשעפט, אַ פּועל אין אַ בייגל־בעקערײַ, אַ קוכער אויף אַ דאַמפשיף, אַ באַנוועכטער אין צאַריצין, געהאַנדלט מיט קוואַס און נאָווגראָד און געטון אַלע שוואַרצע אַרבעט; ער האָט זיך געוואַלגערט צווישן די נידע־ריקסטע עלעמענטן, האָט זיך אַראָפּגעלאָזן צום סאַמען דעק פון דער געזעלשאַפט, ער האָט זיך אָנגעזען מיט אַלערליי פאַרברעכנס און ווילדקײַטן פון לעבן, נישט איין מאָל איז ער אַליין געשטאַ־נען בײַם אָפּגרונט פון זומפּ און איז שיר דאָרט נישט אונטער־געקומען.

אָבער דער דאָזיקער יונגער וואַנדערער האָט אויסגעהאַלטן אַלע נסיונות, מיט אַן אויסערגעוויינלעכער דורשטיקײַט האָט ער געשלונגען אַלע געדאַנקען פון די ביכלעך, וועלכע זענען

אים אונטערגעקומען אונטערן האַנט און האָט אויך אײַנגעזאַפּט אין זיך די שפּרודלענדיקע חכמה און פּילפּאַרביקן גלאַנץ פון לעבן אַרום. און מיט אַ מאָל, אין אָנפאַנג פון די 90סטע יאָרן, האָט ער אויפגעטויכט אין דער הויך אין דער רוסישער ליטעראַטור און האָט דאָרט באַלד מיט זײַן אָנקומען אָנגעמאַכט אַ רושם, האָט געצויגן אויף זיך אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט. איז געוואָרן אייני נער פון די פּאָפּולערסטע שרײַבער אין לאַנד, און איז שוין אין 8 יאָר אַרום (1902) אויסגעוויילט געוואָרן דורך די אַלטע סאָלידע וויסנשאַפטסלײַט פון דער אַמאָליקער אַקאַדעמיע אַלס ערן־אַקאַ־דעמיקער פון דער שיינער ליטעראַטור.

דאָס איז געווען דער יונגער שרײַבער אַ ל ע ק ס י י  מ אַ ק־ ס י מ אָ ו י ט ש  פּ ע ש ק אָ ו, וועלכער האָט זיך אויסגעקליבן אַ פּסעוודאָנים מ אַ ק ס י ם  ג אָ ר ק י.

וואָס האָט ער עס, דער יונגער שוואַרצער אַרבעטער, דער געוועזענער בעקער־פּועל מיטגעבראַכט מיט זיך אין דער רוסי־שער ליטעראַטור, וואָס האָט דאָרט אַן איבערקערעניש געמאַכט? וואָס פאַר אַ נײַ וואָרט האָט ער, דער ניזשני־נאָווגראָדער בחורל, געהאַט צו זאָגן די סאָלידע געבילדעטע פון פּעטערבורג און מאָסקווע, די איבערגעשפּיצטע אינטעליגענטן, וועלכע האָבן שוין אויסגערייזט אייראָפּע אין דער לענג און אין דער ברייט און זענען געווען גוט באַהאַוונט אין אַלע ביכער און ספרים פון די דענקער און קינסטלער פון גאָר דער וועלט?

מאַקסים גאָרקי האָט געמאַכט אַזאַ רושם מיט זיין אָנקומען אין דער רוסישער ליטעראַטור דערפאַר, ווײַל ער איז געווען דער „שטורעם־אָנזאָגער" ווי זיין פויגל, וועלכן ער האָט שפּעטער באַזונגען, פון אַ נײַ לעבן, וואָס קומט אָן אין לאַנד, פון נייע כוחות וועלכע וועלן דערוועקט צום קאַמף קעגן דער טעמפּער רשעות, פון נייע „מאַשיניסטן", וועלכע וועלן געבן אַ קער דאָס לעבן אין גאָר אַ נייער ריכטונג. מאַקסים גאָרקי איז געווען דער בשורה־טרעגער פון אַ נײַעם רעוואָלוציאָנערן שטורעם, וועלכער וועט אויסקערן דעם גאַנצן שימל און שמוץ, וואָס האָט זיך אין לאַנד אָנגעקליבן.

אין ערשטן פעריאָד פון זיין שאַפן האָט מאַקסים גאָרקי בלויז אויסגעשריגן, טאַקע ווי אַ פויגל שרייט, אַזוי נאַטירלעך, אַזוי אוממיטלבאַר, דעם אינסטינקטיוון דראַנג צו ענדערן דאָס לעבן, אַרויסצורײַסן זיך פון דער שטייענדיקער בלאָטע — צו רחבות, צו ליכט, צו פרײַהײַט. ווי אַזוי? דורך וועמען? אין וועלכער ריכטונג? דאָס ווייסט נישט דער יונגער וואַנדערער־פראָלעטאַריער. עס זינגט עפּעס אין אים דאָס ליד פון פרײַהײַט, פון געוואַגטקייט, פון אומבאַשרענקטער רחבות.

צוזאַמען מיט זיין „טשיזשיק״ (געשריבן אין יאָר 1892, איינע פון די ערשטע ווערק) זאָגט ער אונדז:

„דער וועג, איבער וועלכן מיר דאַרפן גיין, איז מיר נישט באַקאַנט. נאָר איך בין זיכער, אַז מיר דאַרפן גיין פאָרויס, דאָרט איז אַ לאַנד, וואָס וועט אונדז באַפרידיקן פאַר אַלע מי, וואָס מיר האָבן געליטן אין וועג. אַהין אין לאַנד פון גליקן, אַהין — אין דעם ווונדערלעכן „פאָרויס״!

דער „טשיזשיק״ רופט די פייגל צו פאַרלאָזן דאָס ענגע וועלדל. זיי לאָזן זיך אָבער פון אים נישט פאַרפירן. זיי האַלט אָפּ דער אַלטער „פּראַקטיקער״, דער האָלצפּיקער, „דער ליבהאָבער פון אמת״, וועלכער דערווייזט זיי, אַז הינטערן וועלדל איז די זעלביקע ענגע וועלט, די פייגעלעך צעפליִען זיך שטיל אין אַלע עקן. דער „טשיזשיק״־דיכטער בלייבט אַליין און טענהט צו זיך:

„איך האָב זיי ליגן געזאָגט. יאָ, איך האָב געזאָגט אַ ליגן, ווייל איך ווייס אויך נישט, וואָס איז דאָרט הינטערן וועלדל. אָבער גלייבן און האָפן איז אַזוי גוט! איך האָב דאָך מער נישט געוואָלט — אויפוועקן דעם גלויבן און די האָפענונג! דער האָלצפּיקער איז אפשר גערעכט. אָבער אויף וואָס באַדאַרף מען זיין אמת, אויב ער לייגט זיך אַוועק ווי אַ שטיין אויף די פליגלען און ער דערלויבט נישט הויך אַרויפפליִען צו די הימלען״?

און דער יונגער ראָמאַנטיקער זינגט זײַנע „ליגנערישע" לידער, ער זינגט אַ „לויבגעזאַנג פאַר דעם אומזין פון די דרײַסטע", פאַר די סאָקאָלן, וועלכע קומען אום אין זייער פלי נאָך „פרײַהײַט און ליכט". ער דערציילט אונדז לעגענדעס וועגן דעם דרײַסטן דאַנקאָ, וועלכער האָט זײַן ברוסט צעשניטן, פון דאָרטן דאָס האַרץ אַרויסגעפליקט און אויף שטיקער צעריסן. דאָס האַרץ האָט געלויכטן ווי אַ פאַקל און האָט באַלויכטן דעם וועג פון דעם זומפּיקן וואַלד פאַר די מענטשן. זיי זענען שוין איצט גליקלעך, זיי האָבן שוין פאַרגעסן אין דעם פירער, וועלכער האָט זיך פאַר זיי מוסר-נפש געווען, און זיי פאַרלעשן מיט אַ ברוטאַלן פוסטריט דאָס ברענענדיקע האַרץ פון דעם געשטאָרבענעם העלד.

אין דעם דאָזיקן פעריאָד פון זײַן שאַפן באַזינגט גאָרקי בלויז די געוואַגטקײַט, דעם שווּנג, דעם הייב אין דער הייך,— אַלץ איינס וואָס דערפון וועט אַרויסקומען. זאָל זײַן אונטערגאַנג. אַבי אַ שיינער, אַבי אַליין אַ געוויילטער. אין דעם יונגן זוכנדיקן ראָמאַנטיקער ברויזט אַ סטיכיע, אַ בונט, אַ פאַרלאַנג צו אַקטיווקײַט. און באַלד טרעפט ער זיך אָן אין זײַנע וואַנדערוועגן אויף אַזעלכע מענטשן, וועלכע לאָזן זיך נישט ברעכן פון לעבן, גיבן זיך נישט אונטער דעם אײַנגעפונדעוועטן רעזשים פון שטייגער, פון מאָראַל, פון די קאָנווענציאָנעלע ליגנס.

דאָס זענען מענטשן פון דער אונטערוועלט, מענטשן פון דעק, וואַגעבונדן, וואָגלער און זוכער. און מאַקסים גאָרקי ווערט אַנטציקט פון זייער אייגנאַרטיקער לעבנס-פילאָזאָפיע, פון זייער ווּנטאַרישער סטיכישקײַט, פון זייער העלדישן געראַנגל און העזשישן ווידערשטאַנד.

מאַקסים גאָרקי ווערט דער דיכטער פון די דאָזיקע „אויסגערמענטשן" פון דעק, פון די דאָזיקע אַנטימאָראַליסטן, וועלכע האַנדלען לויט זייערע שטאַרקע אינסטינקטן, פלאַמענדיקע לײַדנשאַפטן, און לאָזן זיך נישט פאַנגען אין די שטײַגן פון געמיטלעכער באַלעבאַטישקייט און ליבלעכער מאָראַלישקייט.

אינדיווידואַליזם און אינסטינקטיוויזם — דאָס זענען די צוויי

לייטמאַטיוון, וועלכע גייען דורך איבער די ווערק פון מאַקסים גאָרקין אין ערשטן פעריאָד פון זיין שאַפן. דער צאַרישער רע־זשים האָט אַזוי דערשטיקט די פּערזענלעכקייט, האָט אַזוי גע־האַלטן די מענטשן צונויפגעדריקט אין אַן ענגער, דומפּער קאַ־זאַרמע, אַז יעדער בונט קעגן די איינגעפונדעוועטע יסודות, אַז יעדער געוואַגטער שריט, יעדער פּראָטעסט קעגן געזעץ איז אויפ־געכאַפּט געוואָרן דורך דער דעמאָלטדיקער געזעלשאַפט ווי אַן אָנזאָג, אַ בשורה, אַ נייער ניגון פון אָנקומענדיקע שטורעמפייגל.

גאָרקין דעם זוכער אָבער האָט אַזאַ הוילע ראָמאַנטיק, אַזאַ אויסזיכטלאָזע אַקטיווקייט, אַזאַ פאַרשווענדערישער העראָיזם נישט געקאָנט באַפרידיקן.

עס קומט אָן אַן איבערברוך אין זיין גאַנצער וועלט־אָנשויונג. אין זיין דערציילונג „דער לעזער" טרעפן מיר זיין ערשטן אָפנהאַרציקן ווידוי: „צום ערשטן מאָל האָב איך אַריינ־געקוקט אויפמערקזאַם אין דער טיפעניש פון זיך אַליין. זאָל מען נישט מיינען, אַז איך דערהייב זיך אָדער דערנידעריק זיך, כּדי צו ציִען אויף זיך די אויפמאַרקזאַמקייט פון מענטשן — ביי בעטלער בעט מען נישט קיין נדבה. איך האָב אַנטדעקט אין זיך נישט ווייניק גוטע געפילן און פאַרלאַנגען, אָבער קיין געפיל, וואָס זאָל פאַראייניקן אין זיך אַלץ, אַ שלאַנקער און קלאָרער געדאַנק, וואָס זאָל אַרומנעמען אַלע דערשיינונגען פון לעבן, האָב איך אין זיך נישט געפונען. ביי מיר אין דער נשמה איז פאַראַן אַ סך שנאה, זי טליִעט דאָרט תּמיד, אָפט מאָל פלאַקערט זי אויף מיט אַ העלן פייער פון צאָרן, אָבער נאָך מער פאַרמאָג איך ספקות"

און עס האָט זיך געדוכט, אַז די דאָזיקע ספקות וועלן איבעררייסן דעם קוואַל פון אָפּטימיזם און גלויבן, וואָס האָט אַזוי געשפּרודלט פון גאָרקיס ווערק, אָבער צום גליק האָט דער קינסטלער־ראָמאַנטיקער געפונען דעם סינטעז, דאָס פאַראייניקטע געפיל, וואָס ער האָט אַזוי פיבערהאַפט געזוכט: ער האָט עס געפונען אין מענטשלעכן קאָלעקטיוו, אין גרויסן אַרבעטנדיקן פאָלק. אַקטיווקייט, העראָיזם, נעוואַגטקייט און באַהעפטונג מיטן

קאָלעקטיוו, מיט דער גרויסער סאָציאַלער מאַסע — דאָס איז דער כּולל פון אַלץ, — דאָס איז דער שלאַנקער און קלאָרער געדאַנק, וואָס נעמט אַרום אַלע לעבנס-דערשײַנונגען.

און אין גאָרקיס שאַפן קומט אָן אַ נײַער פעריאָד מיט נײַע העלדן, „נײַע באַלעבאַטים פון לעבן". אָנשטאָט די „גע-וועזענע מענטשן", אָנשטאָט דעם דעק און אונטערוועלט טרעטן איצט אַרויס פאַר אונדז אין אַלע ווײַטערדיקע גאָרקיס ווערק די לעבעדיקע אַקטיווע קעמפער פאַר אַ נײַע וועלט, די, וועל-כע פאַרמאָגן אין זיך דעם הערלעכן אינדיווידואַליזם פון די ערשטע מיט אַ טיפן געפיל פאַר קאָלעקטיוו אַלס יסוד פון גאַנצן לעבן.

אין דעם דאָזיקן פעריאָד פון סינטעטישן שאַפן זאָגט שוין גאָרקי אין זײַן הימן צום מענטשן:

„עס וועט קומען אַ טאָג, און אין מײַן ברוסט וועלן זיך צוזאַמענגיסן דער גרויסער שעפערישער פלאַקער, די וועלט פון מײַן געפיל מיט מײַן אומשטערבלעכן געדאַנק, און מיט דעם דאָזיקן פלאַם פײַער וועל איך אויסברענען פון מײַן נשמה אַלץ וואָס ס'איז טונקל, האַרט און בייז, און איך וועל זײַן געגליכן צו די געטער, וועלכע מײַן געדאַנק האָט געשאַפן און שאַפט.

אוןווירקלעך, דער גלויבן אין מענטשלעכן קאָלעקטיוו, אין זײַן פרײַהייט און גליק, ווערט פאַרוואַנדלט בײַם דיכטער אין אַ טיפער רעליגיע, וואָס קאָן ווײַזן נישט ווייניקער וווּנ-דער ווי די אַלטע קלויסטער-אמונה (אין זײַן ווידוי). גאָרקי ווערט דער דיכטער פון הומאַניטעט. אָבער נישט פון דער סענ-טימענטאַלער, באַדנלאָזער מענטשלעכקייט אין זיסן און אין זויערן, נאָר פון יענעם הומאַניזם, וועלכער שטייט אויף אַ פעסטן באָדן פון רעאַלער ווירקלעכקייט, וועלכער ווערט גע-בויט אויפן פונדאַמענט פון „גרויסן צאָרן" פון דעם עקספּלו-אַטירטן קלאַס, דער הומאַניזם פון אַרבעטנדיקער מענטשהייט.

גאָרקי איז אַ נאַציאָנאַלער קינסטלער דורך און דורך אַ געדיכטע גרויע פאַרב פון דער רוסישער קולטור, פון רוסי-

שע הימלען און רוסישע סטעפּעס ליגט אויסגעגאָסן אויף אַלע זײַנע ווערק, אָבער דאָך קוקן אַרויס פון די דאָזיקע געדיכטע נאַציאָנאַלע פלאַסטן געשטאַלטן און בילדער, וועלכע זענען נאָענט און פאַרשטענדלעך אַלע מענטשן, אָן אונטערשייד פון קולטורעלער דיסטאַנץ. דאָך שרײַט אַרויס פון גאָרקיס זאַפּטיקן רוסיש אַ פלאַמענדיקע ליבע צו אַלע מענטשן, צו אַלע לײַדנ־דיקע, צו אַלע, וועלכע קעמפן און וואַגן.

# אינהאַלט:


זייט

ביאָגראַפיע 7

## פון מיכאַלעוויטשס זכרונות

צער־בעלי־חיים 33
מײַן פאַרהעלטעניש 38
הינטערן שלאָס 53
דער 10טער פאַוויליאָן 60
ראַדאָם 66
די פאַרטיי־קאָנפערענץ און דער דורכפאַל 83
מײַן צווייטער אַרעסט 91
די מינסקער תפיסה 97
אויפן ווײַטן צפון 107
צוריק אַהיים 117
נײַע געפענגענישן 136
אַהין און צוריק 151

## מיכאַלעוויטש וועגן שרײַבער

י. ל. פרץ 183
פרץ־פײַערונגען (צום 10טן יאָרצייט פון י. ל. פרץ) 192
מענדעלע מוכר ספרים (צום 10טן יאָרצײַט פון ממו״ס) 199
שלום עליכם, קינסטלער און מענטש (אַ בינטל זכרונות) 205
אברהם רייזען, דער נאָענטער דער האַרציקער
(צום 50יאָריקן געבורטסטאָג פון אברהם רייזען) 213

יונה ראָזענפעלד, דער שרייבער פונעם נאַכטיקן איז מענטשן 219
מאָריס ווינטשעווסקי, דעם זיידן צו זיין יום־טוב (צום 50יאָריקן
יובילײ פון מ. ווינטשעווסקיס ליט. טעטיקייט) . 225
אסתּר רחל קאַמינסקי, דער בלאָנדזשנדער שטערן . . 229
ברוך שפּינאָזע, צו זיין 250טן יאָרצייט . . . . 233
מאָליער, דער מיזאַנטראָפּ־מענטשנפריינד
(צו דעם 300יאָריקן געבורטסטאָג פון מאָליער) . 245
מאַקסים גאָרקי, פון פּערזענלעכקייט צו קאָלעקטיווי
(צו זיין 60יאָריקן יובילײ) . . . . . . 251

## בילדער

ביינוש מיכאלעוויטש (האָלצשניט פון ש. נ.) . . . . 3
ביינוש מיכאַלעוויטש פאַר דער מלחמה . . . . . 27
ביינוש מיכאַלעוויטש און ב. וולאַדעק ביי מעדעמס קבר
אין ניו־יאָרק . . . . . . . . 29
ביינוש מיכאַלעוויטש, ב. וולאדעק, זיבערט, און נח אויפן
ביינוש מיכאַלעוויטש אין דער יוגנט . . . . . . 51
ביינוש מיכאלעוויטש אין קריניצע . . . . . 81
דאָס לעצטע בילד פון ב. מיכאלעוויטש . . . . . 115
ווארשעווער פליפעלד . . . . . . 179
י. ל. פּרץ . . . . . . . . . . 183
מענדעלע מוכר ספרים . . . . . . . 199
שלום עליכם . . . . . . . . . 205
אַברהם רייזען . . . . . . . . . 213
יונה ראָזענפעלד . . . . . . . . . 219
מאָריס ווינטשעווסקי . . . . . . . . 225
אסתּר רחל קאָמינסקי . . . . . . . 229
ברוך שפּינאָזא . . . . . . . . . 233
מאָליער . . . . . . . . . . 245
מאקסים גאָרקי . . . . . . . . . 251